STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04008

# DER IDISHER REDNER

Y. L. Lazerov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער
# אידישער רעדנער

צווייטער טהייל

אויף עין יעקב

פון

## הרב י. ל. לאַזעראָוו

ארויסגעגעבען פון

פרדס בוך סטאָר

י. ז. בוכבינדער, פּאַבלישער

28 קאַנאל סטריט

ניו יאָרק — 1927

Copyright, 1927
by
PARDES HEBREW ENGLISH BOOK STORE
U. Z. BOOKBINDER, Prop.
New York, N. Y.

284

נדפס בבית הדפוס אָריאָם פרעס, 54 קאנאל סטריט, ניו יאָרק, נ. י.

# אינהאַלט:

עטליכע ווערטער פון פּאבלישער — 9
הקדמה — 11
לחדש אלול — 15
לימים נוראים — 16
לראש השנה — 17
לראש השנה בעפאָר תקיעות — 19
לראש השנה בעפאָר תקיעות — 20
לראש השנה בעפאָר תקיעות — 22
לראש השנה ולצדקה — 24
לשבת שובה — 26
נאָך כל נדרי — 27
ליום הכפורים — 31
ליום הכפורים — 30
ליום הכפורים — 34
ליום הכפורים — 35
ליום הכפורים — 36
לסוכות — 37
לסוכות — 41
לשמחת בית השואבה — 42
לשמחת בית השואבה — 43
לחנוכה — 44
לחנוכה — 46
לחנוכה — 47
לפּורים — 49
לפּורים — 50
לפּורים — 51
לפרשת שקלים — 54
לפרשת שקלים — 56
לפרשת זכור — 57
לפרשת בשלח ולפרשת זכור — 59
לפרשת פרה — 61

לשבת הגדול — 62
למעות חטים — 63
לפסח — 64
לפסח — 66
לפסח — 67
ליציאת מצרים — 69
ליציאת מצרים — 72
ליציאת מצרים — 73
ליציאת מצרים — 74
ליציאת מצרים — 75
לשבועות — 76
לשבועות — 77
לשבועות — 78
לשבועות ולשבת שובה — 79
לשבועות — 83
לשבועות — 85
לשבועות — 88
בין המצרים ולתשעה באב — 91
בין המצרים ולתשעה באב — 92
בין המצרים ולתשעה באב — 93
בין המצרים — 94
בין המצרים — 95
לט"ו כסלו — 98
לטהרת המשפחה — 100
לנשואין — 101
לנשואין — 102
לנשואין — 103
לנשואין — 105
די אשה — 105
לברית מילה — 106
לברית מילה — 107
לברית מילה — 108
לבר מצוה — 109
לבר מצוה — 113
לבר מצוה — 116
לחנוך הבנים — 119

לחנוך הבנים — 121
לחנוך הבנים — 124
לחנוך הבנים — 126
לחנוך הבנים — 130
לחנוך הבנים — 132
לחנוך הבנים — 133
לחנוך הבנים — 134
כבוד אב ואם — 135
כבוד אב ואם — 136
להספד — 137
להספד — 139
להספד — 141
להספד — 142
לתנחומים בבית אבל — 144
להקמת מצבה — 145
לחנוך הגדר — 147
לחנוכת בית הכנסת — 149
לחנוכת בית הכנסת — 151
אינסטאַלליישאַן פאַר אַ רב — 154
לשמחה של מצוה — 156
לצדקה — 158
לצדקה — 159
לצדקה — 163
לצדקה — 164
לגמולת חסדים — 166
לגמולת חסדים — 167
לגמולת חסדים — 169
די מצוה צו לערנען תורה — 171
חכמת שלמה — 173
גוף ונשמה — 174
ישראל בין העמים — 177
ישראל בין העמים — 179
ישראל בין העמים — 180
שביל הזהב — 182
שביל הזהב — 184
פרומקייט בעצאַלט זיך — 185

להחזקת התורה — 186
להחזקת התורה — 188
יעקב און די שבטים — 189
למזונותיו של אדם — 190
פרנסה און קריעת ים סוף — 192
פרנסה און קריעת ים סוף — 193
פרנסה און די יולדת — 195
די הייליגקייט פון שוהל — 196
תורה און דרך ארץ — 197
רייכקייט און אידישקייט — 199
די אידישע נאטור — 200
דונער און שטורם — 201
קול יעקב וידי עשו — 201
אמאליגע גדולים — 202
טבע און נס — 204
צדיק און רשע — 206
אחדות — 207
הגאולה הבאה — 208
רוים וישראל — 209
יהודי באהליך — 210
מספר בני ישראל — 211
היינטיגע און פארצייטיגע — 213
דער מענטש און זיין שכר — 214
צוואה פון עלטערן — 215
גלות הגוף — 216
גלות הנפש — 217
גלות הגוף וגלות הנפש — 219
דער רבונו של עולם און די שוהל — 220
דאם דעמאקראטישע פאלק — 222
טבע און נס — 224
דרוש פיר שלום — 225
דרוש לתשובה — 226
די פליכט פון מענטשען אויף דער וועלט — 229
מוסר השכל — 231
מוסר השכל — 233
מוסר השכל — 234

לתלמוד תורה — — — — — — — — — — — — — — — 236
די ליעבע טייערע וועלט — — — — — — — — — — — — — 237
ווי אזוי דארף מען דרשה'נען — — — — — — — — — — 239
למקבלים באהבה — — — — — — — — — — — — — — — 241
דוד המלך און זיין כנור — — — — — — — — — — — — 242
דער יעצטיגער עגל הזהב — — — — — — — — — — — 243
להכרת הבורא — — — — — — — — — — — — — — — 245
לכבוד בית הכנסת — — — — — — — — — — — — — — 246
לכבוד תלמידי חכמים — — — — — — — — — — — — 248
תורה ודרך ארץ — — — — — — — — — — — — — — — 249
צדיקים ורשעים — — — — — — — — — — — — — — — 250
תפלותינו — — — — — — — — — — — — — — — — — 251
מדה כנגד מדה — — — — — — — — — — — — — — — 253
לשם שמים — — — — — — — — — — — — — — — — 255

# עטליכע ווערטער פון פּאַבלישער.

כל ימי גדלתי בין הדרשנים והמטיפים, וכל מעיני שמתי בטיב ספרי הדרוש השונים, העתיקים והחדשים, אַלע מיינע בעסטע יאָהרען, האָב איך אַ דאַנק דעם וואָס איך בין געשטאַנען בראש פון אונזערע בעסטע דרוש מרכזים אין לאַנד, פאַרבראַכט אין אַ סביבה פון פּאַר־שידענע רבנים און דרשנים און געהאַט די בעסטע געלעגענהייט צו לערנען און פאַרשען אויף דעם פעלד פון דרוש אין פאַרשידענע תקופות און צייטען, ווי אויך האָב איך קענען געלערענט דעם כאַראַקטער פון די אַלערליי פאָדערונגען פון פאַרשידענע רבנים דרשנים, כל אחד לפי רוחו ומנהגו, מקומו ועדתו, און ווען איך בין געוואָרען זעלבסט־שטענדיג אַלס מוכר ספרים ומוציא לאור, איז מיר גלייך אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אַרויס צו געבען אַ סעריע פון דרוש ספרים, וועלכע זאָלען זיין שווים לכל נפש, זיי זאָלען גלייכצייטיג קאָנען צופרידען שטעלען אַלעמען. הן מיט זייער רייכען אינהאַלט, און הן מיט זייער פיעל־פאַרביגע דרשות ונאומים, פאַר אַלע מעגליכע אַנגעלעגענהייטען אין אונזער רעליגיעזען און געזעלשאַפטליכען לעבען, לפי רוח התורה ולפי רוח הזמן.

והנה הזמין ד׳ לידי אַרויס צו געבען אַן אויסערגעוועהנליכען ספר; „דער אידישער רעדנער" חלק ב, על עין יעקב, פון באַוואוסטען הרב המפורסם ר׳ יהודה ליב לאַזעראָוו יחי׳.

אַ ספר וואָס איז באמת מלא וגדוש מרגליות של דרוש, פּערלען פון געדאַנקען, הויכע רעיונות און טיפע געדאַנקען.

לא ארבה לדבר בשבחו של הספר, ווייל דער נאָמען פון זיין חשוב׳ען מחבר, און דער אונשעצבאַרער אינהאַלט רעדען און וועלען רעדען פאַר זיך אַליין.

איך פון מיין זייט האָב ניט געזשאַלעוועט קיין מיה און געלט אום צו מאַכען מיין ערשטען פּאַבלישינג אַרויסטריט פון מיין אויבען־דערמאַנטער אידעע וואָס שענער און פּראַכטפאָלער כפי שתראינה עיניכם, איך פאַרענדיג מיט מיין האַרציגער בקשה, פון אַלע חשוב׳ע רבנים און דרשנים, וועלכע וועלען מעיין זיין, און זיך באַנוצען מיט דעם ספר, זאָלען אויף אַזוי פיעל גוט זיין מיך באַעהרען און צושיקען זייערע מעגליכע באַמערקונגען וועלכע איך וועל זעהר הויך

שעצען, און וועלכע וועלען מיר געווים באלייכטען און העלפען אין דער שווערער אויפגאבע צו פארווירקליכען מיין גרויסע אידעע: להוציא לאור בעזרת השם יתברך, די ווייטערע סעריע פון מבחר ספרי דרוש, וואס וועלען זיין אן איבערראשונג לכל דורשיהם.

בכבוד רב

**י. ז. בוכבינדער,**

בעל הוצאת ובית מסחר ספרים „פרדס“.

# הקדמה

### איינינע ווערטער צום פּובליקום, און איבערהויפּט צו אַלע מיינע פריינד, די וועלכע שעצען מיין אַרבייט, און צו די וואָס זיינען מיט'ן אמת:

איך האָב קיין מאָל ניט געשריבען קיין הקדמות, און אויב איך האָב יא איינינע שורות געשריבען אלס הקדמה, האָב איך קיינע „התנצלות" ניט נעגעבען פאַר מיינע לעזער, און זיך ניט פאַרענט־פערט, וואָס עס האָט מיך געצוואונגען צו שרייבען דעם און דעם ספר, ווייל יעדער טהוט וואָס ער וויל און וואָס ער פאַרשטעהט, אי־בערהויפּט אויף מיינע ספרים, וואָס יעדער נוצט עס אויפ'ן פּלאַט־פאָרם יעדען שבת, יעדען יום־טוב, אין פריידען און אין ליידען.

נאָר דאָס מאָל וועל איך גראָדע משנה זיין מיין מנהג און וועל אַ גרויסע הקדמה שרייבען, און איך וועל ערקלעהרען דעם עולם, וואָרום איך האָב אַזוי פיעל ספרים געמאַכט, און יעצט, אויף מיין עלטער, רוה איך ניט און שרייב ווייטער. דארום וועל איך דאָ ער־קלעהרען דעם ריינעם אמת, וואָרום איך האָב עס געטאָן ביז יעצט און איך טהו עס אויך יעצט, מיט דעם ספר, אָבער איך מוז דערצו אַביסעל שרייבען וועגען זיך אַליין, וואָס דאָס איז געגען מיין פּרינציפּ פון זיך אַליין צו רעדען. עס העלפט אָבער ניט. ווייל דעם מאָל, וואָס דאָס איז דער לעצטער ספר מיינער; מעהר ווי דעם וועל איך שוין ניט שרייבען, ווייל איך פיהל זיך צו אַלט, די קרעפטען זיינען ניטאָ, פון טאָג צו טאָג ווער איך שוואַכער און שוואַכער, דארום בעט איך נאָר ביי השי"ת, אז ער זאָל מיר העלפען און געבען כח, צו פאַרענדיגען דיעזען ספר, וואָס נאָך מיינע מבינות נאָך, וועט דער ספר זיין דער נוצליכסטער פון אַלע מיינע ספרים — פון די אַלע וועלכע איך האָב געשריבען ביז יעצט.

ווען איך בין געקומען קיין אמעריקא מיט דרייסיג יאָהר צוריק, און איך האָב באַטראַכט דעם מצב הרבנות, אז אַ שוהל וואָס האָלט אַ רב זיינען די שכירות פון אכט ביז צעהן דאָלאר אַ וואָך, און דער

לעבען פון די רבנים הענגט אימער אין דער לופטען, עס ווענדעט זיך אויב די מעהרצאהל ביי דעם מיטינג וועלען שטימען פאר דעם רב, אויף נאך א יאהר איהם אנצוהאלטען, און ער איז נעבאך אונטער־ווארפען אונטער דעם פרעזידענט זיינעם און אפילו אונטער יעדען מעמבער, און ער טאר ניט זאגען וואס ער וויל, נאר וואס דער פרע־זידענט מיט זיינע בעאמטע ווינקען אן...

האב איך מיר באזונען אט וואס: אזוי ווי איך בין א דרשן און מטיף, און אלע זיינען צופרידען פון מיינע דרשות, צו וואס דארף איך די רבנות און נעהמען א קליינעם געהאלט, און זאגען וואס דער פרע־זידענט הייסט און וואס אלע זיינע גוטע אידען הייסען... וועט דאך דאן מיין זאגען געווים ניט טויגען, ווייל אז מען מוז זאגען וואס יענער וויל הערען, ניט וואס דער דרשן וויל זאגען, טויג דער דרוש אויף גאר ניט. אזוי איז עס... אז וויבאלד איך האב אזא טאלאנט, דארף איך קיין רבנות ניט האבען און איך וועל ממילא פאר א פרע־זידענט קיין מורא ניט האבען, און איבערהויפט פאר די מעמבערס. אי, טאמער וועלען זיי מיר ניט וועלען, נו — איז ניט. און איך האב אנגעפאנגען שרייען אויף דער בימה, אז איך בין ניט קיין רב, אז איך בין א דרשן.

אין אנפאנג האט מען מיר געגלויבט אומעטום פאר דער טהאט, אבער שפעטער, אין עטליכע יאהר ארום, האבען די „ר א ב א נ צ י ־ ק ע ם", וואס קטני עבה ממתניהם... געמאכט מיר צו קליין־געלט... און מיר האט עס געארט ווי דעם וואנט... (איך רייד מאמע לשון אין דער הקדמה...)

און דאנקען השי"ת איך האב ניט ערגער געמאכט פאר זיי... און איך האב מיר אפגעמאכט אין מיין געדאנק — ניט צו האנדלען זייערע האנדלונגען... און איך האב מיר ווייטער גענומען אויף זיך, אז „בקהלם אל תחד כבודי" — און איך בעט ביים השי"ת, אז נאך מיין לעבען „זאל „בסודם אל תבא נפשי", ווייל איך האב טאקע געמאכט א לעבען פון מיינע דרשות, אבער פאר מיין ארבייט וועל איך ניט געשטראפט ווערען. איך האב ניט נושא פנים געווען קיין מעמבער, קיין גביר, קיין פרעזידענט אפילו אויך ניט. איך האב געארבייט אן אמת׳ע ארבייט, לשמה... דאס ווייסט השי"ת, און פון מענשען ווייסען דאס די, וועלכע זיינען ביי דעם אמת...

און דארום האב איך דאס רוב דרשות מיינע ארויסגעגעבען אין ספרים, אויך ניט וואס די וועלט גלייכט, דהיינו: גלעטען די רשעים?

נײן! טויזענד מאָל נײן! די ספרים מײנע זאָגען עדות אויף דעם אבער נוצבאר זײנען זײ, אז עס איז ניטאָ קײן רב, קײן גאון, קײן רעוורענד, וואָס זאָגט ניט פון מײנע ספרים.

אין ניו יארק זײנען דאָך גאָר אײנפאַכע רבנים ניטאָ, נאָר בלויז גאונים, ווײס איך פון אַ גאון, וואָס האָלט אַלע מײנע ספרים און זאָגט פון זײ יעדען מאָל וואָס ער זאָגט און וואו ער זאָגט, נאָר אין שאַפּע שטעהען זײ מיט׳ן רוקען צום וואַנט און מיט די בלעטער צום פּנים, כדי מען זאָל ניט זעהן, אז דאָס איז מײנער א ספר. — ער מאַכט חוזק פון מײנע ספרים און אַלײן זאָגט ער פון זײ.

און דארום האָט מיר געצוואונגען מײן גײסט צו שרײבען, און דרוקען, און דאַנקען השי״ת, אז אַלע זײנען מסכים, אז מײנע ספרים האָבען זײ גוטעס געטאָן. דעם ספר, וועלכען איך גיב יעצט ארויס פאַר אײך, איז דער בעסטער ספר וואָס איז ווען געדרוקט געוואָרען. דאָס ערשטע — ווײל ער איז אויף „עין יעקב" די הונדערטע מאמרים, ווען אימיצער זאָגט „עין יעקב" פאַר׳ן עולם קען ער האָלטען „דעם רעדנער" און כסדר אויף יעדען מאמר זאָגען, כסדר הש״ס. ווען אי־מיצער דאַרף אַ דרוש האַלטען, אין פרײדען אָדער ח״ו לײדען, זאָל ער קוקען אין „תוכן הענינים" און ער וועט אַלעס געפינען, אויף יעדער זאַך אײניגע דרשות. מײן ערשטער רעדנער איז אויף תורה כסדר, און דער צווײטער און דריטער, און פערטער רעדנער איז כסדר אגדות חז״ל, פון אָנפאַנג ברכות ביז נדה, און די לעצטע אויך אין כלל.

איך מוז אײך ערקלעהרען, אז דאָס זײנען ניט אַלע חדושים מײנע, נאָר פון אַ סך ספרים, מעהרערע, וואָס איך געדענק ניט, און די וואָס איך געדענק, ווערט געזאָגט ווען דאָס איז.

מײנט נאָר דעם אמת, און זײט דאַנקבאַר, און דערמאָנט מיר צום גוטען, ווײל קײן ביזנעס דערפון מאַך איך ניט. איך האָב קײן מאָל פון קײן ספר ניט געהאט גרויסע פּראָפיטען... קרימט ניט מיט׳ן נאָז... אין דער צײט וואָס איהר אַלײן ווײסט, אז עס איז פאַר אײך גוט, זײט ניט קײן כפוי טובה, וועט אײך השי״ת געבען אַלדאָס גוטס, נאָך דעם וואונש פון דעם

**מחבר.**

# לחודש אלול

(יומא, דף ע״א)

„אתהלך לפני ד׳ בארצות החיים״ „אמר רב יהודה זה מקום שווקים״.

ווי דער חודש אלול קומט נאר אן, אזוי הייבט מען באלד אן בלאזען שופר, אנצוזאגען אז דער „יום הדין הגדול והנורא״ קומט באלד אן, איין פיער וואכען צייט ארום, כדי יעדער זאל זיך קענען צוגרייטען מיט זכיות צום יום הדין.

איך האב אמאל איין מיינעם א דרוש, וואס איך האב געהאלטען פאר א גרויסען עולם, אין דעם שבת וואס מען בענשט ר״ח אלול געזאגט פאלגענדעס:

רבותי! זאלען מיר זעהן, און אבלערנען זיך אמוסר פון אונזערע חזנים מיט די משוררים, פון זיי קענען מיר זעהן ווי ווייט מען דארף זיך מעורר זיין צו תשובה פאר ימים נוראים, און ווי לאנג פריהער, ד.ה. בעפאר ימים נוראים, דארף מען זיך אנהייבען צו־גרייטען מיט תשובה און מעשים טובים. — דער חזן, איבערהויפט זיינע משוררים הייבען זיך אן מסדר זיין די תפלות, מיט זייער געזאנג, מיט אכט וואכען בעפאר ימים נוראים... און פאר וועמען איז ער זיך מסדר? געווים ניט בלויז פאר גאט, נאר איבערהויפט פאר מענשען. הייינט אז ער איז זיך אזוי מסדר פאר מענשען, ביי זיי אויסצונעהמען, טא וויפיעל דארף זיך דער מענש מסדר זיין ווי אזוי תשובה צו טאהן פאר דעם רבוש״ע, דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא?... דאס איז דער מאנאט אלול וועלכען מען האט אונז געגעבען זיך אנצוהייבען פארצייכען מיט גוטע מעשים, א מאנאט בעפאר ימים נוראים.

נאך א גרעסערען מוסר קענען מיר האבען, פון די סוחרים, די ביזנעסלייט. אז ווען עס דארף קומען דער סעזאן, איז מיט א מאנאט בעפאר דעם סעזאן, דעם גאנצען מאנאט, גרייטען זיי זיך צו מיט סחורה, און יעדער סוחר איז זעהר פארנומען, ער לויפט, ער פליהט, ער געהט, האט קיין צייט ניט צו עסען און צו טרינקען. פרעגט

איהם נאר, ר' שמעריל! וואס לויפט איהר אזוי? ווער יאגט אייך? איהר עסט ניט, איהר טרינקט ניט, וואס טהוט זיך מיט אייך? וועט ער אייך גלייך אנטווארטען וואס הייסט „ואם לא עכשיו אימתי?" — איך דארף זיך גרייטען איינקויפען וואארע פאר דעם סעזאן, אדער ווי מען זאגט אין רוסלאנד פאר דעם יאריד...

היינט על אחת כמה וכמה, וויפיעל דארף מען זיך גרייטען, פאר דעם יום הדין, וואס דאן איז דער גאנצער לעבען אין געפאהר, מען דארף דאך אויסבעטען ביי גאט א יאהר פון לעבען, געזונד און פרנסה, פאר זיך און פאר דער פאמיליע.

„אתהלך לפני ד' בארצות החיים" זאגט דוד, איך געה פאר גאט, ביי דעם יום הדין, צו שטעהן צום משפט, דערפון לערן איך אב, אז מען דארף זיך צו גרייטען כאטש א מאנאט בעפאר, איך לערן עס פון „בארצות החיים" פון די לענדער וואו די ביזנעס איז גרויס, איז פון די ביזנעסלייט לערן איך אב ווי אזוי מען דארף זיך בעסערען. בארצות החיים, פון די פלעצער, וואו מען מאכט א לעבען אין די גרויסע שטעדט. און דאס קומט רב יהודא און גיט צו ער־קלעהרען דייטליכער, „בארצות החיים" —„ זה מקום שווקים" ודו"ק.

# לימים נוראים

(**ברכות**, דף נ"ה)

ג' חלומות מתקיימין, חלום של שחרות, וחלום שחלם לו חבירו, וחלום שנפתר בתוך חלום. —

דער מענש וואס לעבט מיט רעכענונג, דער הייסט דער ריכטיגער לעבעדיגער מענש, דער מענש וואס לעבט א הפקר־לעבען, אהן תורה און אהן מצות, אזוי ווי עס וואלט ניט געוועזן ח"ו קיין דין קיין דיין, דאס הייסט א חלום לעבען, ער חלומ'ט אפ זיין גאנצען לעבען, ביי דער ענדע וועט ער אליין זעהן, אז זיין לעבען איז געוועזן כחלום יעוף.

אבער ווען ער כאפט זיך אויף כאטש ימים נוראים צייט, הייסט עס די צייט, וואס ער כאפט זיך אויף ש ח ר י ת, ווייל ער טשוכעט זיך אויס, פון פינסטערן שלאף, און ער שטעהט אויף פון זיין שלאף,

ווי דער נביא זאָגט: „עורו ישנים משנתכם" — ימים נוראים, ווען ער באַרעכענט זיך אויף צו שטעהן. דאַרום הייסט ימים נוראים „שחרית", ווייל פיעלע שטעהען אויף פון שלאָף... און דאַרום איז דער „חלום של שחרית" גוט, ווייל ער שטעהט דאָך אויף — פון שלאָף.

אויך בין אדם לחבירו, דאַרף ער זעהן, זיך בעסערען אויף דעם העכסטען אָרט, אין דיעזע צייט, ווייל דאָס וואָס אנבעלאַנגט מענש צו מענש, שטעהט העכער אין דיעזער צייט. „לפני ד'תטהרו", בעפאָר איהר ווילט זיך רעכטפערטיגען אין דעם וואָס אנבעלאַנגט „בין אדם למקום", דאַרפט איהרזיך פריהער רעכטפאַרטיגען אין דעם וואָס אנ־בעלאַנגט „בין אדם לחבירו. „לפני ד' תטהרו", וואָס אייך האָט זיך גע'חלומ'ט אין גאַנצען יאָהר, אַרומלויפענדיג אין ביזנעס, לויפענדיג און האַוועגדיג, אַז יענעמס איז הפקר, דערשטיקען דעם צווייטען, אַבי אַליין האָבען; אין דיעזער צייט, דאַרף ער זיך באַזינען, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ חלום. דער אמת איז, אַז יענער איז אויך אַזאַ מענטש ווי איך, „וחלום שחלם לו חבירו", אין דעם חלום פון לעבען דאַרף מען קוקען וועגען יענעם אויך, „וחלום שחלם חבירו", אין חלום לעבען, דאַרף זיך חלומ'ען, פון דעם צווייטען. גליקליך איז דער יעניגער, וועלכער הויבט אָן פיהלען, אַז ער לעבט אין חלום, ער הייבט אָן זיך פותר חלום זיין; ער הייבט אָן, זיך אַרום קוקען, וואָס וועט זיין? מען דאַרף דאָך באַטראַכטען: האָב איך אָבגעלעבט אַ גוטען חלום אָדער איז עס געווען אַ שלעכטער חלום. און ווען נאָך איז די צייט מעהר מסוגל דערויף ווי די ימים נוראים צייט. אַ גוטער חלום איז „וחלום שנפתר בתוך חלומו", אַזאַ לעבען, וואָס עס איז טאַקע כחלום יעוף, „שנפתר בתוך חלומו" אין זיין חלומ'ען בעשיידעט ער זיך דעם חלומ'ען, דאָס הייסט, ער זעהט אַז דער חלום זאָל זיין אַ גוטער. ודו"ק.

# לראש השנה

(ראש השנה, דף י"ז)

„היכא עביד ראָ"א כובש ריב"ח אמר נושא" וכו'.

די זינד פון דעם מענשען, אַז מען זאָל עס אָבשאַצען אין דעם ערד, אַנטקעגען ווען מען דער מענש, דער שפל ונבזה, האָט געזינדיגט, אַנטקעגען דעם „בורא עולם", דאַן איז די זינד זיינע זעהר גרויס, און

עס וואלט גאר ניט מעגליך זיין צו טאהן תשובה, אז וויפיעל ער זאל בעטען ביי השי"ת און וואס פאר א סיגופים ער זאל זיך אנטהאן, איז ניט גענוג, ווארום ער האט דאך געזינדיגט פאר דעם מלך מלכי המלכים.

און ווידער די מצות וואס דער מענש טהוט, אז מען זאל עס שאצען אז דער מענש האט עס געטאהן פאר גאט ב"ה, איז דאס זעהר קליין, וואס קען דען דער נידעריגער קלייניקער מענשעלע טוהן פאר גאט, און עס זאל גענוג זיין.

אבער אז מען שאצט אב די עבירה, אין דעם ערך פון דעם מענשען, אז דער שפל ונבזה, דער מענשעלע האט געטאהן א שלעכטעס, איז דאס זעהר קליין די עבירה. און די מצוה אז מען שאצט אב, קעגען דעם בורא עולם, פאר ווער מען האט זי געטאהן, פאר דעם מלך מלכי המלכים איז זעהר גרויס דער שכר פון דער מצוה.

וואס טהוט דער „בורא עולם", דער „בעל הרחמים", ער שאצט די עבירה וואס דער מענש האט געטאהן, קעגען דעם ערך פון מענשען, במילא ווערט די עבירה קליין, און ער שאצט די מצוה וועלכע דער מענש טהוט, ניט אז דער מענש טהוט עס פאר זיך, נאר ער טהוט פאר דעם מלך מלכי המלכים, איז די מצוה גרויס.

דאס איז די פלוגתא פון ר"א מיט ריב"ח, זייער פלוגתא איז, אין וואס פאר איין ארט, דער רבוש"ע איז „מטה חסד כלפי חסד". איז ר"א זאגט, אז דער אופן איז קעגען דעם וואס ער שאצט די מצוה, איז געטאהן געווארען קעגען איהם, ער מאכט די מצוה גרויס, ער איז „כובש" ער פרעסט אראפ די זעלבע מצות, ער מאכט שווערער די מצוה, גרויס די מצוה, כובש ודו"ק.

ריב"ח זאגט, דער חסד איז, וואס ער מאכט די עבירה קליין, מען שאצט ניט אנטקעגען ווען דער מענש האט די עבירה געטהאן, ווייל דאן וואלט געווען די עבירה זעהר שוועהר, נאר ער שאצט עס קעגען דעם מענשען אליין, ווער עס האט עס געטאהן, דער „שפל ונבזה", ווערט די עבירה גרינג. די עבירות ליגען אויפ'ן וואג־שאל, א סך, גאר א סך, נעמט דער בורא אין ער איז נושא, ער הויבט אויף די וואג פון די עבירות, צו ווייזען אז די עבירות ווערען קליין און דאס הייסט „נושא", ער ווייזט אז די עבירות־וואג, איז גאנץ גרינג, ודו"ק.

# לראש השנה בעפאַר תקיעות

(ראש השנה, דף ל"ב)

אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, מפני מה אין אומרים ישראל שירה בר"ה וביוה"כ, אמר להם, אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, וישראל אומרים שירה.

איך האָב געזעהן ווי איינער פרעגט אַ זעלטענע פראגע, קעגען דעם וואָס דער רבוש"ע ענטפערט די מלאכים מיט דעם וואָרט „אפשר" מלך יושב על כסא דין, פאַר וואָס גאָר אפשר? געווים זיצט דאָך דער רבש"ע אויף דעם כסא דין, טאָ וואָס איז דער געדאַנק מיט דעם וואָרט „אפשר"?

ספרים קלעהרען, אַז אין דער אמת, האָט מען געדאַרפט זאָגען „הלל" אום ראש השנה, ווייל מיר זאָגען הלל „אפילו מעבדות להרות", אַז מיר זיינען אַרויס פון מצרים, און אום חנוכה, היינט אַז ראש השנה נאָך תקיעות גלייך זעצט זיך דער רבוש"ע על כסא רחמים, איז דאָך „ממות לחיים" דאַרף מען דאָך געווים זאָגען הלל?

נאָר דאָס וואָלט געוועזן גערעדט, אַז מיר וואָלטען געוואוסט יעדערער, אַז ער איז אַרויס ממות לחיים,—אָבער אַז מיר ווייסען דאָך נים, וואָס פאַר אַ גוט „יום טוב" מען זאָגט צו יעדען פון אונז, דארום אַנטוואָרט זיי דער רבוש"ע, אמת, איהר זייט גערעכט, עס איז פאַר פיעלע אַ יום טוב, עס ווערט אַנגעשריבען „ממות לחיים" און געזונד, און פרנסה אויך נחת פון קינדער, אָבער יעדער איינער ווייסט דאָך נים, ווי מען האָט איהם אַנגעשריבען, עס איז דאָך פאַר זיי „בכסא ליום חגינו" אַ צוגעדעקטער „יום טוב" עס איז דאָך ביי זיי „אפשר" פיליייכט ווייל „מלך יושב על כסא דין" און ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, ביידע ביכער אין וועלכען עס ווערט פאַרשריבען למות פאַר איינע און פאַר אַנדערע לחיים, די טויטע ביכער און די לעבעדיגע ביכער זיינען פאַר איהם אָפען, ווי באַלד עס איז ביי זיי „אפשר" ווייל „מלך יושב על כסא ד י ן" טאָ ווי אַזוי זאָלען זיי הלל זאָגען? ...

# לראש השנה בעפאר תקיעות

מפני מה אין אומרים ישראל שירה בראש השנה, א"ל
אפשר מלך יושב על כסא דין וספרי חיים וספרי מתים
פתוחים לפניו, והם אומרים שירה?

ווען עס איז געווען די גרויסע מלחמה, צווישען פראנקרייך און דייטשלאנד, און דייטשלאנד האט דאן א גרויסען זיעג געהאט, איז ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט און דאס דייטשע מיליטער האט אריינגעמארשירט צוריק אין בערלין, דאן איז אויף א גרויסען פלאץ אויפגעשטעלט געווארען א גרויסע פלאטפארמע, אויף דעם איז גע־שטאנען דער קייזער און פיעלע גענערעלער און הויכע מיליטערישע בעאמטע.

האט דער קייזער געהייסען דעם קאפעל־מייסטער שפיעלען זעהר א טרויעריגען ניגון. זאגט צו איהם דער פעלדמארשאל: טהייערער קעניג, אין אזא גרויסע שמחה, וואס אונזער זיעג איז אזוי גרויס געווען, איז אין אזא שמחה, הייסטו שפיעלען טרויעריג, ווארום איז דאס?

מיין טהייערער פעלד־מארשאל! ניט וואס איך זעה, זעהסטו, און ניט וואס דו זעהסט זעה איך. זיי וויסען אז איך פיהל אויך פון דער שמחה, פיליכט מעהר ווי דו פיהלסט, אבער דו זעהסט נאר די שמחה ווי זי איז, און איך זעה די שמחה, כאטש זעהר גרויס, אבער אויך מיט פיעל טרויער באצווינגען. אמת דו זעהסט אז אין יעדען פאלק סאלדאטען זיינען פארפולט די מענשען, אומגעפעהר א פאלק באשטעהט פון צוויי טויזענד מענשען, און יעצט האבען די זעלבע פאלקען אריינגעמארשירט אין שטאדט מיט געזאנגען, און זיי זיינען אויך יעצט יעדער פאלק צוויי טויזענד מענשען. איך זעה אבער, אז מען וואלט ניט יעדען טאג צוגעשיקט פרישע קרעפטען, יונגע סאלדאטען אנצופילען זייער צאהל, וואלט יעדער פאלק בא־שטאנען פון הונדערט מענשען אדער נאך ווייניגער. אמת זיי זיינען פול אין צאהל יעצט, אבער וואו זיינען די ערשטע, וועלכע זיינען אין די פאלקען געשיקט געווארען אין אנפאנג פון דער מלחמה? זיי ליגען אין א גרוב צו הונדערטער און מעהרער, האט מען אימער זיי געשיקט נייע, פרישינקע העלדען צו דער פילען אין די פאלקען די צאהל. וויפיעל זיינען אויסגעשלאכטעט געווארען, וויפיעל זיינען פאר־קריפעלטע געבליבען, וויפיעל אלמנות, וויפיעל יתומים, וויפיעל

מוטערס, אָהן קינדער? פאַר דיר איז די שמחה גרויס, אָבער פאַר מיר שטעהט אויך דער אונגליק פון מיינע קינדער פאַר מיינע אויגען.

רבותי! מיר גייהען גלייך מקיים זיין די „מצות עשה" פון שופר בלאָזען, מיר געהען באַלד בלאָזען שופר, און דער בעל תוקע וועט מאַכען די ברכה „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" — וואָס עפּעס ביי דער ברכה, וואָס זי איז אויף שמחה אומעטום געשטעלט געוואָרען, און היינט ביי תקיעות שופר, אַז מען מאַכט די ברכה, גיסען זיך טרעהרען, אַ קרעכץ ווערט אַרויס געריסען פון טיעפּסטען הארצען, און דוקא ביי אַזאַ פרעהרליכער ברכה?

נאָר דאָס איז דאָס זעלבע ווי דער פריהערדיגער משל. אמת טאַקע מען זאָגט „גוט יום טוב", עס איז אַ פרעהליכער יום טוב, אונזער נייער יאָהר, אַ פרעהליכער טאָג, און מיר זעהן אַז אונזערע שוהלען, זיינען פול מיט מענשען. אמת, פריינדע, עס איז פול, אָבער זאָלען מיר זיך גוט צו קוקען, וועלען מיר געפינען זעהר פיעל וואָס פעהלען פון פאַר יאָהרען ראש השנה, זייערע פּלעצער זיינען פאַרנומען מיט אַנדערע. אויף די פּלעצער וועלען מיר געפינען יעצט איינצעלנע מענשען, וואָס פאַר יאָהרען זיינען זיי געוועזען אַגוועזענד. מיר האָבען דאָ פיעלע מענער וואָס עס פעהלען זיי זייערע פרויען, פיעלע פרויען וואָס עס פעהלען זיי היינטיגען יאָהר זייערע מענער, קינדער וואָס זיינען געזעסען מיט די עלטערען, פעהלען זיי יעצט, און פיעלע עלטערן וואָס עס פעהלען זיי זייערע קינדער, און די אַלע איז ניט ניחא זייער לעבען, זיי רופען אויף זיך דעם טויט. אמת זיי זיינען געוועזען פאַריאָהרען פאַרצייכענט צום לעבען, בספר החיים, אָבער וואָס טויג זיי זייער לעבען, אַז זיי בעטען אויף זיך דעם טויט.

די מלאכים פרעגען וואָרום זאָגען די אידען ניט קיין הלל אום ראש השנה וואָס עס איז „ראש חדש" און „יום טוב", זאָגט ב"ה צו זיי, ווי איז דאָס מעגליך, אַז זיי זאָלען הלל זאָגען, אַז „מלך יושב על כסא דין" און „וספרי חיים" טאַקע זעהר פיעל ווערן פאַרשריבען אין די לעבעדיגע ביכער זיי זאָלען לעבען, אָבער פיעלע פון די לעבעדיגע, ד. ה. פיעלע פון די „ספרי חיים" הייסט ביי זיי גאָר „ספרי מתים", נאָך ערגער ווי ספרי מתים, ווייל זיי קענען זיך ניט דערבעטען זייער טויט... און קיינער ווייסט ניט, ווער עס איז אויף אַזאַ אַרט אַריין אין די ספרי חיים... השי"ת זאָל אונז געבען אַ שנת חיים און אמת'דיגען חיים, אָמן.

# לראש השנה בעפאַר תקיעות

(ראש השנה, דף ל"ב)

מפני מה אין ישראל אומרים שירה בראש השנה, וכו', ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו והם אומרים שירה? ...

די הייליגע חכמים האָבען זיך געקליגט, די הייליגע מלאכי אלקים, אונזערע חכמי התלמוד, האָבען אין זייער אויסדריק פון יעדען וואָרט זייערען, אונז געגעבען צו פאַרשטעהן, מיר זאָלען וויסען דעם געדאַנק פון זייערע אויסדריקע. זעהט מיינע טהייערע, ווי אזוי זיי האָבען זיך דאָ אויסגעטריקט, „ספרי חיים", אַ סך לעבעדיגע ביכער, „ספרי מתים" אַ סך טויטע ביכער, ניט געזאָגט „ספר החיים" „וספר המתים" פתוח לפניו, נאָר „ספרי" (רבים) חיים, וספרי (רבים) מתים פתוחים זיינען אַלע אָפען לפניו פאַר איהם? וואָס באַדייטעט עס? דער לשון רבים? און וויפיעל ביכער פון חיים דאַרף מען האָבען? און וויפיעל ביכער פון טויטע דאַרף מען האָבען?

מיינע טהייערע, ניט אַלע לעבענס זיינען גלייך, ניט אַלע טויטענפעלע זיינען גלייך. עס זיינען פאַראַן מענשען, נאָר זאָלען מיר ריידען „בלשון יחיד", עס איז דאָ אַ סאָרט מענש, וועלכער פאַרברענגט אַ גליקליכען לעבען, זיין גאַנצען לעבען, געהט דורך בלויז אין גוטעס וואו ער געהט און וואָס ער טהוט איז אימער צום גוטען, זיינע קינדער זיינען געזונט און העלדיש, און ער שטימט מיט זיי, און פרוי איז איין אשת חיל, און ער ליעבט איהר, זי ליעבט איהם, זיינע קינדער שטימען מיט איהם, ער האָט נחת פון זיי, זיי קווועלען אַן פון איהם, רייכקייט און פאַרגעניגען אין זיין הויז, די בעסטע ברכה, דאָס איז שלום, איז אין זיין הויז, זי היט איהם ווי די שוואַרץ־אַפּעל פון אויג, ער היט איהר נאָך מעהר ווי זיין לעבען.

ביים צווייטען סאָרט מענש איז זיין לעבען כסדר פול מיט שרעק, מיט צרות, וואו ער געהט, וואו ער שטעהט, זיין פרנסה הענגט אין דער לופטען און דאָס וואָס ער האָט, איז קוים אויפ'ן היינט, מוז אימער זאָרגען וואָס וועט זיין מאָרגען, און אַז עס איז קיין פרנסה אין הויז ניטאָ, רופט זי איהם „שלומיאל", קיין אַנדער נאָמען האָט ער ניט ביי איהר, ער רופט איהר שלי—מזל—ניצע, אין הויז איז קריעג, זי שרייט אויף איהם, ער שרייט אויף אהר, קריעג טאָג און נאַכט. פון קינדער צרות, פון לענדלאָרד אַ מוף־צעטעל.

איהר זעהט פון די צוויי, אז עס איז פאַראַן פאַרשיעדענע „ספרי חיים"

אויך די ספרי מתים, זיינען פאַרשיעדענע, איינער שטאַרבט צו זיין ריכטיגען עלטער, אזוי ווי די תבואה, אז די זאַנגען ווערען צייטיג, פול מיט די ווייץ, און ריכטיג ווייס, שניידט מען עס דאָן, אזוי שטאַרבט ער, צו זיינע פולע, פולע יאָהרען, פול און זאַט אין טעג. זיינע קינדער פאַרטיגע מענשען, זאָגאַר זיינע אייניקלעך. אלע זיינע זיהן פאַרהייראַט, און פיהרען גרויסע געשעפטען און ער איז צו פריעדען, פון זיין לעבען אין אלע הינזיכטען, זיינע טעכטער אויס־געגעבען און זיי לעבען זיך גליקליך מיט זייערע מענער, און אויך אייניקלעך און אור־אייניקלעך, פיינע שעהנע קינדער, באַגלייטען איהם צו זיין עוויגער רוהע.

און עס זיינען פאַראַן ניט ווינציג, די וואָס שטאַרבען זעהר יונג, נאָכדעם ווי ער האָט געליטען גרויסע שווערע שמערצליכע קראַנקהייטען און אַרום זיין בעט זיינען אַרומגערינגעלט קליינע קינדערלאַך, מיט אַ יונגע אלמנה, וואָס בלייבען אָהן מיטעלס־לעבען, און די אלמנה קלאָגט, ווער וועט זיין דער פאַרזאָרגער פון איהרע קליינע יתומים. פון די צוויי סאָרטען „ספרי מתים" זעהט מען די פאַר־שיעדענע סאָרטען טויטן און כדומה נאָך און נאָך.

**זאָגט** גאָט צו די מלאכים, ווי קענען זיי זאָגען הלל ראש השנה, — אַז מלך יושב על כסא דין „וספרי חיים" עס איז דאָ פאַרשידענע ביכער, פון חיים... און „וספרי מתים" פאַרשיעדענע ביכער פאַר מתים, וואָס פאַר אַ טויט, ווען עס וואָלט געווען איין ספר חיים, דער גוטער לעבען, און איין ספר פאַר מתים, דער שעהנער טויט, איז אפילו טאָמער וואָלט שוין יענער געהאַט דעם ספר מתים וואָלט אויך ניט געווען שרעקליך, ווייל וואָס קען מען טאָהן אַז עס קומט די צייט, מוז מען דאָך אַוועק פון דער וועלט מיט דעם שעהנעם און אַלטען טויט, וואָלטען זיי נאָך געקענט זאָגען הלל, אַז דער ספר חיים איז אַ גוטער און אַז דער ספר מתים איז נאָך אַ בעסערער. אָבער אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע „ספרי" חיים און „ספרי" מתים, און קיינער ווייסט ניט אין וועלכען ספר חיים, און קיינער ווייסט ניט אין וועלכען ספר המתים זיי וועלען פאַרשריבען ווערען, „והם אומרים שירה!"

# לראש השנה ולצדקה

ראש השנה, י"ז.

„מלמד שנתעטף הקב"ה כשליח צבור והראה לו למשה ואמר לו בשעה שישראל יעשו לפני כסדר הזה מיד יושעו" וכו׳.

מיינע טייערע! איך בין יעצט ארויפגעגאנגען אויף דעם הייליגען פלאטפארם, יעצט, בעפאר תקיעות, אין דעם גרויסען יום הדין „הגדול והנורא", רעדען פאר אייך, מיינע טהייערע. דאס איז דער שווערסטער פראבלעם פאר דעם דרשן, אין דער צייט צו האלטען דרשות, אין דער צייט וואס מיר בעטען „זכרנו לחיים" — פאר אונז און פאר אלע אנדערע, א לעבען פון געזונד, א לעבען פון פרנסה, א לעבען פון פרייד, א לעבען פון גליק, א לעבען פון מזל טוב — אין דער צייט טאר מען ניט דערמאנען אידען וואס זיי האבען געטהאן שלעכטעס געגען גאט ב"ה, הייסט עס, נאר מען מוז זוכען א זכות אויף יעדען. אבער דאך קענען מיר ניט אוועקמאכען מיט׳ן האנט אלעס. מיר מוזען כאטש דערמאנען פאר אייך דאס וואס איהר אליין שרייט היינט אוים צו מוסף: „ותשובה ותפלה וצדקה, מעבירין את רוע הגזרה", עס זאל ניט הייסען ח"ו, אז איהר רעדט פאלש. איהר זאגט „ותשובה", אויב מיר טהוען טאקע תשובה איז גוט, „ותפילה", אויב מיר ווען טאקע פון היינט אז אלע טאג „תפילה טהאן", דאוונען הייסט עס, מיר זאגען אויף „וצדקה", דאס איז אמת, דאס איז ריכטיג, אייער צדקה איז גרויס, אמעריקאנער אידען, גיבען גענוג און גענוג, זיי שטיצען אלע אידען איבער גאנץ אייראפא וואס דארפען שטיצע. די צדקה איז אזוי גרויס, אז עס קען צורייסען די בייזע גזירות וואס עס ווערען אויף אונז ח"ו נגזר.

גליקליך וואלטען מיר זיין, ווען אלע דריי וואלטען אויסגעפיהרט זיין ביי אונז אלעמען. דייטליכער: „ותשובה" „ותפלה" „וצדקה", „צום", „קול", „ממון" — דאן וואלטען מיר געווים גליקליך געווען, דאן וואלטען מיר געווים אלדאס גוטס געהאט, אבער אז ביי אנדערע ווערט עס ניט אפגעהיט, פיעלע זיינען מקיים „צום", „קול" און זיי קענען ניט מקיים זיין צו געבען „ממון", ווייל זיי האבען ניט. א קליינע צאהל פאסטען און דאוונען, אבער ווי נאר עס קומט צו ממון, ווילען זיי זיך ארויסדרעהען, זיי וועלען בעסער אפזאגען נאך צעהן קאפיטלאך תהלים איידער געבען.

די דריי, דאָס הייסט: „צום", „קול" און „ממון" גלייך איך צו צו דריי שטאַרקע פיס, אַלס ביישפּיעל צו פאַרשטעהן בעסער. אַ טיש איז אַ מאָל געמאַכט געוואָרען אויף פיער פיס, נאָכהער האָט מען אָנגעהויבען מאַכען די גוטע טישען אויף דריי פיש, דיקערע אַביסעל, און זעהר שעהנע אויסגעשניצטע פיס, פיינע אַרבייט. נאָכ־הער האָט מען אָנגעהויבען מאַכען די טישען אויף איין פוס, אָבער זעהר אַ דיקע פוס, און דער טיש האָט געקענט פעסט שטעהן. אין רוסלאַנד האָט מען עס גערופען אַ קלאַץ־טיש. דאָס איז געוועזען זעהר אַ שעהנער טיש, נאָר איין חסרון האָט ער געהאַט, אַז צופיעל זיך אָנלעגען אויף דעם טיש, דאָס הייסט, זיך שטאַרק אָנשפּאַרען האָט מען ניט געקענט, ווייל ער האָט זיך איבערגעבויגען פון צופיעל וואָג.

דאָס זעלבע איז מיט דריי „ותשובה ותפלה וצדקה", דאָס זיינען טאַקע די דריי פיס, אויף וועלכע דאָס יודענטום קען זיך האַלטען, דורך וואָס מיר באַקומען אַ גוט יאָהר, און מיר אַלע לעבען דורך דעם. היינטיגע צייטען האָבען די מעהרסטע צאָהל פון אונזערע ברי־דער נאָר די איין פוס „צדקה". איך מוז אייך זאָגען דעם אמת, אַז די פוס איז זעהר אַ דיקע, מען גיט צדקה, און איך זאָג אַז דער טיש קען שטעהן אויף איין פוס. געוועהנליך איז עס ניט גענוג מיט צדקה אַליין צו עקזיסטירען, ווייל אָנשפּאַרען צופיעל אויף דעם קען מען ניט, אָבער דאָך בעסער ווי די יעניגע וואָס גיבען ניט און זייער טיש האַלט זיך אויף צוויי פיס נאָר. אַזאַ טיש קען ניט שטיין. גליקליך וואָלטען מיר זיין, ווען אַלע דריי פיס זאָלען זיין. אָבער אַז מיר קענען ניט אויספיהרען דאָס אַלע דריי פיס זאָלען זיך געפינען, מוז איך זאָגען, אַז דער עיקר פוס, די וועלכע גיבען צדקה, און איהר, פרומע אידען, גליקליך זייט איהר, איבער גליקליך, אַז איהר זאָלט אויך דערנעהנטערען אייער „ותשובה ותפלה" צו „צדקה". מיר אידען לעבען ניט יעדער איינער פאַר זיך, מיר מוזען זאָרגען פאַר'ן צווייטען, און אַז מיר זאָרגען פאַר'ן צווייטען, דאַן זיינען מיר בטוח, אַז מיר קריגען פון אונזער פאָטער פון הימעל אַ גוט יאָהר, ווייל אַזוי האָבען אונז די חכמים געזאָגט מיט זייער רוח הקודש און זיי האָבען דאָס דער־קלעהרט אין דעם מאמר: „מלמד שנתעטף כביכול כשליח צבור" וכו'.

דער חזן, דער וואָס ווערט אויסגעקליבען פון דעם פאָלק, זיינע תפלות האָבען אַ גאַנץ אַנדער באַדייטונג ווי דער יחיד. יעדער איינער וואָס איז מתפלל, יעדער איינער בעט פאַר זיך. דער חזן זאָגט: „הנה באתי לבקש בעד עמך ישראל", ער איז דער בעטער פאַר אַלעמען, מעהר ווי פאַר זיך. דאָס איז די אויפגאַבע פון דעם „עם ישראל"

אין כלל, ווען זיי קומען אין די שוהלען ר"ה און יום כפור דארפען זיי זעהן צו זארגען פאר דעם צווייטען מיט־מענשען.

דאס האט השית מגלה געווען צו משה רבנו, „מלמד שנתעטף כביכול כשליח צבור", גאט ברוך הוא האט זיך אנגעטהאן ווי דער שליח צבור מיט אזא לבוש, מיט אזא מדה, פונקט ווי דער שליח צבור, וואס בעט פאר אנדערע, אזוי זאלען מיר טהאן פאר דעם צווייטען, וואס מיר קענען און ווי מיר קענען... העלפען דעם אנדערען כשליחי צבור, ווי דער חזן, „והראה לו למשה", און ער האט משה'ן געוויזען, „בשעה שישראל יעשו לפני כסדר הזה", ווען אידען וועלען טהאן אזוי ווי דער שליח צבור, אנגעטהאן מיט'ן טלית און בעט פאר דעם אנדערען, אזוי אז אידען וועלען טהאן, „שיעשו לפני", ניט פטור'ן מיט אפזאגען, נאר טהאן, „מיד יושעו", וועלען זיי געהאלפען ווערען, ודו"ק. (יעצ מאכט דעם אפיעל).

# לשבת שובה

אמר ר"ע אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין וכו'.
(יומא, דף פ"ה)

עס ציטערט אין מיר יעדער אבר, עס פלאטערט אין מיר יעדער גליד, עס טומעלט מיר מיין מוח, עס ציטערען מיר די הענט און פיס, מיינע ליפען און צונג ווילען זיך ניט באוועגען, ווען איך געה ארויף אויף דער פלאטפארם יעצט אין דעם שבת, ריידען פאר אייך, דער שבת וואס מען רופט „שבת תשובה" וואס מיר לייענען דעם מפטיר פון דעם געטליכען נביא, הושע, וואס ער האט אויסגעשריען פאר אונז, „שובה ישראל עד ד' א'" דער שבת וואס ער הייסט שבת שובה, אין דעם שבת וואס מען דארף תשובה טאהן אויף אלע שבתים פון יאהר, דעם לעצטען שבת, וואס ער איז בעפאר דעם יום הדין הגדול והנורא יום הכפורים.

די אלע עשרת ימי תשובה, איז יעדער טאג וואס מען טהוט תשובה, איז מכפר אויף אלע טעג פון יאהר, דהיינו דער זונטאג פון די צעהן טעג איז מכפר אויף אלע זונטאגס, און אזוי ווייטער, דאס זעלבע דער שבת, וואס ער הייסט „שבת שובה" דארפען מיר תשובה טהאן אויף אלע שבתים פון יאהר. א שרעק פאלט אן אויף מיר,

אַז איך דאַרף יעצט רעדען פאַר אייך פון דעם שבת קודש, ווי ער איז אָפּגעהיט געווען ביי אונז, און אפילו היינטיגען שבת ווי אַזוי ער איז געהיט, וכו׳ וכו׳.

ווען מיר וואָלטען שבת געהיט, וואָלטען מיר קיין מורא געהאַט, פאַר דעם יום הדין, אפילו כאָטש מיר זיינען אַ גאַנצען יאָהר „עובדי עבודה זרה״ צום „עגל הזהב״ — דעם דאָלער... און מיר וואָלטען כאָטש שבת ניט מחלל געווען, געהיט זיך ניט עובר צו זיין אויף די ל״ט מלאכות, וואָלטען מיר אַרויס געגאַנגען זכאים בדין, ווי די חכמים זאָגען „כל השומר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו״.

און דאָס זאָגט רבי עקיבא, אידעלאַך זייט וויסען צו היטען כאָטש דעם שבת פון עובר זיין די ל״ט מלאכות וועט איהר זיין זכאים בדין. „אשריכם ישראל״, גליקליך זייט איהר אידען, אַז גאָט ב״ה, האָט אייך געגעבען אַזאַ מתנה דעם שבת קודש, וואָס מיט היטען דעם שבת, איז מען אייך מכפר אַלע עבירות אייערע. „אשריכם ישראל״ ווען איהר האָט דעם ״לפני מי״ דאָס הייסט „לפני״ בעפאַר „מי״ בעפאַר דעם וואָרט „מי״. וואָס איז בעפאַר דעם מ״ם — איז דאָך אַ למ״ד, בעפאַר דעם יו״ד פון וואָרט „מי״ — איז דאָך אַ טי״ת, — אין איינעם איז דאָס ל״ט — דאָס זיינען די ל״ט מלאכות ניט עובר צו זיין אויף זיי אום שבת קודש, אַז איהר זאָלט היטען דעם „לפני מי״ — איז געוויס „אתם מטהרין״ וועט אהר געוויס גערייניגט ווערען.

---

# נאָך כל נדרי

„והשעיר אשר עלה עליו הגורל״.

צוויי ציעגעלעך האָט גענומען דער כהן גדול, אַוועקגעשטעלט איינע ביי זיין רעכטער האַנד, די צווייטע ביי זיין לינקער האַנד, צוויי צעטעלאַך האָט ער אויפגעשריבען, איינע „לד׳״, צו גאָט, און איינע „לעזאזל״. אַריינגעטהאָן ביידע צעטעלאַך אין אַ יאַרמולקע, אויסגע־מישט, און געצויגען דעם גורל. דעם צעטעלע וואָס די רעכטע האַנד האָט אַרויסגעצויגען, אַוועקגעלייגט אויף דער ציעגעלע פון דער רעכטער האַנד, דעם צעטעלע וואָס די לינקע האַנד ציהט אַרויס — אויף דער ציעגעלע וואָס שטעהט לינקס, און אויף וועלכע עס איז „לד׳״, געהט לד, און אויף וועלכע „לעזאזל״ געהט לעזאזל.

איך האב אימער ניט פארשטאנען וואס האט מען געדארפט פראווען די צערעמאניע מיט דעם גורל. זאל ער נעהמען א ציגעלע „לד׳׳" און א ציגעלע „לעזאזל" און גענוג!

טהייערע ברידער, ווען איך בין יעצט ארויפגעגאנגען אויף דעם פלאטפארם צו רעדען פאר אייך, בין איך זעהר שטארק צושראקען געווארען. ווארום? דאכט זיך אז איך בין איינגעוואהנט צו שטעהן פאר א פאבליק א גרויסען נאך מעהר ווי היינט? נאר מיין שרעק איז איינפאך: אלע מאהל אפילו אז איך זאג א ביסעל תוכחה, זאג איך עס מיט א וויץ, א שעהנעם משל, און עס זעהט אויס ווי עס וואלט גאר קיין תוכחה ניט געווען. אבער יעצט, קיין וויץ, קיין פאנ־טאזיעס, נור תוכחה. האב איך מיר געטראכט: ווער בין איך, אז איך זאל תוכחה זאגען פאר אייך!

נאר מיין שרעק איז פאראיבער, פריינדע, מיט דעם משל וואס איך וועל אייך גלייך זאגען, וועט איהר פארשטעהן מיינע ווערטער.

אין א שטאדט האט אויסגעבראכען א פייער ביי זעהר א שעהנעם בעל הבית, אין מיטען דער נאכט. אין דער צווייטער הויז האט גע־וואהנט אויך זעהר אן אנשטענדיגער בעל הבית, א פריינד פון דעם בעל הבית, האט דער בעל הבית געשיקט זיין משרת: לויף שנעלער און וועק אויף דעם פריינד מיינעם מיט זיין הויזגעזינדע, ווארום עס ברענט דא, קען זיך אנצינדען אויך זיין הויז.

רופט זיך אב דער משרת: בעל הבית לעבען, ווי קום איך איהם וועקען פון שלאף, אזא שעהנעם אידען, און צווייטענס, וועט ער דען מיך פאלגען, מיר, משרת? ווי קום איך איהם צו געבען עצות?

שוטה איינער וואס רעדסטו? — זאגט צו איהם דער בעל הבית. ווען איך וואלט דיך געשיקט איהם געבען אן עצה, איז וואס אנדערש, איך שיק דאך דיר אנזאגען וועגען פייער. געה, קלאפ אן שטארק און שריי אויס: עס ברענט! ער האט דאך א פארמעגען און קליינע קינדערלעך אויך, ווי דו וועסט איהם נאר אנזאגען, וועט ער גלייך שנעל אויפשטעהן....

פריינדע דאס זעלבע האב איך מיר באזאגען. איך האב מיך בעפאר דערשראקען אומזיסט, ווי קום איך אייך היינט צו זאגען מוסר, תוכחה, אייך געבען עצות ווי אזוי זיך צו פיהרען. מיין שרעק איז אומזיסט. איך בין יעצט געקומען אייך נאר זאגען אז עס ברענט א פייער, איך בין אייער משרת, איך דארף שרייען: „עס ברענט!"

עס ברענט אזא פייער, וואס פון פאר א יאהרען יום כפור ביז היינט זיינען צוגעקומען צעהנדליגע טויזענדע אלמנות און הונדערטע

טויזענדע יתומים, פון דעם גרויסען פייער וואָס ברענט די גאַנצע וועלט. אַ האַלבען מיליאָן אידען זיינען געווים געבליבען אָהן זייערע היימען, פון זייערע הייזער איז געוואָרען בערגלעך אַש, פון גרויסע שטעדט — אַ גרויסער באַרג, היינט איז דער יום הדין הגדול והנורא, היינט איז אַ פייער! נאָר שטעהט אויף פון פינסטערען שלאָף, איהר שלאָפט, איהר זעהט ניט וואָס עס טהוט זיך יעצט. בעט ביי גאָט ער זאָל דעם וועלט־פייער שוין סטאָפּען, שטעהט אויף, עס וועקט אייך אַ משרת אייערער, קוקט ניט ווער דער וועקער איז, אָבער הערט ווי ער וועקט אייך, ראַטעוועט אייערע קליינינקע קינדערלאַך פון פייער, פון יום הדין, זיי זאָלען קיין יתומים ניט בלייבען. שטעהט אַליין אויף, איהר זאָלט ניט פאַרברענט ווערען.

עס איז אַ פייער אויף אונזער תורה, דאָ אין אַמעריקא, אַ העלישער פייער ברענט אין יעדע אידישע הויז כמעט, דער שבת איז שוין באַלד פאַרברענט, די תפילין — דאָס זעלבע די כשרות איז אין האַלבען ברענען, די טהרת המשפחה ברענט שוין אויך... איך, אייער משרת, וועק אייך, אַנטלויפט פון פייער!... ראַטעוועט זיך!...

מיר זיינען דאָך יעצט גלייך צום „שעיר המשתלח“, די ציעגעלע וואָס איז געשיקט געוואָרען לעזאזל אין דעם מדבר. אַרויפגעטראָגען האָט ער איהר אויף דעם שפּיץ פון גרויסען מדבר־באַרג, און האָט איהר אַרונטערגעשליידערט פון דעם אַנדער זייט באַרג. אַז זי איז גע־קומען צום האַלבען באַרג איז זי שוין געווען צוריסען אויף גליעדער....

פריינדע, מיר זיינען דאָך דאָס יעצט אַליין! אַמאָל, אַז מיר זיינען אַרויפגעקומען אויף דעם באַרג פון לעבען, צו פופציג יאָהר, האָט דאָך יעצט יעדער פאָטער און מוטער אָנגעהויבען האָבען נחת, אָראָב צער גדול בנים, חתונה געמאַכט די קינדער, מען זעהט זיך שוין מיט זייערע פרוכט, איין איידעם אפילו אַ בעל מלאכה, אָבער אַ גרויסער עהרליכער איד, איין איידעם איז יעצט אָרוים פון קעסט, אַ תלמיד חכם, האָט געמאַכט אַ בשמים סטאָר...ביידע זיהן זיינען שעהנע מענשען, איינער אַ שוחט, דער צווייטער אַזוי אַ מופלג גדול, אַ פלאַקס סוחר, ער קויפט אויך וואַלד... אוי, אַ נחת! גוטע איידעמס, טהייערע זיהן, ליעבע פרומע טעכטער, כשר'ע אייניקלעך...

היינט אַז מען קומט אויף דעם באַרג, קיידי האָט טאָקע חתונה געהאַט, אָבער די מאַמע קען ביי איהר ניט קומען. עס איז ניט כשר. ער איז גאָר אַ סאָציאַליסט, דער איידעם הייסט עס. בעסי האָט שוין קינדערלעך, אָבער... דזשייק האָט שוין אויך געהייראַטה, אָבער נאָר אין קאָורט... מייק געהט שוין אַרום מיט אַ מיידעל זעקס יאָהר, דער

אַלטער קען שוין ניט פאַרדיענען קיין סך, ביי קינדער קען מען ניט זיין... אין מיטען באַרג אַז מען האַלט, ווערט מען שוין צוריסען גליעדערווייז ... אַ ריכטיגער שעיר לעזאזל ...

איינגערע מענשען, הויבט אָן אַ ביסעלע אויפוואַכען פון אייער שלאָף, גיט אַ קוק, אַז אפילו אַ בהמה וויל אויך ניט אַז זי זאָל גע־בראַכט ווערען פאַר אַ קרבן צו עבודה זרה, דער אָקס פון אליהו הנביא געהט ניט צו די נביאי הבעל, צו אליהו הנביא געהט ער אפילו גע־קוילעט צו ווערען פאַר גאָט. ער לויפט צו איהם, דער כהן גדול דאַרף מקריב זיין צוויי ציגעלעך, איינע צו גאָט און איינע לעזאזל, ער האָט ניט קיין רעכט צו נעהמען זיי וועלכע ער וויל, ווייל די ציגעלע לעזאזל קען דאָך אַ טענה האָבען וואָס עפּעס ניט מיר לד׳ נאָר לעזאזל? אַלזאָ, דאַרום האָט ער געדאַרפט מאַכען מיט אַ גורל. איך דענק אַז איהר וועט פאַרשטעהן געגוג דערפון. און אַלעם ענדע, יונגע קינדער, אַנטלויפט איהר פון גאָט, און איהר זייט אַוועק ווייט, ווייט, לעזאזל, פון די עלטערן האָט איהר געמאַכט אַ שעיר לעזאזל ...

עלטערע מענשען, טאַטעס, מאַמעס, באָבעס, זיידעס, דאָך שטעהט אויף, און ראַטעוועט זיי פון דעם יום הדין הגדול, וואָס ברענט ווי אַ פייער, זיי זאָלען ניט אָבגעריסען ווערען ח״ו פון אייך. איך האָף אַז זיי וועלען זיך בעסערען און השי״ת וועט אונז געבען אַ שנת חיים ופרנסה, אמן.

# ליום הכפורים

(פסחים, דף נ״ו)

אמר ר׳ אבהו, התקינו שיהא אומרים אותו בקול רם (ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד) מפני תרעומות המינין (רש״י, שלא יהיו אומרים עלינו שאנו מוסיפין דבר שאינו הגון בחשאי), ובנהרדעי דליכי מינין, עד השתא אמרי לה בחשאי ...

אַלזאָ ווייסען מיר, אַז דאָ וואו עס זיינען דאָ מינין, דאַרף מען זאָגען בקול רם, אין דער הויך, כדי זיי זאָלען אונז ניט חושד זיין אַז מיר זאָגען עפּעס אַ דבר שאינו הגון אין דער שטיל. האָט מיר איינער געפרעגט „רבי! איך וועל אייך אַ קשיא פרעגען, אין נהרדעי וואו עס זיינען קיין מינין ניט געווען, האָט מען געזאָגט אין דער שטיל,

טאַ פאַר וואָס זאָגען מיר אין דער שטיל, מיר האָבען דאָך מינין.... עס פעהלט אונז דען?

מיין טהייערער! — האָב איך איהם געאַנטוואָרט, וואו האָט איהר ביי היינטיגע צייטען געטראָפען אז מינין זאָלען געהן אין מיטען וואָך אין שוהל דאווענען? ווער דאַוועגט יעצט אין די שוהלען אַ גאַנץ יאָהר? אַלטע, קראַנקע, צרה'דיגע אידען, און פיעלייכט וועט איהר דענקען, אַז טאַמער כאַפּט זיך אַריין אין שוהל אַ היינטיגער יונגער, קדיש זאָגען איז ער אַ מין, מיין טהייערער, דער וואָס געהט אין שוהל דאווענען, דער וואָס קומט אפילו בלויז קדיש זאָגען, דער איז ניט קיין מין, זאָל ער זיין, וואָס ער איז, זאָל ער זיין, וואו ער איז... אָבער קיין מין איז ער ניט, מעגען מיר זאָגען אין דער שטיל. אַ בעוויז צו מיינע רייד האָט איהר אויבענאויף, יום כפור אין שוהל זאָגט מען בקול רם, ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד, ווייל יום כפור, קומען שוין מינין אויך אריין אין שוהל, ודו"ק.

---

# ליום הכפורים

(תענית, דף כ"א)

„זמנא חדא בעי לשדורי ישראל דורון לבי קיסר, אמרו מאן ליזל? ייזיל נחום איש גם זו וכו', שדרו בידיה מלא סיפטא דאבנים טובות ומרגליות, אזל בת בההוא דירא, בליליא קמו הנך דיוראי ושקלינהו לסיפטיה ומלונהו עפרא, למחר כי חזינהו, אמר גם זו לטובה, כי מטא התם, חזינהו דמלא עפרא, בעא מלכא למקטלינהו לכולהו, אמר קא מחייכו בי יהודאי, אתא אליהו אדמי ליה כחד מנייהו, אמר דילמא הא עפרא, מעפרא דאברהם אבוהון, דכי הות שדי עפרא הוו סייפיה, גילי הוו גירי וכו', הוי חדא מדינתא, דלא מצו למכבשה, בדקו ביניה וכבשיה, עיילו לבי גנזיה ומלאוהו לסיפטיה אבנים טובות ומרגליות, ושדרוהו ביקרא רבה".

איך וועל דעם מאמר ערקלעהרען זעהר בקיצור.

„זימנא חדא", איין מאָל, דאָס הייסט איין מאָל אַ יאָהר, דאָס **איז יום כפור**, אין דער צייט ווען דער מלכו של עולם איז גוזר גזירות אויף דער גאַנצער וועלט, און איז אין כעס אויף אידען פאַר זייערע **זינד**, „**בעי לשדוריה ישראל דורון לבי קיסר**", ווילען אידען שיקען

א מתנה, דעם קיסר, דעם מלכו של עולם דאס איז מצות און מעשים טובים, דען אין דעם טאג זאמלען זיי זיך איין אלע און קומען אין בית מדרש און טהוען מצות, מעהר פאר'ן גאנצען יאהר.

דאן שיקען זיי זייער רב פון שוהל, דען אויף יעדער צרה, איז דער רב איינגעוואוינט צו זאגען „גם זו לטובה", דען געווים פעהלט איהם קיין צרות ניט, מאן ייזיל? „ייזיל נחום איש גם זו" ווער זאל געהן זיין דער מליץ טוב? ווער זאל טראגען די מתנה? דער רב! דער גם זו לטובה'ניק, און דורך איהם, שיקען זיי „מלא סיפטה אבנים טובות ומרגליות", דאס איז זייערע מעשים טובים, נאר באמת, אז דער רב גיט א קוק אין קעסטעלע, זעהט ער אז עס איז פול מיט ערד, די מעשים טובים, די מצות, אפילו פון היינט איז ערד. קמו הנך דיוראי ומלינהו עפרא. דען אפילו די על־חטא׳ס וואס זיי טראסקען און קלאפען זיך אין הארצען, איז פול ערד, מיט גשמיות פערבונדען.

דער רב, דער „גם זו" — מוז דאך געפינען א זכות, געפינט ער טאקע זאגט ער „גם זו לטובה", ווייזט ער אויף, אז אידען זיינען דאך א טייערע פאלק, דאך געקומען, כאטש איין מאהל אין יאהר. ניט גוט איז שוין מיט די וואס קומען שוין איין מאהל אין יאהר אויך ניט.

איך האב זיך יעצט געשטעלט אויף דעם הייליגען פלאטפארם, איך וויים וואס אין קעסטעלע איז, נאר מיינע טהייערע! איך געפין א זכות, „גם זו לטובה", און אז איך זאל דעם זכות ניט געפינען וועט דאך דער מלכו של עולם, „בעי למקטלינהו לכולהו".

איך וויים אז מעהרערע פון דאנען, דאס יעדערער פון דעם רוב אידען וואס זיינען דא היינט פאראן זאגט וואס קען איך זיך העלפען. דער רבוש"ע האט אונז ארום געטריבען שוין נאהנט פון צוויי טויזענט יאהר, יעצט געפינען מיר זיך אין א לאנד, וואס די לאנד איז נאר אן ערד־לאנד, דאס הייסט קיין גייסט איז דא ניט פאראן, נאר מאטעריאליש, קערפערליך, מען זוכט צו מאכען א לעבען צו קענען עקזיסטירען, מיר קענען זיך ניט העלפען. אט איז א טאג, וואס מיר קומען דאך האבען א שטיקעל חשבון הנפש. מיר וויסען, אז אין קעסטעלע איז ערד, אבער די ערד איז פון אברהם אבינו. אז ער ד ארף ארוים געהן מלחמה האלטען. ער אליין כמעט, זיך שטעלען אנטקעגען מיליאנען מענשען, זאגט ער, רבוש"ע, איך בין דאך נאר „עפר ואפר" וואס קען איך טאהן, אנטקעגען אזוי פיעל מיליאנען, דו ווייסט דאך מיין יחוס „עפר ואפר" ביזאיך. נעם רבוש"ע מיין עפר ואפר, און קעמפף פאר מיר.

אָט צוליעב דעם עפר ואפר, זיינען זיינע ווערטער געפלויגען אויף דעם שונא, און עס איז געוואָרען אויף זיי שווערדען מיט האַר־מאַטען, אַלערליי כלי־זיין, ווייל גאָט מוז איהם העלפען, אַז ער קען זיך ניט העלפען אַליין, ער געהט דאָך מציל זיין לוט, זיין פּלימעניק, זיין פריינט.

רבש"ע, איך שטעה יעצט פאַר דיר צו דערלאַנגען דיר אַ מתנה, צו ממליץ טוב זיין פאַר מיינע ברידער! איך וויים, דו ווייסט געווים, אַז מיר קענען ניט זאָגען, אַז די מתנה איז אבנים טובות ומרגליות, נאָר מיר אַלע זיינען זיך מודה, אַז מיר זיינען אַליין „עפר ואפר", מיר גיבען דיר די זעלבע ערד פון אברהם אָבינו.

נאָר רבותי! — אברהם אבינו איז געגאַנגען מלחמה האַלטען אנטקעגען מיליאָנען און האָט געשאָטען אויף זיי זיין „עפר ואפר", מיר טהוען עס אויך, אָבער מיר דאַרפען וויסען, אַז ווען קענען מיר זיעגען אין דער מלחמה, געגען די מיליאָנען מקטריגים וואָס זיינען אויף אונז היינט מקטרג און מיר שטעלען זיך קעמפּפען געגען זיי מיט עפר ואפר, נאָר דאַן ווען מיר זיינען מסכים אַז מיר קענען זיך אַליין ניט העלפען און מיר טהוען ווי אברהם אבינו, און אין גאַנצען ווי אברהם. דען אברהם געהט מלחמה האַלטען אנטקעגען אַזאַ עם רב, נאָר אום צו רעטען זיין פריינד, וואָס ער רופט איהם ברודער, „כי אנשים אחים אנחנו און פאַר דעם ברודער לוט שטעלט ער זיך איין זיין לעבען.

טהייערע ברידער! מיר האָבען אַ גרויסע צאָהל פון אונזערע ברידער אין שטאַרקען נויט, איהר ווייסט עס אַליין, היינט איז די מלחמה, אמת, איהר האַלט מלחמה מיט אברהם'ס כלי־זיין, אָבער איהר מוזט געהן זאָויף דער מלחמה באופן צו רעטען היינט אייערע ברידער, צו שיקען זיי הילף...

(דאָ איז פּלאַץ פאַר דעם אפּיעל).

השי"ת וועט אונז העלפען און מיר וועלען האָבען אַ שנת חיים ושלום, אמן.

# ליום הכפורים

(יומא, דף פ"ה)

„ואומר מקוה ישראל ד' (ירמיהו, י"ז), מה מקוה מטהרת את הטמאים, אף הקב"ה מטהר את ישראל".

זאגאר דער דרוש אויף יום הכפורים, וואס עס פאדערט זיך געווים, צו מעורר זיין דעם עולם מיט משלים און פאנטאזיעס, אבער אזוי ווי דער סדר איז נאר דעם מאמר אליין צו טייטשען, וועל איך ניט משנה זיין פון דעם סגנון.

זייט וויסען פריינדע! אז גאט ב"ה נעמט אן אונזער תשובה, און ער פארגיט אונז אונזערע עבירות, אבער ווען פארגיט ער אונז, אז מיר טהוען א ריכטיגע תשובה פאר דעם רבש"ע, דאס הייסט, אז מיר האבען חרטה אויף דעם וואס מיר האבען געטאהן און מיר נעהמען אויף זיך, פון יעצט אן זיך בעסערן און צו טאהן גוטעס.

אבער די וואס קומען און קלאפען זיך אין הארצען ביי „אשמנו" און ביי „על חטא שחטאנו לפניך" און מען האט קיין חרטה ניט אויף די פארגאנגענהייט, און מיר דענקען גאר ניט בעסער צו ווערען, די העלפט ניט די קלעפ וואס ער גיט זיך, דער פאפיר פון מחזור קען ניט העלפען, דאס וואס מען זאגט דעם אשמנו, און זא ווייטער, דאס איז נאך גאר ניט.

אז מיר געהן אין מקוה זיך טובל צו זיין, מוזען מיר וויסען, אז ניט די מקוה איז אונז מטהר נאר די תשובה, אדרבה, אזוי ווי מיר געהן אין מקוה, דארפען מיר לערנען טאקע, ווי אזוי איז דער דין פון „מקוה" און פון דעם דין פון דער מקוה, וועלען מיר פארשטעהן ווי אזוי מיר דארפען קומען פאר השי"ת, אין דעם הייליגען טאג.

דער דין פון מקוה איז, אז ווען איז די מקוה „מטהר" — אז מען וואשט זיך פריהער גוט ארום און עס איז ניטא קיין שמוץ אויף זיין קערפער, דאס הייסט קיין חציצה פון זיין פלייש צום וואסער, דאן איז די מקוה מטהר אבער אז עס איז דא א חציצה, איז די מקוה ניט מטהר, אזוי איז מיט אונז, אז מיר קומען ריין פאר דעם בורא עולם, און עס איז קיין חציצה ניטא פון אונז צו אונזער תשובה, אדער בעסער געזאגט, קיין חציצה פון אונז צו דעם באשעפער אונזערען אז מיר ווארפען אוועק אלע זינד, דאן העלפט אונז די תשובה, און השי"ת איז מקבל אונזער תשובה, אבער אויב ניט ח"ו, העלפט עס גאר ניט.

„מה מקוה מטהר את הטמאים" אזוי ווי די מקוה איז מטהר די אומריינע, די נדה, און אַנדערע טמאים, „אף הקב"ה מטהר את ישראל", אַט אַזוי רייניגט אויך דער באַשעפער זיין פאָלק ישראל, מיר ווערען גערייניגט בלויז דאַן ווען עס אז קיין חציצה ניטאָ וואָס האַלט אָפּ, צו־צונעהמען אונזער תשובה.

דער דין איז אויך ביי מקוה, אַז „טבל על פיה לא עלתה לה טבילה", אַ כלי וואָס דאָס האָט אַ מויל, אַזוי ווי אַ פלאַש, אָדער אַ גלאָז און מען האָט זי גע'טובל'ט מיט'ן מויל אַראָפּ איז די טבילה קיין טבילה, אַזוי איז אויך דער דין מיט אונז, אַז מיר טובל'ן זיך, דאָס הייסט מיר טהוען תשובה, נאָר מיט'ן מויל, וואָס מיר זאָגען אין מחזור די אַלע על חטאים און אשמנו'ס נאָר מיט'ן מויל, אָבער קיין תשובה ניט, הייסט עס טבל על פיה, און לא עלתה לו טבילה. מיר מוזען תשובה טאָהן אַ ריכטיגע תשובה, און דאָס הייסט חרטה אויף לשעבר און קבלה אויף להבא, דאַן העלפט די תשובה, און גדולה תשובה שמארכת ימיו ושנותיו של אדם.

# ליום הכפורים

מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב"ה מטהר את ישראל.
(יומא, דף פ"ה)

עס איז פאַראַן צוויי וועגען, ווי אַזוי עס ברענגט דעם מענשען צו תשובה, איין וועג איז דאָ, אַ תשובה מאהבה, דאָס הייסט, דער מענש דערמאַנט זיך, אַז ער איז פאַרקראָכען אין שמוץ, ער האָט זיך צו פיעל אַריינגעלאָזען מיט דעם יצר הרע, ער האָט איהם צופיעל פאַרפיהרט, און אַנטקעגען וועמען ער האָט געזינדיגט, אַנטקעגען גאָט ב"ה, וואָס ער האָט איהם געטאָהן אַזוי פיעל גוטעס פון זיין געבאָרען ביז היינטיגען טאָג, באַזינט ער זיך דאָס אַלעס, די גדלות הבורא יתברך שמו, און ער קריגט אהבה צו גאָט ב"ה, דאָס איז אַ תשובה מאהבה, דאָס איז די בעסטע תשובה, דאָס הייסט אז ער אַליין איז געקומען צו דער תשובה. פון אַזא תשובה, ווערט פון אַלע עבירות זכיות.

נאָר אַ סאָרט בעל תשובה איז פאַראַן, ווען גאָט האָט ח"ו אויף איהם אַרויף געשיקט יסורים און צרות צרורות, אָדער ער איז שוין

אַלט, און קען שוין ניט זינדיגען. דאַן באַזינט ער זיך תשובה צו טאָהן, און די תשובה — הייסט ניט אַז ער איז געקומען צו תשובה טאָהן אַליין, נאָר דאָס הייסט אַז גאָט ב"ה האָט געשיקט צו איהם די תשובה. אַזאַ תשובה איז זעהר אַ שוואַכע.

די מקוה איז אַ טיעפער פּלאַץ, ניט ווענינער פון מ׳ סאה וואַסער, און דער מענש, דער טמא, דאַרף קומען צו דער מקוה, ניט די מקוה צו איהם, אויב מען זאָל ברענגען צו איהם די מקוה, איז מים זוחלין פסול.. און עס העלפט איהם ניט. דער מענש דאַרף אַליין קומען צו תשובה אַזוי ווי ער מוז געהן צו דער מקוה. „מה מקוה מטהר את הטמאים", ווען איז די מקוה מטהר, אַז ער קומט צו דער מקוה, כך אַזוי דאַרף דער מענש תשובה טאָהן פון זיך אַליין, קומען צו השי"ת און בעטען סליחה ומחילה, אָבער אויב ער וואַרט אויף צרות, אָדער אַנדערע סיבות, דאַן הייסט עס, אַז די מקוה, די תשובה איז צו איהם שוין געקומען, דאַן איז עס זעהר אַ קליינע תשובה... פון אַזאַ תשובה, אפילו אַ גוטע תשובה, ווערט שוין ניט קיין זכיות פון די עבירות, נאָר פון די זדונות ווערט שגגות, בלייבט ער מיט די שגגות, אָבער ריין ווערט ער ניט קיין מאָהל... השי"ת זאָל אונז אַריינגעבען אין הארצען, איין אהבה צו איהם, און מיר זאָלען טאָהן אַ ריכטיגע תשובה, אמן.

---

# ליום הכפורים

יומא, פ"ה.

„עבירות שבין אָדם למקום יום הכפורים מכפר, עבירו שבין אָדם לחבירו אין יום הכפורים מכפר, עד שירצה את חבירו".

עס זיינען פאַראַן צוויי׳ערליי סאָרטען בעלי עבירה (עס זיינען פאַראַן אַ סך סאָרטען, נאָר צוויי פון די סך וועל איך אין דעם דרוש אַרומרעדען). איינער זינדיגט נאָר פאַר זיך אַליין, דאָס הייסט, קיינער זעהט ניט אַז ער טהוט אַן עבירה און מען האַלט איהם ניט פאַר קיין בעל עבירה. ווען ער טהוט — טהוט ער נאָר פאַר זיך אַליין. קיינער האָט איהם ניט געזעהן טהוענדיג די עבירה. אפילו זיין פרוי און קינדער ווייסען ניט אַז ער איז אַ בעל עבירה — לערענט זיך קיינער פון איהם ניט אָפּ. אַלזאָ, הייסט עס, אַז ער טהוט די עבירה נאָר אַליין,

ער ווייסט דערפון און השי"ת ווייסט דערפון. דאָס הייסען עבירות שבין אָדם למקום, די זינד וואָס ער האָט געטהאָן צווישען זיך און גאָט, „בין אָדם" — צווישען מענש, „למקום" — צווישען גאָט, נאָר זיי ביידע ווייסען דערפון און קיינער האָט זיך ניט אָפּגעלערענט פון איהם. די עבירות איז יום הכפורים מכפר...

דער צווייטער סאָרט בעל עבירה איז אַזאַ וואָס זינדיגט „בפרהסיא". ער שעהמט זיך פאַר קיינעם ניט. ער זינדיגט ברבים, אין גאַס און וואו ער געהט, און פיעלע נעהמען אַ ביישפּיעל פון איהם, פיעל און פיעלע טהוען איהם נאָך. דאָס הייסט „עבירות", די זינד וואָס ער האָט געטהאָן „בין אָדם לחבירו", פון איהם איז געטהאָן געוואָרען די זינד צו יענעם מענשען, יענער האָט געזעהן, אַלע ווייסען פון איהם אַז ער זינדיגט און פיעלע האָבען איהם נאָכגעטהאָן די זינד. דאָס הייסט עבירות שבין אָדם לחבירו, זיינען זיי געטהאָן געוואָרען בפרהסיא — איז „אין יום הכפורים מכפר", איז יום כפור ניט מכפר, סיידען „עד שירצה את חבירו", ער זאָל איבערבעטען זיין חבר, ער זאָל זיי אויך מאַכען גוט, זיין תשובה זאָל זיין „בפרהסיא", און ער זאָל זיי אויך ברענגען צו תשובה, דאַן איז יום הכפורים מכפר.

# לסוכות

(עירובין, דף י"ט)

ב' תמרים יש בגי בן הינם ועולה עשן מביניהם וזו היא ששנינו ציני הר הברזל כשירות וזו היא פתחה של גיהנם.

מיר וועלען דעם מאמר ערקלעהרען דורך אַ משל, וואָס איך האָב געזעהן אין ספר „עטרת חכמים" פון דעם גרויסען בעל מחבר „הרב טאַקסין".

צוויי חברים האָבען געלערנט ביי איין מלמד, און זיי האָבען געליעבט זעהר שטאַרק איינער דעם צווייטען, און ווען זיי זיינען גרויס געוואָרען האָבען זיי געהייראַט, יעדער פון אַן אַנדער שטאָדט, ווייט איינע פון די אַנדערע. און אַזוי ווי זיי זענען געווען ווייט איינער פון דעם אַנדערען אין ווייטקייט פון די שטעדט, אַזוי זיינען זיי געוואָרען ווייט איינער פון דעם אַנדערען אין זייער אויפפיהרונג, אין זייערע געדאַנקען.

איינער איז געווארען א „פרוש" מובדל פון אלע הבלי עולם הזה, און תמיד, טאג און נאכט געלערענט, און אויך אין קבלה, באוואוסט געווארען אין אלע סודות התורה, און זיין נאמען איז געווארען גרויס אויף דער וועלט, אלס „בעל שם". — דער צווייטער איז געווארען א משכיל, א חכם און א שרייבער א גרויסער.

א צייט שפעטער, האט זיך געמאכט אז זיי האבען זיך ביידע געטראפען, און זיי האבען זיך געפרעהט איינער מיט דעם אנדערן, א גרויסע שמחה איז דאס ביי זיי געווען.

האט דער משכיל געפרעגט דעם בעל מקובל: איך האב געהערט אז דו ביסט א גרויסער בעל מקובל און דו טהוסט פיעל וואונדער, אלזא וועל איך דיר בעטען אז דו זאלסט מיר ווייזען דעם „גן עדן" אויך דעם „גיהנם" אום איך זאל זעהן מיט מיינע אויגען, דעם משפט פון רשעים, און דעם שכר פון די צדיקים, וועל איך וויסען אז מען דארף זיין פארזיכטיג, ניט צו טאהן שלעכטעס, און זיין געהיט צו טאהן נאר גוטעס.

דער בעל מקובל האט איינגעשטימט, אז ער וועט איהם ווייזען, אבער „בתנאי" אז ער זאל ניט פרעגען גאר ניט, ווען ער וועט זעהן זאכען וואס איהם וועט זיין קשה. קוים וועט ער פרעגען, וועט ער גאר ניט מעהר זעהן.

ער האט איהם צום ערשטען געוויזען דעם גיהנם, און ווען זיי זיינען צוגעקומען צו איינע פון די טיהרען פון גיהנם, האט ער דער־זעהן א גרויסען אויפשריפט מיט די „אותיות": „פה הגיהנם לצדיקים" דא איז דער גיהנם פאר צדיקים, — האט דער משכיל געלאכט אין זיך, אז אפילו אויף דעם עולם האמת קענען זיי ניט שרייבען, זיי האבען ניט געדארפט שרייבען „לצדיקים" נאר „לרשעים", אזא טעות זאלען זיי דא מאכען! נאר ער האט זיך איינגעהאלטען און ניט געפרעגט, נאכהער האט ער איהם אריינגעפיהרט אינווייניג און אז ער האט געזעהן זייער שטראף, האט איהם אנגעכאפט א שרעק...

נאכהער האט ער איהם געפיהרט אין א פלאץ פון גיהנם, ווייטער אויפ'ן אריינגאנג א שילד: „פה הגיהנם לרשעים", דא איז איהם פארענטפערט געווארען די ערשטע פראגע, אבער דאך וואס דארף מען האבען א גיהנם פאר „צדיקים"? ווי קומען צדיקים אין גיהנם? נאר ער האט זך איינגעהאלטען און ניט געפרעגט נאר ער האט זיך בארוהיגט, אביסעל האט ער זיך דערמאנט, ווען ער איז געוועזען אין גיהנם פאר צדיקים, האט ער געהערט ווי א מלאך זאגט צו איינעם: „אט אזוי שטראפט מען אזא צדיק, וואס האט געלערענט בהתמדה" —

דעם צווייטען קומט זיין שטראָף ווייל ער האָט רחמנות געהאַט אויף איין אַלמנה, דעם דריטען ווייל ער האָט רחמנות געקריגען אויף אַן אָרעמאַן, דעם פיערטען ווייל ער האָט געקויפט „תפילין מהודרים" פאַר צוואַנציג דאָלער, דעם פינפטען ווייל ער האָט געקויפט אַן „אתרוג מהודר" פאַר אַ פינף און צוואַנציגער, און יעדערער קריגט זעהר אַ גרויסען שטראָף.

דער משכיל האָט שוין מעהר ניט געקענט זיך איינהאַלטען, און ער האָט איהם דערלאַנגט אַ זאָג: „איך קען מעהר ניט פאַרטראָגען, איך מוז פרעגען", און ווי ער האָט נאָר אויסגערעדט דאָס, באַלד איז נעלם געוואָרען פון איהם אַלעס, און מעהר האָט ער ניט געזעהן.

יעצט מיין פריינט — זאָגט דער בעל מקובל, — וועל איך דיר ערקלעהרען אַלעס, זיי וויסען אַז דער אַלמעכטיגער, פאַרקרימט קיין משפט, דאָס וואָס דו האָסט געהערט אַז צו דעם וואָס ער האָט געלערנט „בהתמדה גדולה" און מיט אַ גרויסע שטימע, בין מנחה למעריב, זיי וויסען אַז דער מענש איז דער נכבד געווען אין זיין שטעדטעל, און טאַקע אַ מופלג גדול, אָבער זיין שטייגער איז געוועזען צו זיין אַ „מתכבד בקלון של חבירו" צו קריגען כבוד פון יענעמס „בזיון", ווייל ער האָט ליעב געהאַט „כבוד" און ווען עס איז געקומען אין זיין שטאָדט אַ „מגיד מפורסם" האָט ער מורא געהאַט, אַז טאָמער געפעלט דער מגיד זעהר מיט זיין דרשה, וועט ער אויסנעהמען, וועט ער קריגען כבוד און פיליייכט ח"ו, וועט ער אַזוי פיעל געפעלען אַז זיי וועלען איהם צו נעהמען אויף שטענדיג, וועט דאָך געמינערט ווערען זיין כבוד, וואָס האָט ער געטאָהן? אַזוי ווי דער דרשן גדול האָט זיך געשטעלט ריידען, האָט ער גענומען אַ גמרא און האָט זיך אַוועק געזעצט, און האָט אָנגעהויבען צו לערנען „בהתמדה" מיט אַ גרויס קול. דער דרשן האָט ניט געקענט ווייטער אָנגעהן מיט זיין דרשה, אין שוהל איז געוואָרען אַ גרויסער טומעל, ווייל זיי האָבען געוואָלט הערען זיינע טהייער רייד און האָבען אַ מוסר, מען האָט געקלאַפּט, געטומעלט, און דער „מתמיד" דער צדיק, האָט אַלץ העכער געלערענט. דער דרשן וואָס איז אַ ריכטיגער צדיק איז זעהר פאַרשעהמט געוואָרען, פשוט די בלוט איהם פאַרגאָסען, ער איז אַראָפּ פון דער בימה. לאַ די וואָס ער האָט אַזאַ גרויסען עולם פאַרשטערט צו האָבען אַ מוסר פון זיין תורה פון דעם גרויסען דרשן, האָט ער איהם „מבייש געווען ברבים", און דו ווייסט דאָך, „כל המבייש פני חבריו ברבים אין לו חלק בעולם הבא" און אַ מתכבד בקלון חבירו און פאַרשטערען אַן עדה אידען צו הערען תורה, חכמה, מוסר, וואָס זאָגסטו

מיין טהייערער, איז דער רבש"ע געווים גערעכט, און זיין משפט איז גערעכט.

דעם צווייטען, וואס דו האסט געהערט, בעת זיין משפט, אז דער משפט קומט איהם, ווייל ער האט רחמנות געקריגען אויף דער אלמנה, איז אזוי: די אלמנה האט געהאט א דין תורה ביים בית־דין מיט א מאן און די אלמנה האט פארשפילט על פי דין, דער איד האט זיך אנגענומען פאר דער אלמנה, האט ער געזאגט צו די בית דין, איהר האט פארקרימט דעם דין, איהר האט שוחד גענומען פון יענעם מאן, און ער האט די בית־דין געזידעלט. נו וואס זאגסטו, איהם קומט ווי דער דין „מגדף לתלמידי חכמים" און ווי דער דין „מוציא שם רע"? נו וואס זאגסטו, איז גאט געווים גערעכט און זיין משפט איז גערעכט.

און דער דריטער, וואס דו האסט געהערט אז מען האט געזאגט: דאס קומט איהם ווייל ער האט רחמנות געהאט אויף דעם ארעמאן. דער ארעמער סוחר, ער מאכט טאקע אן ארעמען לעבען, אבער ער האט שפעט געהאלטען פרייטאג פארנאכט זיין סחורה אויפ'ן סטריט, די שומרי שבת, האבען איהם געצוואונגען, צו טראגען אהיים די סחורה, איז געקומען דער „בעל רחמן" און האט געזידעלט און נאך געשלאגען די שומרי שבת, וואס זיי האבען ניט רחמנות אויף דעם ארעמאן, און זיי לאזען איהם ניט מחלל שבת זיין, און ער האט זיי געשאלטען און אלע שומרי שבת, דארום איז זיין עונש ווי דער דין פון א מחלל שבת.

און דעם פיערטען וואס דו האסט געהערט, אז ער דארף זיין משפט קריגען ווייל ער האט געקויפט „תפילין מהודרין", ער האט באצאהלט אזא רייכען פרייז פאר די תפילין. — דער צדיק איז געוועזן פשוט א „לוה ואינו משלם" ער האט נאר געליהען און קיינעם ניט באצאהלט. ער האט געלעבט פון אזעלכע ביזנעס, און פאר פרעמדע געלט געקויפט תפילין מהודרין. בעסער וואלט געווען, ווען ער באצאהלט אלעמען און קויפען תפילין פאר אייגענע געלט ניט קיין רויב געלט.

דאס זעלבע אז אויך געווען מיט דעם אתרוג מהודר קויפער. — ערשטענס האט ער עם געקויפט פאר פרעמדע געלט. צווייטענס צו־ליעב כבוד, מען זאל איהם האלטען פאר א „ירא שמים", מען זאל איהם האלטען פאר א שעהנעם בעל־הבית, מען זאל איהם כבוד געבען.

דער דין איז, אז ער גנב'עט אן אתרוג און בענשט מיט איהם, איז ער ניט יוצא, אבער אז ער גנב'עט געלט און קויפט אן אתרוג, איז

ער יוצא מיט'ן אתרוג, אָבער אַז אַך און וועה צו דעם צדיק, ער וועט געהן צום „גיהנם" פון „צדיקים".

דעם ציור גיבען אונז די חכמים, אַז עס איז פאַראַן „שתי תמרות בגי בן הינם" צוויי ערליי סאָרטען אתרוג בענשער, און זיי געהען אין גיהנם „ועולה עשן מביניהם", די צוויי ערליי סאָרטען זיינען, איינער וואָס טהוט די מצוה נאָר צוליעב כבוד מענשען זאָל געפעלען, אָבער ניט „לשם שמים", נאָר מען זאָל איהם האַלטען פאַר אַ „צדיק", און דער איז נאָך דעם „חובות הלבבות", לא תשתחוה לאל אחר. — ער איז גלייך ווי ער דינט „עבודה זרה", און דער צווייטער, דער „גזלן" וואָס קויפט מיט פרעמדע געלט, כאָטש על פי דין איז ער יוצא מיט אזא אתרוג. דאָרום פירט אוים די גמרא, „וזו היא ששנינו, ציני הר הברזל כשירות", כשר איז עס — אָבער „ועולה עשן מביניהם".

# לסוכות

סוכה, ל"ד.

„קח על מים רבים צפצפה שמו (יחזקאל, י"ז), אָמר ר' אבהו אָמר הקב"ה אני אמרתי שיהו ישראל לפני כקח עלמים רבים, ומאי ניהו ערבה, והם שמו עצמם כצפצפה בין ההרים".

עס זיינען פאַראַן צווייערליי שלעכטע מענשען: די וועלכע זיינען אָראָפּגעגאַנגען פון דעם דרך התורה והיראה. אַזא איינער איז טאַקע אין אמת'ען ניט אַזא פיינער מאַן, ער איז טאַקע עובר אויף דעם פאַרזאָג פון דער תורה, אָבער דאָך איז ער ניט אַזוי שלעכט, מיט דעם וואָס ער איז ניט אָפּגעזונדערט פון די עהרליכע פרומע, ער שטעהט ניט אָפּ פון זיי און זייערע פאָדערונגען, ער ניט געלט אויף „תורה", פאַר „לומדי תורה", פאַר אַלעם וואָס הייליג איז — דער איז טאַקע אַן ערבה. אמת, טאַקע אַ רשע, אַ מחלל שבת און אַזוי ווייטער, אָבער ער איז ווי די ערבה, וואָס וואַקסט ביים ברעג פון וואַסער — די תורה וואָס ווערט גערופען וואַסער.

נאָך אַ סאָרט רשע איז פאַראַן: אַ געפעהרליכער שלעכטער. ניט גענוג וואָס ער טהוט שלעכטעס, האָט ער אויך אַ געפעהרליכע מויל. ער רעדט על ד' ועל משיחו. ווען ער זעהט, ווער עס קומט איהם נאָר צו זיין האַנד, דעם רעדט ער אָפּ פון דער תורה. ער האַלט נאָר

אין איין בילען אויף די לומדי תורה. דער איז א צפצפה, וואס איז אזוי ווי א זעג, זי האט א סך מיילער.

אמר הקב"ה: „אני אמרתי שיהיו ישראל לפני כקח על מים רבים", איך האב געזאגט, אז די אידען וועלען זיין פאר מיר אזוי ווי די ערבה, כקח על מים „רבים", דאס איז די ערבה, וואס איז ביי דעם וואסער, אז אפילו די לעדיגע אידען זאלען זיין אזוי ווי די ערבה, וואס איז על מים רבים, אזוי איז ער אויך פאר דער תורה נוט, וואס זי איז געגליכען צו וואסער, כאטש ער איז אן „ערבה". ומאי ניהו ערבה? אהן א מויל א שלעכטע, אהן א געפעהרליכע מויל.

„והם שמו עצמם כצפצפה בין ההרים", און זיי האבען זיך אבער געמאכט ווי דער צווייטער רשע, וואס איהם קען מען רופען „צפצפה", וואס האט א שלעכטע מויל, א געפעהרליכע מויל... אט דער איז געפעהרליך.. געפעהרליך איז ער און מען דארף זיך היטען פאר איהם

## לשמחת בית השואבה

(סוכה, דף נ"ג)

„אמרו עליו על הלל הזקן כשהי' שמח בשמחת בית השואבה, אמר, אם אני כאן הכל כאן, ואם אין אני כאן, מי כאן".

עס האבען שוין לאנג געפרעגט פיעלע מחברים, אין זייערע ספרים, היתכן! אז הלל דער גרויסער עניו זאל אזוי ריידען, — אויב איך בין דא, איז אויף מיר קוקענדיג, קומען אלע, און אויב איך בין ניט פאראן, טא ווער איז דא פאראן — קיינער ניט. עס קומט נאך מעהרער אויס, ווי ער וואלט געדענקט, אויב איך בין דא פאראן, טא ווער דארף שוין דא זיין, דען איך בין פאר אלע, און אויב איך בין דא ניט פאראן, ווער איז דא פאראן? קוים בין איך ניטא, איז אזוי ווי קיינער איז ניטא. — איז דאס מעגליך, דער גרויסער עניו הלל הזקן, זאל דאס מיינען?

עס זיינען פאראן זעהר פיעל מענשען, וואס זיי זאגען, ווער בין איך, וואס בין איך, אזא שפל ונבזה, איך זאל מתפלל זיין, פאר דעם בורא עולם — און דאס טאהר א מענש ניט זאגען, אויב אזוי, ח"ו — ווער קען יא דיענען השם יתברך שמו, אפילו די מלאכים, וואס זיינען

זיי, ווער זיינען זיי, אַנטקעגען דעם „כל יכול“, מען טאָר ניט זאָגען, נאָר איך בין יאָ ווערטה צו מתפלל זיין, און צו דיענען דעם אייביגען. דאָס האָט הלל דער עניו געזאָגט: „אם אני כאן“, אויב איך בין דאָ, אין דעם פּלאַץ געקומען צו דיענען גאָט, וואָס איך בין אַזאַ שפל׳ע בריאה, וואָס בין איך און ווער בין איך, דאָך האָלט עס מיך ניט אָב צו דיענען גאָט ב״ה, כאָטש איך בין אַזאַ שפל, און קוקענדיג אויף אַזאַ שפל ונבזה ווי איך בין, און דאָך דיען איך גאָט, איז „הכל כאן“ דאַרפען און מוזען אַלע דאָ קומען, וואָס זיי זיינען גרעסער פאַר מיר, געוויס דאַרפען זיי דיענען צו השי״ת.

אָבער אַז איך זאָל זאָגען, „אם אין אני כאן“ אויב איך בין ניטאָ, ווייל איך וועל זאָגען „מי אנכי“ נידעריגע בריאה, צו דיענען גאָט, „מי כאן“, ווער וועט דאָ קומען אין שוהל דיענען גאָט ב״ה, אמת זיי זיינען גרעסער פאַר מיר, אָבער זיי זיינען דאָך שפלים ונבזים קעגען גאָט, אפילו שרפים, מלאכים, וועלען שוין ניט דיענען גאָט, ווארום, וואָס זיינען זיי גערעכענט קעגען גאָט ב״ה. — ניין, עס קען אַזוי ניט זיין, נאָר קוקט בעסער „אם אני כאן“, אַזאַ שפל׳דיגער מענש דיענט גאָט, אַ פּשיטא דפשיטא, אַנדערע מענשען, ודו״ק.

## לשמחת בית השואבה

(סוכה, דף נ״ג)

„אם אני כאן הכל כאן, ואם אין אני כאן מי כאן“.

אַז אַ גרויסער געשעפטסמאַן דאַווענט אָדער ער טהוט אַן אַנדער מצוה, קען זיין מחשבה ניט זיין גאַנץ, ווייל דער קאָפּ זיינער דרעהט איהם גאַנץ געגנוג, ווער רעדט אַ גרויסער גביר, געוויס איז פול מיט אַנדערע געדאַנקען וועגען זיינע געשעפטען, א. ז. וו. אפילו אַ מיטעלער בעל הבית קען אויך ניט זיין גאַנץ מיט זיין מחשבה, צו די מצוה וואָס ער טהוט, אויב ער איז פאַרנומען אין עטוואָס אַ דבר שבצדקה, אַז ער פאַרזאַמט זיך, שפּעט אין דער נאַכט, קלעהרט ער וועגען זיין הויז, ווער ווייסט וואָס דאָרט טהוט זיך.

אָבער ווען אַ גרויסער אָרעמאַן, אַז ער געהט אַוועק פון זיין הויז, צו „שמחת בית השואבה“ און ער הוליעט, קלעהרט ער גאָר ניט פון זיין הויז. ער קלעהרט ניט, ווייל זיין גאַנצען פאַרמעגען, האָט ער

מיט זיך, זיינע קליידער האט ער מיטגענומען און דאס טראגט ער אויף זיך, ער דארף ניט קלעהרען, פיליכט קומט א גנב, און נעהמט צו זיינע בגדים, זיין טהייערען פוטער, ווייל ער האט גאר ניט איבער געלאזען, ער האט גאר ניט אבגעשטעלט אין דער היים, ער האט אלעס מיט זיך.

הלל, איז געווען א גרויסער ארעמאן, אז ער איז געקומען צו „שמחת בית השואבה" האט ער געזאגט: רבותי! זייט וויסען, „אם אני כאן" אז איך בין דא פאראן און איך פריי זיך היינט, איך טאנץ און שפרינג, איך בין זיך משמח, איז דאס אהן שום צער אדער שרעק, נאר איך הוליע אויף ריכטיג, איך קען זאגען „אם אני כאן" אז איך בין דא פאראן, איז „הכל כאן" אלעס איז דא פאראן מיט מיר, דארום הוליע איך אזוי שטארק ווייל איך האב קיין מורא, פאר גנבים, און פאר פייער, און נאך אזעלכע אנשיקענישען, ווייל „הכל כאן" אלעס איז מיט מיר, אפילו מיינע „בגדים" זיינען אלע מיט מיר, „ואם אין אני כאן" אז איך זאל נאך דא ניט זיין מיט מיין גאנצען געדאנקען דא — „מי כאן" ווער איז דא פאראן, איז דא קיינער ניט פאראן, זייערע קעפ זיינען דאך געווים פארנומען.

# לחנוכה

(שבת, דף כ"א)

ת"ר מצות חנוכה, נר איש וביתו, והמהדרין נר לכל אחד ואחד, והמהדרין מן המהדרין, ב"ש אומרים יום ראשון מדליק שמונה, מכאן ואילך פוחת והולך, וב"ה אומרים, יום ראשון מדליק אחד, מכאן ואילך מוסיף והולך ....

מיר האבען דריי סארטען מענשען אין אונזער פאלק: א) מענשען וועלכע זארגען נאר און דענקען נאר, און טראכטען נאר, און שטרעבען נאר פאר'ן אייגענעם „איך", און מעהר ווי זייער „זיך" אליין געהט זיי אין גאנצען ניט אן. זיי האבען קיין געפיהל, קיין דאגה, קיין יסורים פון איינצעלנע אנדערע, און ניט פון כלל. זאל זיין מיט זיינע מיט־מענשען וואס עס זאל זיין, איהם ארט זעהר ווענינ. איהם ארט נאר וואס איז נוגע צו איהם און צו זיינע הויז־מענשען.

ב) אַ בעסערע קלאַס מענשען, זיי זיינען זיך שוין משתתף אין די צרות הכלל, און אין זייער שמחה, און זיי טרייען שוין אַריינצוגעבען זיי, דעם געפיהל זייערען, און זיי פלאַנצען איין ביי זיי דעם רגש הלאומי, אָבער צו דעם „דת ישראל" איז ער פרעמד, פרעמד אין גאַנצען. אין איהם איז אָפּגעשטאָרבען דער רעליגיעזער געפיהל, און אַזוי זייענדיג, לערענט ער אויך ניט מיט זיינע קינדער קיין רעליגיאָן.

דער ערשטער טויג ניט, ווייל ער איז נאָר אַ מענש פאַר זיך אַליין, און ער איז זיך ניט משתתף בצרת חברו. אַ מעלה האָט ער דאָס ער איז רעליגיעז, נאָר זיין זעלבסט־ווירדע, מאַכט איהם פאַר זעהר אַ נידעריגער בריאה, און נאָך מעהר, ווייל ער איז רעליגיעז...

דעם צווייטענס חסרון ווייסט איהר דאָך שוין.

ג) אַ דריטען סאָרט האָבען מיר, וואָס ער איז גוט צוביידע זאַכען, ער פיהלט מיט דעם וועיטאָג פון יחיד און רבים, און טהוט בפועל וואָס נאָר מעגליך צו פאַרגרינגערען די ליידען זייערע מיט ראַטה און מיט טהאַט, און אין דער זעלבער צייט, איז ער אויך רעליגיעז.

אַן דעם נצחון פון די חשמונאים, איז געוואָרען ליכטיג צו דעם גאַנצען פאָלק, צו אַלע קלאַסען, צו אַלע דריי סאָרטען. צו די אידעלעך, פון דעם ערגסטען סאָרט, וועלכע זיינען דערמאָנט צום ערשטען, די וועלכע זיינען פאַר זיך אַליין, נאָר פרום זיינען זיי, — זיי צינדען אַן ליכטעלעך, פייערן דעם יום טוב, דעם נצחון, נאָר פאַר זיך אַליין, און פאַר זיינע הויז־מענשען, פאַר זיי איז גענוג „נר איש וביתו", ווייל די חברה זיי אַרט ניט, אַנצוצינדען פייערליכע ליכטעלעך פאַר'ן כלל ישראל, ווייל זיי אַרט פאַר'ן כלל ישראל לחלוטין גאָר ניט.

אָבער די צווייטע קלאַס, די ניט־פרומע, נאָר זיי זיינען לאומיים, נאַציאָנאַליסטען, זיי האָבען שון געפייערט דעם זיעג, מיט „נר לכל אחד ואחד" זיי פלייסען זיך אַריינצוגעבען, אין יעדען פון זייער קינד, אין גאַנצען הויז, מחנך צו זיין זיי אין נאַציאָנאַלען גייסט, נר לכל אחד ואחד..

דער בעסטער סאָרט, די דריטע כתה, די פרומע און משתתפים בצבור, זיי גלויבען אין נס פון די אַכט טעג וואָס די מנורה האָט געברענט דורך נס, כאָטש עס איז מעהר ניט געוועז קיין בוימעל ווי אויף איין טאָג. זיי פייערען דעם יום טוב פאַר הרמת קרן התורה, און פאַר'ן נאַציאָנאַלען געפיהל. זיי די אמת'ע אידען, פאַר זיי וואָס זיי ווערען גערופען „המהדרין מן המהדרין", אַכט ליכטעלעך, טאַקע פאַר די נסים ונפלאות הבורא און פאַר'ן הרמת קרן התורה והיהדות, און פאַר דעם נאַציאָנאַלען גייסט, נאָר בית שמאי זאָגען, אַז די תורה

ווערט אין יעדען דור שוואכער, דארף דער מהדר אנצינדען אכט ליכטלעך דעם ערשטען טאג, און אלע טאג א ליכטעל ווענינער, און בת הלל זאגט, ניין! מיר דארפען יעדער צייט זיך סטארען צו פאר־גרעסערען, און פארשטארקען די תורה, און מיר דארפען ניט ווייזען, אז די תורה געהט אונטער ח"ו, זי וועט קיינמאהל ניט אונטער געהן! עס וועט קומען די צייט לעתיד לבוא, וואס די תורה וועט ווערען גרעסער און שטארקער, במהרה אמן.

# לחנוכה

(שבת, דף כ"א)

כשנכנסו יונים בהיכל טמאו כל השמנים שבהיכל וכשגברה מלכות בית חשמונאי ונצחום, בדקו ולא מצאו אלא פך אחד של שמן שהי' מונח בחותמו של כהן גדול, ולא היה בו להדליק יום אחד, ונעשה נס, והדליקו ממנו שמונה ימים....

אלע ספרים רעדען פון דעם, ווארום האבען זיי געמאכט אכט טעג, אנצוצינדען ליכטלעך, אז דער נס איז געווען נאר אויף זיבען טעג, ווייל אויף איין טאג איז דאך געווען שמן. מיר דוכט אז דער תירוץ איז אויבען אויף, אין דעם לשון פון גמרא, אין דעם פך שמן איז געווען צו ברענען אויף איין טאג, מעהר איז אין דעם פך ניט געווען. דאס איז אלץ געווען, ווען מען זאל אנצינדען אינווייניג אין דעם פך גופא, דעם שיעור, ווי די ליכטלעך דארפען ברענען אין מנורה, אבער אז מען גיסט איבער שמן פון פך אין מנורה, דאן בלייבט א ביסעלע שמן אין פך, דאן פעהלט שוין אין מנורה, אויף א פאר שטונדען. אלזא, איז אויף איין טאג אויך ניט געוועזען, איז דער נס געוועזען אויף דעם ערשטען טאג אויך, ווייל מען האט דאך איבער־געגאסען פון פך אין מנורה, ווייל דאס איז געווען זעהר א קליינער פך, וואס עס איז ניט געווען מעהר אינווייניג ווי אויף איין טאג, אבער אז מען גיסט איבער, פעהלט שוין שמן, און דער לשון אין גמרא, ווייזט אזוי אויס, "ולא היה "בו" להדליק", עס איז ניט געווען צו ברע־נען אין איהם, "בו", "אלא ליום אחד"— אויף איין טאג, ונעשה נס והדליקו "ממנו", מען האט אנגעצונדען, אבער "ממנו", פון איהם, ווייל מען האט געדארפט איבערגיסען, איז דאס ווינציג געוועזען אפילו אויף דעם טאג אליין, דארום "וקבעו "שמונה" ימים", ודו"ק.

# לחנוכה

(שבת, דף כ"א)

בית שמאי אומרים יום ראשון מדליק שמונה, מכאן ואילך פוחת והולך, בית הלל אומרים יום ראשון מדליק א׳ מכאן ואילך מוסיף והולך.

די פּלוגתא זייערע אין דעם איז, ווייל אין דער צייט פון די חשמונאים ווען די אידען זיינען געוועזען אין דער ערגסטער לאַגע, וואָס וועלכע צייט איז דאָס קיינמאָהל נט געוועזען, איז דער אונגליק דאָן געוועזען צוליעב צוויי שונאים. די ערשטע איז אנטיוכס מיט זיין חיל, וואָס זיינען געוועזען כחול הים, וועלכע האָבען דעם אידען כמעט דערשטיקט אין גאַנצען מיט זייערע גזרות געגען שבת, מילה און אזוי ווייטער.

די צווייטע סאָרט שונאים זיינען געווען העלעניסטען, די וועלכע עם זיינען איבער געגאַנגען צום שונא צו זיין לאַגער. זיי האָבען געהאָלפען מיט ראַטה און טהאַט די גריכען, איבערגעגעבען אַלע סודות פון די אידען, און זיי זיינען געווען נאָך ערגער פון דעם דרויסענדיגען שונא. זייער סעקטע האָבען מיטגעהאָלפען אנטיוכוס עפיפאנוס׳עס מיליטער און פאָלים אויסצופיהרען, אז אידען זאָלען ניט האַלטען שבת, מילה, חודש, און ז. וו.

אז מתתיהו מיט זיינע זיהן, האָבען געמאַכט, דעם ערשטען שריט, אַרויסצוגעהן געגען די פיינט, האָבען זיי ניט אָנגעפאַנגען מלחמה האַלטען מיט די אינוועניגסטע, מיט אונזערע העלעניסטען, ווייל זיי האָבען ניט געהאַט גענוג מענשען אין זייער זייט, האָבען זיי אויס־געשריען דעם „מי לה׳ אלי!״ — אַרויסצוטרעטען געגען דעם אויס־ווייניגסטען שונא, און דעם אויסענוויינעגסטען שונא, האָט מען באַ־זיעגט אויף דעם אָרט, ווען מתתיהו ובניו זיינען אַרוים אין מלחמה צו פאַריאָגען דעם פיינט, אַז ער איז געווען מיט אַ קליינע צאָהל זיינע, אנטקעגען אַזאַ גרויסע צאָהל פון הונדערטע טויזענטע פון שונא, אָבער לאַנגזאַם־לאַנגזאַם, איז צו מתתיהו ובניו צו געקומען מעהר און מעהר, און פון דעם גרויסען חיל פון שונא איז געבליבען אַלץ ווייניגער און ווייניגער.

דאָרום זאָגען בית שמאי אַז מיר דאַרפען אָנצינדען ליכט לזכר הנס, אזוי ווי די מלחמה איז געוועזען, געגען שונא, דעם דרויסענדיגען שונא, אַז פון אַ סך, איז געוואָרען קלענער און קלענער, ביז די אידען

האבען געזיעגט, און דארום דארפען מר אָנצינדען ליכט דעם ערשטען טאָג אכט און דעם אנדערען זיעבען, אזוי ווי דער שונא איז געוואָרען אַלץ קלענער.

קומען בית הלל און זאָגען, אויב מיר זאָלען מאַכען דעם נס פון דעם שונא, אויף אזא אַרט, וואָס איז דאָ מיט חנוכה די גרויסע זאַך, צו מאַכען פאַר זיי א נס, קעגען שונא פון דרויסען, ווייל מיר האָבען שוין אזעלכע ימים טובים, פסח, פורים, וואָס איז דער נייעס, אז מיר זאָלען עס ווייטער ווייזען אזא סאָרט נס? אויף דעם פייערן א יום טוב? ניין! דער עיקר נס איז, אז נאָכ'ן זיעג האָבען מיר געוואונען אונזערע אייגענע אינערליכע שונאים, זיי זיינען ערגער פון די וואָס זיינען גוזר אויף אונז, צו ניט האַלטען די תורה און מצות, די אומות העולם. אונזערע שונאים פיהרען איבער די תורה און מצות גיכער ווי דער שונא אויסענוועניג. ווען אנטיוכוס עפיפאנוס וואָלט ניט געהאַט, אונזערע אין זיין זייט, וואָלט צו אזא שרעקליכע לאַגע ניט געקומען פאַר קיין פאַל. דאָס וואָס זיינען פון אידען געבליבען אזוי אזוי ווייניג, וואָס זיינען געבליבען, ביי זייער רעליגיאָן.

אַלזאָ, דארום זאָגט בית הלל, אז דער עיקר נס, איז וואָס די בית חשמונאים, זייער זיעג איז געווען, וואָס צוליעב דעם געוויסען זיעג זיינען געקומען צוריק די „נדחי ישראל" צו אונזער לאַגער, און דאָס פאַרשטעהט מען, און מען זעהט נאָך דער היסטאָריע נאָך, דאָס דער גייסטליכער זיעג איז געוועזען לאַנגזאַם, גאַנץ לאַנגזאַם. באַלד אין אָנפאַנג זיינען געווען מיט מתתהו זעהר א קליינע צאָהל, און לאַנגזאַם זיינען צוגעקומען אַלע טאָג צו דער מחנה טויזענדער, ביז מתתיהו'ס קינדער האָבען געהאַט אז „עם רב" — דארום זאָגען בית הלל, אויף דעם זכר, דאָס איז דער וויכטיגער אויף דעם דאַרף מען אָנצינדען ליכט, און ווי עס איז פאַרגעקומען, אזוי דאַרף דער זכר זיין. ווי עס איז פאַרגעקומען ביי דעם גייסטליכען זין — אין אָנפאַנג זיינען זיי געווען אַליין, נאָכהער לאַנגזאַם איז אַלץ צוגעקומען גייסטליך, די העלעניסטען, דארום זאָגען זיי יום ראשון א' ואח"כ מוסיף והולך, ודו"ק.

# לפורים

(מגילה, דף ז׳)

„חייב אדם לבסומי בפוריא, עד דלא ידע בין ארור המן לברוך מרדכי״.

ניט אַלע ווייסען וואָס עס הייסט אַ ברכה און וואָס עס הייסט אַ קללה. די מאַמע האַלט איהר בייבי אויפ׳ן האַנט און בענשט איהם: אַ רייכער מאַן, מיין קינד, זאָלסטו זיין! עס קען זיין, אַז דאָס איז פון זיין אייגענער מאַמען אַרויס די גרעסטע און שווערסטע קללה. דער זוהן וועט רייך זיין, דער זוהן וועט זיך ניט פיהרען אין גוטען וועג צוליעב זיין רייכקייט, און זיין ענדע וועט זיין זעהר אַ מיאוס׳ע ענדע. דאָס איז די מיינונג פון פיעלע־פיעלע, אַז געלט איז אַ ברכה. אָבער ניין, פאַר ניין און נייינציג טהייל, איז געלט אַ קללה.

די ריכטיגע ברכה איז די תורה הקדושה, און האַלטען די מצות, און האָבען די אמת ריכטיגע מדות, דער איז דער געבענשטער מענש אויף דער וועלט. דער וואָס האָט מדות רעות, און ער קען זיך ניט קאָנטראָלירען, דער איז דער פאַרשאָלטענסטער מענש, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, אַזוי ווי „ארור המן אשר ביקש לאבדי״, דער המן איז אַ פאַרשאָלטענער מענש אויף דער וועלט געווען, זיינע מדות רעות, זיין ווילען דעם כבוד, און אויב ער קריגט ניט כבוד דאַרף מען ווילען אומברענגען אַ גאַנצע פאָלק, איז אַלעס וואָס ער האָט געזוכט, אויף מרדכי הצדיק און אויף דעם גאַנצען אידישען פאָלק, דאָס וואָס ער האָט געטאָהן אַלע סיבות אומצוברענגען דעם פאָלק ישראל, האָט ער עס אַלעס אויף זיך געגראָבען, „אשר הכין, תנא, לו הכין״.

מרדכי הצדיק, ער איז מיט זיין תורה מיט זיינע מדות דער געבענשטער מענש, „ברוך מרדכי — היהודי״, מרדכי איז געבענשט, ווייל ער איז דער ריכטיגער "יהודי" מיט תורה און מצות, מיט מדות טובות. אַז עס קומט פורים זאָל ער זאָך זעהן לוסטיג מאַכען, טרינקען אַביסעלע מעהר, ווי שטענדיג, אַזוי פיעל אַז ער זאָל ניט ווייסען אויב המן דאַרף געבענשט ווערען אָדער מרדכי. איז אַ קללה צו זיין אַ איד, אָדער אַ ברכה איז צו זיין אַ המן, אבי האָבען געלט... און אויף דעם דאַרף מען ניט פיעל טרינקען, פיעלע ווייסען עס ניט, אפילו ניט טרינקענדיג...

# לפורים

(מגילה, דף ד')

„חייב אדם לקרות את המגילה בלילה, ולשנותה ביום“.

פיעלע פון די היינטיגע זאגען, ווארום זאלען מיר אין דיעזער צייט, פאסטען „תענית אסתר“ און לייענען די מגילה, איז דען אין אמעריקא ניטא קיין פרייהייט פאר אונז, וואס פעהלט אונז דא... און אין אלגעמיין, וואס איז דא דער עסק, אז פאר טויזענטער יאהרען צוריק אז עס האט פאסירט, אזא געשיכטע דארפען מיר יעצט נאך וועגען דעם מאכען אזא טאראראם, מיר זאלען עם אזוי פיעל דער־רמאנען! ...

מיין טהייערער! זיי וויסען אז פון דיינע ווערטלעך איז צו זעהן, ווער דו ביסט. עס צו זעהן אז דו ביסט אהפקר מענש, אז דו גלויבסט ניט, און פאר דיר זאג איך די ווערטער: זיי וויסען, מיין ליעבער, אז פאר אחשורוש'ם צייטען, איז געווען פילייכט מעהר מעהר פרייהייט ווי יעצט, קוק אויף „מרדכי“, א איד מיט א בארד געווים און געווים מיט לאנגע פאות, און זיינע ציצית האבען זיך געשלעפט ביינאהע אויף דער ערד, דאס איז אנגעוואונקען אין דער מגילה, און ער איז געווען אזא גרויסער מאן בשער המלך. מן־הסתם זיינען געווען נאך געגוג און געגוג אזעלכע אידען דארט. צו אלעם ענדע, מיין טהייערער, קומט אזא בעדער, ווי המן, און מיט איין דריידעל, פיהרט ער אוים, ביי דעם קעניג, „להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים“.

ווען אונז איז שלעכט הייסט „לילה“ נאכט, ווען עס איז אונז גוט, הייסט עס פאר אונז „יום“, (דאס איז שוין ידוע צו אלעמען). מיין טהייערער! „חייב אדם לקרות המגילה בלילה“ יעדער איז מחויב צו לייענען דעם נס פורים, די מגילה הייסט עס, בלילה, ווען אונז איז פינסטער, חשך, ניט גוט, פאגראמען און מען מארדעט אונז, לייען די מגילה, מ י י ן ט ה י י ע ר ע ר, און זעה אז גאט ב"ה האט געהאלפען, אין איין רגע איז איבערגעדרייט געווארען דער רעדעלע פונקט פאר אונז ארויף, און פאר די אנטיסעמיטען אראפ.

אבער זיי אויך וויסען מיין ליעבער, „ולשנותה ביום“, ווען דיר איז גוט, עס איז דיר ליכטיג, א פרייע לאנד, לייען, לייען, דו חכם! — די מגילה. זעהסטו דען ניט, אז אין דיטרויט איז שוין דא אן אפענער המן! זעהסטו ניט די מאסקעס פון די ק—ק—ק!

זעהסטו ניט, וואָס עס הויבט זיך אָן אין דיין ליכטיגען טאָג! זעהסטו ניט, אַז עס איז שוין פאַר־נאַכט! לייען די מגילה ביי־טאָג! ווייס אַז דו קענסט ח"ו „לא יעלה ולא יבא" קומען צו אַזאַ מגילה, און מוזען בעטען ביי גאָט, ווי דאָן. און יעצט איז נאָך ניטאָ אַזאַ אסתר און אַזאַ מרדכי... לייען, לייען, לייען, די מגילה „ביום" דיין מגילה ווידערהאָלט זיך אין אַלע צייטען. לייען, לייען, לייען „ביום" און גאָט זאָל געבען אַז עס זאָל בלייבען יום... איך האָב מורא אַז „כי פנה יום". — השי"ת, איך בעט דיך, אַז איך זאָל בעסער בלייבען אַ פאַלשער נביא, דאָן וועט זיין יום...

# לפורים

(מגילה, דף ז')

חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידעי בין ארור המן לברוך מרדכי.

פרעגען אַלע מפרשים, וואָס איז דאָס פאַר אַ שמחה, אַז דער מענש זאָל זיך אַזוי פיעל אָנטרינקען, אַז ער זאָל ניט וויסען וואו ער איז אין דער וועלט, צו ניט קענען שוין פאַרשטעהן, פון אויב מען דאַרף בענשען מרדכי היהודי, אָדער שילטען המן האגגי, דאָס איז ניט דער אידישער פּיהרונג! אַזוי אַ שענדליכע זאַך זאָלען אידען טאָן? זעלטען וואו צו טרעפען, אַז אַ איד זאָל זיין אָנגעטרונקען.

נאָר מען קען זאָגען אַזוי, אויב איד וועל טרעפען, איז געוויס גוט, אויב ניט, איז דאָך דער געדאַנקען ניט ערגער פאַר דעם „עד דלא ידעי". — מיר ווייסען פון דער מגילה, אַז די עמלקים און אַלע פעלקער, די וועלכע האָבען זיך געפונען אין מדינות אחשורש, זיינען אַלע צו־ציטערטע געוואָרען, פון דעם וואָס עס האָט זיך איבערגעקעהרט אויף זייער קעפּ די גאַנצע גזירה... אַז די מגילה זאָגט, „ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם.

און ביי מרדכי היהודי איז ניט געווען אַזאַ גרויסע שמחה, מיט די גרים, אַזוי ווי די שמחה אין אמעריקא, איבערהויפּט אין ניו יאָרק און ברוקלין — אַז אַ מוהל, וועלכער וויל זיך אַדוועָרטייזען, קריגט ער איין איטאַליענער, וואָס ער ליעבט זיך אין אַ מיידעל, און ער האָלט אַזוי פיעל פון אידישקייט, פונקט ווי דער מוהל האָלט פון דעם „אותו האיש", פיליכט האָלט דער מוהל מעהר פון אותו האיש

ווי דער איטאַליענער פון אידישקייט... מען אַדוועראטייזט אין די ציייטונגען, מען בעט אַז מען זאָל קומען זעהן די הייליגע צערעמאָניע וואָס דער מוהל מאַכט אין בית המדרש, לעבען ארון קודש. מען רופט אידעלעך, קומט צו דער שמחה, פרייט זיך מיט אונז וואָס מיר האָבען דערלעבט, אַז דער איטאַליענער מיט זיין אידשע געליעבטע, וואָס ער ליעבט און לעבט שוין מיט איהר אַן ערך פון איינינע יאָהר, נאָר זי האָט גע׳פועל׳ט ביי איהם, זיך נאָר צו לאָזען מאַכען דעם אפערייישאָן און דאָטס־אָלל, צוליעב איהרע עלטערן.

איין מאָהל, אַלס גרינער נאָך, האָב איך זיך געלאָזען איינרייידען און געקומען צו אַזאַ שמחה, דעם איטאַליענער ווען איך האָב דערזעהן, האָב איך זיך גאַנץ גוט דערשראָקען, גרויס און גראָב, מיט המן׳ס פנים. מען האָט מיר פאַרגעשטעלט און אויך דערצעהלט מיט שמחה, אַז ער רעדט אידיש.

פרעג איך איהם, — פון וואַנען קענסטו אידיש? —זאָגט ער — „איך קען אידיש, איך גיי מיט מיין יידיש מיידעל פינף יאָהר, און זי מיר געלערענט אידיש, איך איהר געלערענט ענגליש".

— ווען זעהסטו זיך מיט דיין מיידעל? —פרעג איך איהם. — זאָגט ער, — „איך האָב רום, מיט מיין מיידעל, מיר שוין חתונה האָט אין קאָרט, נאָר מיין מיידעל לאָזט מיר ניט צו פריעדען, איך ווערען איד, און א דאגה האָב איך, גלויב ניט אין יעזוס, איך גלויב ניט אין איד, יו נאָו, וואָס טהוט מען ניט פאַר א מיידעל.

פרעג איך איהם — אַז דו ווערסט א איד, וועסטו האַלטען אידישקייט? וועסטו האַלטען שבת?

זאָגט ער צו מיר, — איך ניט האַלטען שבת, איך ניט האַלטען זונטאַג, מיר איז קיין דיפרענס.

מעהר האָב איך איהם ניט געזאָגט און מיט איהם ניט גערעדט, נאָר דעם מוהל מיט די ווילדע אינדיאַנער אַרומיגע, האָב איך געזאָגט, אוי לעינים שכך רואות, אוי לאזנים שכך שומעות... איך וויל אייך ניט קענען. איך האָב א שפיי געטאָהן, און געלאָזען זיי ביי די ווילדע צערעמאָניע, נעהמען א גוי, א פויער, וואָס ער איז א געליעבטער פון א אידשע נידערטרעכטיגע שיקסע און ער גלויבט ניט אין קיין גאָט, ער וויל גאָר ניט ווערען א איד, ער טהוט נאָר צוליעב זיין שמוציגע תאוה....

מרדכי זעהט און הערט, אַז פיעלע פון די עמי הארץ מתיהדים, דער פסוק זאָגט אייך אין וואָס מרדכי איז זיי חושד, אַז זיי מיינען ניט די אידישקייט גאָר, ווייל „כי נפל פחד היהודים עליהם, אָבער אַז

דער פּחד וועט אַראָפּ, איז אַראָפּ זייער יהדות, צו וואָס דאַרף מרדכי אַזעלכע אידען, וואָס איז ער, „אַן אַמעריקאַנער מוהל"? וואָס זוכט זיך צו אַדוועטייזען, אַז ער האָט געקענט מל זיין אַזאַ פּויער, אַ פּשיטא דפּשיטא, די קליינע אַמעריקאַנער פּויערים, די אַכט־טאָגיגע...

מרדכי האָט זיי אָנגענומען. וואָס קען ער וויסען, אויב זיי בלאָפען אָדער ניט. נאָר דער ערשטען „פּורים", האָט מרדכי און אסתר באַ־פוילען, אַז מען מוז, עס איז אַ מצוה, צו טרינקען וואָס מעהר, און וואָס מעהר אַ איד אָדער די פרישע אידען וועלען טרינקען, זאָ מעהר מצוה איז עס, אַז זיי האָבען זיך גוט אָנגע'שיכור'ט און האָבען זיך צוזונגען, און וואָס ביי אַ ניכטערען אויפ'ן צונג, איז ביי אַ שיכור אויף דעם צונג. די גאַנץ פרומע אידען, האָבען געשריען און געזונגען, „ברוך מרדכי", „ארור המן", „ארורה זרש", געטאַנצט און געזונגען. די גאָר ניט פרומע אידען, האָבען דאָך געזאָגט אַז עס איז נאַטור, איז מרדכי'ן קומט גאָר ניט, אָבער אויף המן זיינען זיי אין כעס, דאַרום האָבען זיי ניט געבענשט מרדכי, אָבער צו המן האָבען זיי אַרויס געלאָזען אַלע קללות פון דער וועלט.

די פּויערים, וואָס האָבען זיך מגייר געווען, לשם שמים, האָבען ניט געבענשט, ניט געשאָלטען. אָבער די פּויערים וואָס „כי נפל פּחד היהודים עליהם", אָבער אין דער אמת בעפאָר דעם טרינקען, איז געלעגען אויף זייער לונג, די שטאַרקסטע שנאה צו אַלע אידען און יעצט אַז זיי האָבען געטרונקען מעהר וויפיעל מען דאַרף, האָבען זיי זיך אָוועקגעלאָזען, אויף מרדכי היהודי מיט קללות, און אויף המן מיט ברכות. די יעניגע פּויערים, האָט מרדכי באַפוילען, צו מאַכען זיי מיט אַ קאָפּ קירצער, אַזעלכע אידען דאַרפען מיר ניט. דאָס האָט נאָך מרדכי געמאַכט דעם חייב אינש לבסומי בפוריא עד דלא ידעי, מיר זאָלען וויסען ווער איז ער, און וואָס איז וואָס.

איהר, מיינע לעזער, איך פאַרשטעה, אַז אייך געפעלט, סיידען איהר האָט קיין מאָרך ניט. האָט איהר געזעהן אַ בעסערען באור אויף דעם? נאָר איין זאַך זאָג איך אייך, אַז היינט איז מען מחויב צו טרינקען אַזוי פיעל, ווען איהר זיצט אין אַ מסיבה, מיט פיעלע מענשען, אדרבה, עס איז ניט ריכטיג דאָס צו טהאָן, וואָס דאַרפען מיר זיך דערוויסען יעצט וואָס ביי יענעם איז אונטערן לונג, און מאַכט אַ מוהל אַן אַנדערן אַזוי פיעל טרינקען, קען ער נאָך פאַהרען אין שושן הבירא, און מאַכען אַ ברית אויף המן.

# לפרשת שקלים

(מגילה, דף י"ג)

אמר ר"ל גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שעתיד המן לישקול על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקלו של המן, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים, וכו׳.

די גרעסטע און בעסטע מדה, ביי אונז אידען, דארף זיין שלום, דער שלום מאכט אונז גליקליך, דער ניט־שלום — מאכט אונז אומ־גליקליך. צוליעב דעם ניט־שלום זיינען אונזערע עלטערן ארום גע־גאנגען אין דער מדבר פערציג יאהר. צוליעב זייערע מחלוקת, האט דער דור המדבר, מבן עשרים שנה ומעלה, ניט געקענט אריינקומען קיין „ארץ ישראל" און זיי זיינען געבליבען אין דער מדבר, נאר זייערע קינדער, זיינען אריין אין ארץ ישראל. צוליעב דעם ניט־שלום איז געווארען ירבעם בן נבט א קעניג אויף ישראל, וועלכער האט געזינדיגט, און געמאכט זינדיגען כל ישראל. צוליעב דעם ניט־שלום און שנאת חנם, וואס דאס לעצטע קומט פון דעם ערשטען — איז חרוב געווארען אונזער לאנד מיט׳ן בית המקדש. צוליעב דעם ניט־שלום זיינען מיר שוין ביינאהע צוויי טויזענט יאהר אין דעם פינסטערען גלות. צוליעב די מחלוקת וואס הערשט נאך יעצט ביי אונז, קומען צו אין נויארק, אלע טאג, שולעכלעך, וועלכע מאכען חרוב די ריכטיגע גרויסע שוהלען. הכלל, „אם אין שלום אין כלום", און ווען עס וואלט זיין ביי אונז שלום, קיין שנאת חנם, וואלטען אויף אונז קיין שליטה געהאט, כל מלכי מזרח ומערב.

די אומות העולם אנדערע זיצען בשלום ובשלוה, זיי זיינען גאנץ צווישען זיך, חוץ וואס זיי רייסען זיך איין לאנד מיט דער צווייטער, און ביי אונז אידען הערשט ניט קיין שלום צווישען זיך, אפילו ביי די גרויסע, (אפילו זאג איך, נאר ביי די גרויסע).

עס זיינען פאראן אייניגע אגודות, וואלט דען ניט גלייכער געוועזן אז עס זאל זיין שלום? זיינען דען אלע ניט צו איין צוועק? קענען זיי דען ניט ווערען אגודה אחת?

דארויף זאגט די גמרא (אין יומא נ"ג) „צריך שיפסיע ג׳ פסיעות אחריו ויתן שלום", וואלט ניט מעהר געפאסט צו זאגען „ויאמר שלום" אנשטאט פון „ויתן שלום"! אבער דאס מיינט אז יעדערער פון אייך דארף מקיים זיין, יפסיע ג׳ פסיעות אחריו, ניט אזוי קוקען.

וואָס און ווער שטעהט איהם על פניו, דאָס הייסט מותר זיין, פון אייערע פרינציפּען, וואָס ליגען פאַר אייך מותר זיין זיינס, ניט קוקען אויף זיין כבוד, אויף זיין חכמה, אויף זיין תורה, מפני דרכי שלום. די חכמים זאָגען: „כנוס לצדיקים נאה להם והנאה לעולם" (סנהדרין מ"א). צריך שיפסיע ג' פסיעות אחריו... און ניט פּטר'ן מיט דעם זאָגען שלום, נאָר „ויתן שלום" געבען—געבען שלום איין אגודה צו דער צווייטער אַלע אגודות צו זאמען, דאַן וואָלט זיין „ויעשו כולם אגודה אחת ולעבדו בלבב שלם..."

יעצט זאָלען מיר קומען צו די „שקלי המן", ווארום האָבען זיינע שקלים געמאַכט אזא געפעהרליכען רושם, אַז עס האָט געהאַלטען גאַר ניט ווייט, פון אומברענגען כל ישראל, די וועלכע וואָס האָבען זיך געפונען אונטער דעם שוץ פון אחשורוש, ווייל ווען המן איז געגאַנגען צו אחשורוש, בעפאָר ער האָט געגעבען זיינע שקלים, האָט ער דערקלעהרט צו אחשורוש'ן, אַז זיינע שקלים וועלען ווירקען, און זיי וועלען אויספיהרען אַלעס דעם מאָהל, און גאָט ב"ה, ער ווייסט וואָס המן געהט טאָהן, האָט געמוזט מקדים זיין אַנצוזאָגען אַז אידען זאָלען געבען שקלים, דעם מחצית השקל, אום אָבצושוואַכע דעם אנטיסע־מיט'ס שקלים. המן דערקלעהרט דעם קעניג: זיי ווייסען אַז דו ביסט יעצט פּטור פון זיי, דו דאַרפסט פאַר זיי קיין מורא האָבען. צווישען זיך ריידענדיג, ביסטו דאָך אַ גרויסער שונא זיי, ווי איך בין, נאָר דו האָסט פחד, אַז זייער גאָט וועט זיך נאָכהער אָפּרעכענען מיט דיר, אַזוי ווי ער האָט ראַכע גענומען פון די פריהערדיגע מלכים בעפאָר דיר. האָב קיין מורא ניט, מיין טהייערער, ווייסטו פאַרוואָס? ווייל „ישנו עם אחד" וואָס זיי האָבען קיין אחדות יעצט, עס איז קיין אחדות אפילו צווישען זייערע רבנים, אין זייערע שוהלען, א. אז. וו. — דער עם אחד איז „מפוזר ומפורד" — און דאַצו גיב איך פאַר זיי יעדען אַ שקל, ווייזען אַז ביי אונז איז אחדות גראָדע.

דער רבש"ע, אונזער פאַרזאָרגער, וואָס גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם, שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, כדי מיט דעם צו באַווייזען זיין אחדות, און דעם ניט־אחדות פון אידען, הקדים להם שקליהם לשקלי של המן, והיינו דתנן באחד באדר משמיעין על השקלים, ודו"ק.

# לפרשת שקלים

(מגילה, דף י"ג)

„באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים".

דאס וואס איך געה שרייבען אויף דעם מאמר, האב איך שוין אפילו טיילווייז געשריבען, אין די פריהערדיגע ספרים מיינע, נאר ווייל דער ספר, איז דאך נאר אויף די מאמרי חז"ל פון עין יעקב, אויף וועלכע איך האב געזאגט אין מיין לעבען, דארום שרייב איך דא דעם געדאנקען ווידער. איך וויל אז בעפאר איינער פרעגט א קשיא, זאל איך איהם זאגען דעם תירוץ.

ווארום זאגען זיי ניט באחד באדר, „מכריזין על השקלים", מען רופט אויס, אז מען זאל וויסען זיין געבען אין דער און דער צייט שקלים? וואס איז דער אויסדרוק „משמיעין על השקלים"? און ווידער אז עס רעדט זיך וועגען שקלים, וואס מישט ער דא אריין „ועל הכלאים"?

מיינע טהייערע! אז מען דארף נעהמען שקלים, איז ניט אזוי לייכט צו קריגען זיי, איך וויים, אז בין אדם למקום, זייט איהר בעסער, ווי בין אדם לחבירו, איבערהויפט צדקה צו געבען. אמת, עס זיינען דא פון די פרומע, וואס זיי זיינען אמת'ע צדיקים, און אמת'ע הייסט, אז זיי גיבען צדקה אויך. אמת עס איז פאראן א סאך, אבער אויך ניט ווניג זיינען פאראן די וועלכע ווילען ניט וויסען פון געבען. ער וועט אייך געבען בעסער א גרויסען שפיי אין עלינו, און לויפען ראש השנה צו תשליך מיט זיין פלונית'טע, און שלאגען כפרות דוקא מיט א ווייסען האהן אפילו פון גזילה געלט, אבער געבען ווילען זיי ניט. דארום איז ניט גענוג מיט אויסרופען. דארום זאגען זיי ניט „מכריזין" מען זאל אויסרופען, ווייל עס וועט גאר ניט העלפען מיט דעם אויס־רופען, נאר וואס דען? — „באחד באדר משמיעין על השקלים" מען דארף באחד באדר לאזען הערען דעם עולם, מיט שטארקע הויכע רייד, מיט אביסעל געשריי, און אמאהל דארף מען האבען א גוטען דרשן צו מאכען אן אפיעל פאר צדקה, מיט א גוטען האלדז, ער זאל גוט שרייען, און ערוועקען דעם עולם צו צדקה, דאן איז אזוי: אביסעלע מענשעלעד, גלייך נאך דעם דרוש, וואס זיי האבען גרויס הנאה גע־האט, לויפען ארויס, אביסעלע גיבען, און פאר א רעכט ביסעלע דארף דער זעלבער דרשן און אמאהל איז אנגעגרייט נאך איינער, דארף ער זאגען צו די לעצטע ביסעלע, און פון די ביסעלע, גיבען ווידער

אביסעלע, און אז א דריטער זאָגט, קריגט ער ווידער צו אביסעלע. ניט פון איין דרשן ווערען ערוועקט די הערצער פונ׳ם כלל. מען דאַרף האָבען צו די סאָרט קראַנקע, „א בן גילו“ — אויב דען דרשן איז צו יענעם דער „בן גילו“ אין זיין מזל, קען ער צו־נעמען אביסעל פון זיין קראַנקהייט, דאָס מיינט, זיין געלד קראַנקהייט...

אלזא מיינע טהייערע, באחד באדר „משמיעין על השקלים“... און ווייסט איהר דערפון, געוויס ווייסט איהר, אז מען נעהמט נאָך ניט אזוי שנעל שקלים, מיט׳ן דרשן אליין, מיט דעם „משמיעין על השקלים“, נאָר מען נעמט מיט פאַרשיעדענע קונצען, מיט א קאָנצערט, חזנים, און חזנימ׳טעס, אין שוהל געוויס.... מיט תערובות.... דאָס הייסט „אנשים ונשים“ געהען אראָפּ אין בית המדרש, און מען שפילט, און מען טאַנצט. הייסט עס ניט „כלאים“? — א מין כלאים... „באחד באדר“ ווען מען איז „משמיעין על השקלים“, מוז מען אויך זיין משמיעין על הכלאים... ודו״ק, און אזוי איז עס.

# לפרשת זכור

(מגילה, דף ד׳)

„נשים חייבות במקרא מגילה, שאף הן היו באותו הנס“.

זאגט תוספות — „שעיקר הנס היה על ידן, בפורים על ידי אסתר, בחנוכה על ידי יהודית, בפסח שבזכות נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו“. איז שוועהר צו פאַרשטעהן נאָך דעם ווי תוספות זאָגט, אז דער עיקר הנס איז דורך די פרויען, איז אויב עס איז אזוי, וואָרום זאָגט די גמרא, אז „נשים חייבות במקרא מגילה“ „שאף“ הן היו באותו הנס, דעם אויסדרוק „שאף הן“, ווייזט עס אויס, אז זיי זיינען א טפל, אזוי איז דער פשט, פון די ווערטער „שאף הן“, און נאָך דעם פשט פון תוספות, האָט די גמרא געדאַרפט זאָגען „שהן“ היו באותו הנס?

דער ח״ם אין פ׳ בשלח זאָגט אזוי: „נס“ — דאַרף אָנגערופען ווערען דאָס וואָס דער רבש״ע איז משדד הטבע, און דאָס איז ידוע אז די טבע איז משועבד אונטערטעניג, אונטער די תורה הקדושה, און אז גאָט ב״ה האָט באשאַפען די וועלט, האָט ער אויסגענומען א תנאי מיט די מעשה בראשית, ווען אידען וועלען מקבל זיין די

תורה ווערט זיך האלטען די וועלט, די טבע. אבער אויב ניט, וועט ווערען פון דער וועלט א „תוהו ובוהו“, אלזא איז צוליעב די תורה, איז באשאפען געווארען די וועלט, איז נכנע די טבע, דאס הייסט די וועלט, די טבע־וועלט צו דער „תורה“ — אלזא אויב אזוי, אז אידען האלטען די תורה און מצות, זיינען זיי די בעלי הבתים איבער דער וועלט—די טבע. דארום — אז זיי זיינען די הערשער איבער דער טבע איז אזוי, וואס גרעסער דער זכות איז פון די צדיקים, פון די „שומרי התורה“, איז משועבד די טבע פון זייערט וועגען זיך משנה צו זיין, פאר זייער טובה, פאר זייער נויטווענדיגקייט, איז ממילא וואס די טבע איז זיך משנה, דאס הייסט וואס דער נס טרעפט, איז דער נס קליין, ווייל זיי די צדיקים, די שומרי התורה זיינען גרויס, און וואס גרעסער זיי זיינען ווען די אידען האלטען די תורה אלץ מעהר, איז דער נס אלץ קלענער... און ח"ו וואס די אידען זיינען קלענער, שוואך פון תורה און מצות, צדיקים זיינען ניטא, איז אלץ דער נס גרעסער, ווייל די טבע איז ניט משועבד פאר זייערט וועגען צו ווערען „משונה“.

דארום איז דער גערעדנק ביי אסתר און יהודית און די נשים צדקניות שבאותו הדור, זייער זכות איז געווען גרויס, ווארום דורך זייער זכות איז געווען דער „עיקר הנס“, איז פאר זיי — פאר די נשים צדקניות, גערעכענט דער נס זעהר קליין, פאר זיי הייסט דער נס קליין, ווייל די טבע איז געצוואונגען זיך משנה צו זיין פאר זיי, פאר אסתר און יהודית, און אין מצרים.

און באמת איז געווען קשה צום רשב"ם, פון וועמענס נאמען וועגען תוספות זאגט, „שעיקר הנס היה על ידן, בפורים על ידי אסתר וכו'“ דעם אויסדרוק פון דער גמרא: „שאף הן היו באותו הנס“, ווייזט אויס פון די ווערטער שאף הן היו באותו הנס“, אז זיי זיינען גאר א טפל צום נס, דארום איז מפרש דער רשב"ם, דאס דער עיקר הנס איז געווען דורך זיי, און צוליעב זייער זכות איז מען אויס־געלייזט געווארען, קומט דאך יעצט אויס ווייל עס איז געוועזען דער עיקר הנס צוליעב זיי, ווייל זייער זכות איז געווען גרויס, איז דאך פאר די נשים צדקניות, א גאנץ קליינער נס. יא — פאר די מענער איז געווען א גרויסער נס, אבער פאר זיי, א גאנץ קליינער נס, און זיי זיינען מעהר ניט ווי דער טפל צום עיקר, ודו"ק.

# לפרשת בשלח ולפרשת זכור

(ראש השנה, דף כ"ט, מתני')

„והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק, וכי ידיו של משה עושות מלחמה או שוברות מלחמה, אלא לומר לך, כ"ז שהיו ישראל מסתכלין כלפי מעלה, ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים", וכו'.

דער ווארט „כלפי" איז גאר איבעריג, וואלט דען ניט גענוג געווען די ווערטער: „כ"ז שהיו ישראל מסתכלין למעלה"? וואס איז דער באדייטונג פון „כלפי מעלה"?

דער תנא אין אבות זאגט: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה, מאין באת ולאן אתה הולך ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון, מאין באת מטפה סרוחה וכו' איז אויך דא א פראגע, ווארום זאגט ער ניט באלד אט אזוי: „הסתכל בשלשה דברים וכו' מאין באת מטפה סרוחה", בעפאר רעכענט ער אוים מאין באת ולאן אתה הולך וכו' נאכהער ערקלעהרט ער, מאין באת מטפה סרוחה", וכו'.

זאגען די מפרשים אזוי: — אז צו עבודת השי"ת צו־צוקומען, זיינען דא צוויי וועגען. איין וועג איז צו קוקען אין דעם הויכען וועג, דער מענש זאל זיך אימער רעכענען פון וואנען זיין נשמה קומט ארוים, און דאס איז מתחת כסא כבודו יתברך — און ער איז העכער פאר מלאכים, ווייל זיין נשמה איז גענומען פון א העכערען פלאץ ווי דער עולם המלאכים געפינען זיך, אויף אזא ארט, ווי אזוי קען דער מענש זינדיגען, אז ער איז אזא הויכע בריאה.

דער צווייטער וועג צו קומען צו עבודת השי"ת איז, דורכצו־קוקען די נידעריגקייט פון דעם גוף, פון וואנען ער איז באשאפען, און וואו ער געהט אוועק, און פאר וועמען ער דארף אבגעבען „דין וחשבון". דאס זאגט דער תנא, די ערשטע און בעסטע זאך איז עבודת השי"ת דורך יראת הרוממות, באטראכטען די הויכקייט זיינע, הסתכל בג' דברים ואין אתה בא לידי עבירה, דע מאין באת, פון אזא הויך ארט, פון כסא הכבוד, ולאן אתה הולך, ווידער צום כסא הכבוד, טא זעה מיין טהייערער, אז דו זאלסט ניט אנווענרען דיין הויכען אמט, אדרבה זעה אז דו זאלסט העכער קענען קומען, אזא עבודת השי"ת, איז אן עבודה פון שמחה, פון גרויסקייט. אבער טאמער העלפט דיר ניט,

דו קענסט ניט קומען צו אזא מדרגה, דאן קוק אויף דער טרויעריגער זייט, די נידעריגע זייט, קוק אראפ גאנץ נידעריג, „מאין באת מטפה סרוחה... דו „טפה סרוחה" זאלסט טאהן אזעלכע זאכען קעגען דעם גרויסען באשעפער.

איבערהויפט אין א מלחמה, ווען דער מענש געהט מיט שמחה, מיט געזאנג, מיט טענץ, און פרעהליכקייט, אז ער געהט קעמפפען פאר זיין הייליגער לאנד, פאר זיין הויכען, ריכטיגען, איבערצייגטען גלויבען פאר זיין תורה, פאר אלע זיינע העכסטע פרינציפען, דאן מיט אזא הויכען קוק, אז די אידען זיינען געגאנגען, דאן האבען זיי געזיעגט, ווייל דא האט געקעמפט זיין אימפעט, ניט לאזען אריינכאפען זיין הויכען גייסט דעם שונא אין זיין האנט. אבער ווען דאס אידישע פאלק איז געגאנגען אין מלחמה, און זיי זיינען געגאנגען מיט אומעט און געקוקט אראפ, וואס בין איך, ווער בין איך, א „טפה סרוחה", היינט שטארבען, מארגען שטארבען, א זארג האב איך! דאן האבען אידען פארלארען די מלחמה.

„והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל" ווען משה, „שקול משה כנגד כל ישראל", אבער דאס מיינט דער „עם ישראל" הויבט אויף די הענט צו געהן שלאגען דעם שונא, דאס הייסט, ער קוקט אויף דער הויכער זייט, פון זיין לאנד און קולטור, און דאס דער חילול השם זאל ניט זיין, „וגבר ישראל", אבער אז משה לאזט ארונטער זיינע הענט, ער טהוט פארקעהרט, א דאגה האב איך, וואס בין איך, ווער בין איך, איז דאן — וגבר עמלק.

דערקלעהרט די גמרא, פאר'ן פראסטען עולם, וואס דענקען אז טאקע משה'ס הענט האבען געפיהרט די מלחמה, פרעגט זי א פראגע, „וכי ידיו של משה עושין מלחמה"? צי דען משה פירט די מלחמה אליין? אנטווארט די גמרא, ניין! דאס מיינט מען, מיט דעם ווארט משה, — „כל ישראל", און דאס וואס די תורה זאגט, „ירים משה ידו" מיינט אז די אידען האבען געקוקט אין די ג' דברים וואס דער תנא זאגט, הסתכל בשלשה דברים, בעפאר די הויכע מדרגה צו קוקען. בשעה שהיו ישראל מסתכלין, דעם הסתכל בג' דברים „כלפי מעלה" דע מאין באת, ווי הייליג דו ביסט מיט דיין נשמה, העכער פון „מלאכים", ווי הייליג איז דיין לאנד פאר וועלכען דו געהסט אין קריעג, מסתכלין ניט נידעריג, נאר „כלפי מעלה" ודו"ק — וגבר ישראל, אבער אז „מסתכלין כלפי מטה", מאין באת מטפה סרוחה וכו', ווי איך האב שוין אויבען געשריבען, איז דאן וגבר עמלק... אז ביי דיר

איז ניט טהייער דיין לאַנד, דאַרפסטו ניט קיין לאַנד, אָבער אז מסתכלין כלפי מעלה — וגבר ישראל...

# לפרשת פרה

(קדושין, דף ל"א)

שאלו את ר' אליעזר, עד היכן כיבוד אב ואם, א"ל צאו וראו מה עשה נכרי אחד באשקלון לאביו, ודמא בן נתינה שמו, בקשו ממנו חכמים אבנים לאפוד בס' רבו שכר — והיה מפתח מונח תחת מראשותיו של אביו ולא ציערו, לשנת האחרת נתן לו הקב"ה שכרו, שנולדה פרה אדומה בעדרו.

איך האָב געזעהן אין ספר דברי שאול על אגדות הש"ס מהגאון מלבוב ז"ל, וואָס איז דער ענין וואָרום גאָט ב"ה האָט דעם פויער באַצאָהלט זיין שכר דוקא מיט אַ פרה אדומה, און ניט דורך אַן אַנדער וועג? זאָגט ער דאָרט, זעהר אַ רייכען תירוץ, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ גאון מפורסם: ווייל ווען דער פויער דמא האָט טאַקע באַוויזען אַזאַ כבוד אָב, וואָס דאָס איז וואונדערבאַר גרויס, איז געוואָרען אַ קיטרוג גדול אויף די אידען, אַז אַ פויער איז אַזוי פיעל איבער־געגעבען צו אָפּהיטען „כיבוד אב" און אידען ניט אַזוי, וואָרים מען זעהט דאָך טאַקע, וואָס ר' אליעזר האָט געאַנטוואָרט אויף די פראַגע וואָס מען האָט איהם געפרעגט, עד היכן כיבוד אב? האָט ער גע־אַנטוואָרט אַז זיי דאַרפען זיך לערנען כבוד אב ואם פון דמא בן נתינא, אַלזאָ איז דמא בן נתינה אַ גרעסערער מדקדק אין אָבגעבען כבוד צו עלטערן ווי די אידען זיינען.

האָט גאָט ב"ה געוויזען דעם שטן, דעם מקטרג, אַז ער זאָל וויסען זיין, אַז ער האָט ניט וואָס אויסצוזעצען אויף די אידען, לחלוטין גאָר ניט, דער פויער אַז ער טהוט אַ מצוה, איז דאָס נאָר אַ מצוה שכליית, וואָס דער שכל דיקטירט אַז מען דאַרף דאָס טאָהן, און דאָס איז טאַקע כבוד אב ואם, פון די מצות שכליות, אָבער אַ מצוה וואָס דאָס איז אַ חוק, מען האָט קיין שכל דערויף, אויף דעם איז דער פויער געווים ניט קיין מדקדק, ער וויל ניט געבען אפילו אַ פּרוטה דערפאַר, ווייל ער האַלט ניט פון די מצות וועלכע דער שכל איז דערביי ניט מסכים. אָבער אידען, גיבען אַוועק זייער פאַרמעגען, פאַר אַ מצוה

וואס איז א „חוק" אפילו אזוי פיעל געלט ווי דער פויער האט באַצאהלט פאר כבוד אב ואם. דארום האט גאט ב"ה געמאכט, אז ער זאל האבען צו פארקויפען א „פרה אדומה" ווייזען אז ער ווערט אַן ששים רבו שכר, פאר ניט אויפוועקען זיין פאטער, א מצוה שכליית, און אידען גיבען אוועק ששים רבו שכר, פאר א מצוה א „חוק" וואס דער שכל פארשטעהט עס ניט, אין געגענטהייל, איז דער שכל געגען דעם....

# לשבת הגדול

(מגילה, דף כ"ז)

„וישרוף את בית ד' וגו' ואת כל בית גדול, ר"י וריב"ל תד אמר מקום שמגדלין בו תורה, וחד אמר מקום שמגדלין בו תפלה".

דער מהרש"א זאגט, דורך בנין בית המדרש, וואו מען זאמעלט זיך צו נויף א סך מענשען צו לערנען תורה, ווערט געמעהרט און געגרייסט די תורה, אזוי ווי די חכמים זאגען, „מרבה ישיבה מרבה חכמה".

מיט דעם באור פון מהרש"א, האב איך געזאגט, אז דאס איז איינער פון די טעמים, ווארום מען רופט דעם שבת בעפאר פסח „שבת הגדול", ווייל דאס איז דער שבת, וואס שמגדלין בו תורה, ווייל דער חכם פון שטאדט זאגט דעם דרוש דעם שבת אין הלכה און אין הגדה, דאס גאנצע פאלק איז איהם מקנא, און דאן זעהט מען דעם כבוד פון תלמידי חכמים, און קנאת סופרים תרבה חכמה און דארום ווערט גערופען דער „שבת", „שבת הגדול" אזוי ווי דער בית המדרש, ווערט גערופען „בית גדול", ודו"ק.

# למעות חטים

(פסחים, דף ו׳)

שואלין ודורשין בהלכות הפסח קודם לפסח שלשים יום, רבי שמעון בן גמליאל אומר שתי שבתות.

פאַר פסח ווערען די רבנים טרוד אויף שאלות, אַ פּעסעל פון זויערע אוגערקעס, וואָס זאָל מען טהוען מיט איהם? וויפיעל ברעטער דאַרף מען אַרויף לייגען אויפ׳ן טיש, איך לאַך ח״ו ניט דערפון, איך מאַך ח״ו קיין חוזק פון קיין זאַך, רחמנא ליצלן, איך בין ניט פון די היינטיגע. געזונד זאָלען זיי זיין, שטאַרק זאָלען זיי זיין, דערפאַר וואָס זיי פרעגען, אָבער מיינע טהייערע! אין דער צייט, וואָס איהר פרעגט וועגען דעם פעסעל, געווים דאַרפט איהר דאָס פעסעל צו נוצען געזונטערהייד, פאַר עסענוואַרג אויף פסח, פאַר וואָס זאָלט איהר ניט פרעגען, דעם רב אייערען, אויב ער ווייסט פון אַ פלאַץ, אַזאַ אָרעמאַן, וואָס האָט טאַקע אַ פעסעל, אָבער אַ פוסטע. עס קען זיין אַז עס בלייבט עפּעס פון פסח׳דיגע אַרטיקלען, איהר געהט פרעגען ביים רב, אַ חודש בעפאָר יום טוב פסח, ווען איהר מאַכט די עופות און איהר ווילט די שמאַלץ האָבען פאַר פסח, נאָר איהר האָט געפונען אַ האָבער אָדער אַ ווייץ אין פופיק, פרעגט איהר ביים רב, אויב איהר מעגט נוצען די שמאַלץ אויף פסח, — געזונד זאָלט איהר זיין, וואָרום ליגט אייך ניט אין זינען די אביונים וואָס זיי האָבען ניט די עופות, אפילו ניט דעם האָבער און ניט דעם ווייץ, וואָרום פרעגט איהר ניט ביים רב, וועגען דעם?

ווייסט איהר אַז די אָרימע לייט, די עניים וואָס שעהמען זיך שוין ניט, זיי בעטען און גרייטען זיך אָן עפּעס אויף פסח, אויך אַז אָך און וועה נעבעך, זיי שטעהען שוין אין ליין ביי פלעצער וואו מען טיילט מצה, פאָטייטעס און ז. וו. אין דער צייט וואָס איהר גרייט זיך אָן מיט שמאַלץ, פאַר וואָס האָט איהר ניט אריינגעבראַכט אייער נדבה אין יענע געבענשטע אנשטאַלטען וואָס אַרבייטען פאַר די אָרעמע. איהר האָט געזעהן אַז זיי שטעהען שוין אין ליין, זיי בעטען שוין אויף פסח?

דאָרום האָבען אונז די חכמים אָנגעזאָגט, אַז דרייסיג טעג פאַר פסח, וואָס איהר נעהמט זיך שוין גרייטען אויף פסח, איהר אָרדערט אַ מלבוש, איהר אָרדערט שיך און אַלעס, און די אָרעמע בעטען אייך שוין אויף פסח. „שואלין״ פון לשון בעטען, אחת שאלתי (תהלים כ״ט).

שואלין" זיי בעטען „ודורשין" און פרעגען שוין „בהלכות הפסח" די ארעמע לייט הויבען אן צו בעטען און פרעגען וואו וועט מען באקומען אויף פסח מקיים צו זיין „הלכות הפסח", ארבע כוסות, מצה, און האבען בכלל וואס צו עסען די אכט טעג, דאס איז צו „הלכות הפסח", ווייל עס איז דאך אויך יום טוב, און יום טוב טאהר מען ניט הונגערען, „ושמחת בחגיך" האט די תורה געזאגט, ווייסט איהר ווען, עס איז שוין צייט, זיך צו באזינען געבען מעות חטים, ווען איהר זעהט און הערט, די ארעמע לייט, אז זיי זיינען שוין „שואלין" זיי בעטען שוין, און ווייסט איהר ווען זיי הויבען אן אייך בעטען, שלשים יום קודם הפסח.

„רבי שמעון בן גמליאל אומר שתי שבועות", רבי שב"ג זאגט, צוויי וואכען איז גענוג צו־צו־טיילען מעות חטים, צוויי וואכען בעפאר פסח, איז גענוג צו זאמלען געלד אויף מעות חטים, ווארום נאר צוויי וואכען, ווייל — עס זיינען דא קארגע מענשען, די וועלכע זיינען נאר מיט תירוצים זאט, אבי ניט צו געבען, וועלען זיי האבען איין תירוץ ניט צו געבען. ווען מען וועט אנהויבען דרייסיג טעג פאר פסח, דאן איז דאך פורים, וועט דער קארגער זאגען, סטייטש ! יעצט איז „פורים" און פורים, איז דאך א מצוה צו געבען מתנות לאביונים, ווי קען מעןביידע צוזאמען נעמען און אזוי פיעל געבען, אין דער אמת, גיט ער ניט פורים אויך. דארום זאל מען אנהויבען צוויי וואכען נאך פורים, קיין תירוצים זאל ניט זיין. הקב"ה זאל אונז העלפען און געבען אונז צו געבען, און ניט צו דארפען נעהמען.

# לפסח

(חגיגה, דף ה')

„ריב"ח הוה קאי בי קיסר, אחוי ליה האי מינא עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה, אחוי ליה ועוד ידו נטויה עלינו".

דער מין זאגט צו רבי יהושע ב"ח, איהר זענט יעצט דאס פאלק וואס גאט האט אבגעקעהרט זיין פנים פון אייך ער קוקט ניט מעהר אויף אייך, מען קען טאהן מיט אייך וואס מען וויל, ער שטראפט ניט מהער, אייערע דריקער אזוי ווי ער האט געטאהן בעפאר. אב־

געקעהרט דעם פּנים. ווען איינער קעהרט זיך אום אין גאַנצען פון צווייטען, זעהט ער איהם ניט, און אייער גאָט האָט זיך אין גאַנצען אָבגעקעהרט פון אייך, זעהט ער אייך ניט מעהר....

„אחוי ליה ועוד ידו נטויה עלינו“, דעם אנטוואָרט פון ר׳ יהושע ב״ח, צו דעם אפיקורס, איז נעמליך: הער זיך איין, — זאָגט ער צו איהם אויף דעם וואונק, — זיי וויסען מיין טייערער שונא ישראל“, אַז דעם אונטערשייד, פון פריהער, דאָס הייסט פון בעפאָר דעם חורבן, און געוויס נאָך פריהער, פון יציאת מצרים ביז ביאת הארץ, און נאכהער ביז דעם חורבן, און יעצט נאָכ׳ן חורבן, איז דער אונטערשייד אין דעם פאָלגענדען, און אָלס ביישפּיעל וועל איך דיר ערקלעהרען, אַז צוויי מענשען טרעפען זיך און ריידען איינער מיט דעם אנדערען פּנים אל פּנים, זעהען זיי זיך איינער דעם אַנדערען. ווען איינער קעהרט זיך אום פון דעם צווייטען, איז דער וואָס האָט זיך אומגע־קעהרט, ער זעהט איהם ניט, מעהר ניט ווי זיין קערפּער, אָבער ער זעהט איהם, נאָר דער אומגעקעהרטער, זעהט ניט איהם גאָר ניט. ווען איינער זיצט און אַ צווייטער געהט צו צו איהם, לייגט אַרויף זיין האַנט אויף זיין פּנים און ער פאַרדעקט איהם די אויגען, איז דער וואָס האָט אויף זיין פּנים די האַנט, דער זעהט איהם אין גאַנצען, נאָר דער וואָס אויף זיינע אויגען איז די האַנט פון יענעם, ער זעהט איהם ניט לחלוטין, ער ווייסט ניט ווער דער איז.

מיט אונז איז די זעלבע זאַך, פון יציאת מצרים ביז ביאת הארץ, האָט ער געמאַכט פאַר אונז אַזוי פיעל נסים, פּשוט „ואשא אתכם על כנפי נשרים“, „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי על נהר כבר“, אַ דיענסט האָט אַזוי פיעל גאָטהייט געזעהן אויף דעם ים, אַז יחזקאל הנביא האָט עס ניט געזעהן ביי דעם טייך כבר, הייסט עס, אַז גאָט האָט אונז געזעהן און מיר האָבען איהם געזעהן פּנים צו פּנים האָט גאָט גערעדט צו משה׳ן, און אַזוי ווייטער, ווי גאָט האָט מיט אונז געטאָהן, האָט עס געהייסען, אַז מיר האָבען איהם געזעהן, און ער האָט אונז געזעהן.

יעצט נאָך דעם חורבן, אמת, מיר זעהען ניט גאָט, דאָס הייסט די פּעולה פון איהם פאַר אונז, ווייל מיר האָבען געזינדיגט און ער האָט אונז פאַרטריבען פון אונזער לאַנד, אָבער מיין ניט דו אַנטיסעמיט, אַז ער זעהט אונז ניט, ווי דו דענקסט, אַז גאָט האָט אָבגעקעהרט זיין פּנים פון אונז, דענק עס ניט! מיר וואָלטען ביי אייך קיין איין מינוט ניט געלעבט, דאָס וואָס מיר שטעהען צווישען די זיבעציג וועלף, מיר צאָן קדשים, איין שעפּסעלע צווישען אַזוי פיעל וועלף, און

מיר לעבען, איז דער גרעסטער סימן, אז ער האט ניט אבגעקעהרט זיין פנים פון אונז, ניין! ניין! — נאר וואס דען? „עוד ידו נטויה עלינו", ער האט נאר זיין האנט ארויף געלייגט אויף אונז, מיר זאלען ניט זעהן איהם פארלייפיג, אבער ער זעהט אונז. הקב"ה וועט אונז אין גיכען העלפען, ער וועט אראב נעהמען זיין האנט פון אונזערע אויגען און מיר וועלען ווידער זעהן נסים ונפלאות, אמן.

# לפסח

(פסחים, דף ו')

„הבודק צריך שיבטל".

רבא זאגט דעם טעם — „שמא ימצא גלוסקא יפה ודעתיה עלויה". מיינע טהייערע! חוץ וואס דאס איז א דין, אבער מיר ווילען דאך אנ־הענגען א מוסר השכל אין די רייד, אין דעם דין „הבודק צריך שיבטל" און אויף דעם טעם פון רבא. ווייל אין אונזער הייליגער תורה שבכתב ושבעל פה, איז ניט דער דין אליין, נאר כמה וכמה דרשות, חכמה ומוסר איז פאראן אין זייערע רייד, ווי די ספרי מקובלים, זאגען דרשות און דרשות אויף דעם ווארט „חמץ", „שאור" „מצה", א. ז. וו.

דער רב, אדער דרשן אויך דער מטיף וואס איז אין א שוהל, און ער דארף זאגען מוסר. ער דארף בודק זיין די שאור, די חמץ, די עבירות פון זיינע צו־הערער, ער דארף זיי לערנען דעם דרך ד', ער דארף זיי זאגען אז די חמץ זייערע, דארפען זיי מבער זיין, דארף ער זיי ניט שוינען און מורא האבען, ווייל אויב ער האט מורא טויג ניט. אמת, זיי קענען ווערען איהם „געגנער", דארף ער ניט קוקען דערויף, ער דארף זאגען, און זאגען, שרייען צו זיי, מיט גוטען און בייזען, און ער דארף זיי מבטל זיין, זיינע געגנער. הבודק, דער רב וואס איז בודק, ער דארף בודק זיין דעם חמץ זייערען .... איהר פאר־שטעהט דאך, וואס דאס מיינט, און ער מוז זיינע געגנער מבטל זיין „כעפרא דארעא", ווייל „הבודק צריך שיבטל", ודו"ק.

פאר וואס דארף ער זיי מבטל זיין? זאגט רבא דעם טעם, „שמא ימצא גלוסקא יפה ודעתיה עלויה". ער טאר זיי ניט „כשר" מאכען, ווען זיי זיינען ניט כשר, עס איז אפילו א געפאהר צו זאגען וואס מען זעהט, אבער מיין טהייערער מטיף, דרשן, און רב, דו ווילסט

ניט זאָגען פּיליכט ווייל דו דענקסט, טאָמער וועט מען דיר אָבזאָגען פון דיין שטעלע, דו מוזט אָבער זאָגען, אז ניט ביסטו עובר אויף „בל יראה ובל ימצא" אַלע ווייל, ניט פּסח אַליין, נאָר אַ גאַנץ יאָהר. אַי, טאָמער האָסטו טאַקע מורא, ווייל עס האַנדעלט זיך „שמא ימצא גלוסקא יפה", ער וועט מאַכען ביי דעם שווייגען אַ שטיקעל ברויט, אָדער גאָר טאַקע אַ „גלוסקא יפה ודעתיה עלויה", דאַרפסטו וויסען מטיף, אַז דו ביסט עובר אַלע מינוט, אויף „בל יראה ובל ימצא", דאַרום „הבודק צריך שיבטל", ודו"ק.

# לפסח

(פּסחים, דף קט"ז)

אמר ליה רב נחמן לדרו עבדיה, עבדא דמפּיק ליה מריה לחירות, ויהיב ליה כספא ודהבא מאי בעי למימר ליה? א"ל בעי לאודויי ולשבוחי, א"ל פטרתן מלימר מה נשתנה, פתח ואמר עבדים היינו...

מיר עסען היינטיגען יום טוב, מקיים צו זיין, דעם פאַרזאָג, פון אונזערע חכמים, וואָס זיי נעהמען עס אַרויס פון דער תורה וואָס עס איז היינטיגען יום טוב, איבערהויפּט אין די אָבענדען דער חוב צו עסען. אַלזאָ מיר עסען צוליעב דעם תכלית פאַר אונזער לעבען, „כי הם חיינו" ווי מיר זאָגען אין תפילת מעריב. מיר עסען צוליעב דעם צוועק צו לעבען, און לעבען אַ לעבען ווי די תורה הייסט.

נאָר פאַר מתן תורה, האָבען זיי געלעבט צוליעב צו עסען. דער תכלית פון לעבען, איז געווען דער עסען... דאַרום, וואָס מעהר איינער האָט זיך געקענט אויסצייכענען מיט דעם עסען, דער האָט באַקומען אַ גרויסען נאָמען, ווייל ער איז דער בעל תכלית. דאַרום איז נמרוד פאַרצייכענט פאַר דעם העלד, „גבור ציד לפני ד'", ער איז געווען דער העלד, צו דינען גאָט מיט'ן פרעסען און זויפען, קיין אַנדער עבודה האָבען זיי ניט געהאַט און ניט געוואוסט. אויך עשו איז באַצייכענט מיט דער העלדישקייט, „איש יודע ציד איש שדה".

יעצט קענען מיר זיך פאַרשטעלען, אַז דעם ערשטען פּסח, אַרויס־געהענדיג פון מצרים, וואָס פאַר אַ נוסח הגדה זיי האָבען געהאַט. מען פאַרשטעהט שוין אַליין, אַז זייער הגדה איז געווען נאָר פון עסען, „כהא לחמא עניא די אכלו וכו' כל דכפין ייתי ויאכל", און דאַן האָבען

די קינדער געפרעגט די קשיות, די אַלע פיער, וואָס זיי זיינען נאָר בענין אכילה, — שבכל הלילות אנו אוכלין — די צווייטע קשיא, שבכל הלילות אנו אוכלין שאר ירקות, — די דריטע קשיא, שבכל הלילות אין אנו מטבילין אפילו — די פיערטע, שבכל הלילות אָנו אוכלין בין יושבין וכו׳, און דער פּאָטער האָט געאַנטוואָרט: „עבדים היינו לפרעה„.

אָבער יעצט זיינען מיר פרייע מענשען... דאַרפען מיר צוליעב דעם יום טוב, עסען די אַלע זאַכען... ניט אַזוי דעמצווייטען פּסח, איז דאָך שוין די תורה געגעבען געווען, איז דער סיפור געוואָרען אַ טפל, ווייל דער עסען איז ניט דער תכלית, איז דער עיקר סיפור געוואָרען, פון עבדים היינו, און מיר זאָגען „ברוך המקום ברוך הוא כנגד ארבעה בנים דברה תורה, ברוך הוא שנתן תורה לעמו ישראל, ניט ווי דער פריהערדיגער דור קודם מתן תורה, איז דער עיקר געווען נאָר די אכילה... און די אכילה איז דער תכלית געווען, און מען פרעגט שוין: מה העדות והחוקים והמשפטים וכו׳״, און נאָך איינער „מה העבודה הזאת לכם״ און איינער פרעגט, „מה זאת״, ווייל ער ווייסט ניט, אָבער ער וויל וויסען, און דעם שאינו יודע לשאול, דעם גיבען מיר צו וויסען, אָבער אַלע ווייסען, אַז ניט דער תכלית איז צו ריידען און צו פרעגען פון עניני אכילה.

אמת, מיר זאָגען די אַלטע הגדה אויך, ווייל אַזוי האָבען געזאָגט אונזערע עלטערען. אָבער אַז מיר וואָלטען מיט אַ דבר חכמה זיך אַרויס־געדרעהט און גע׳פּטר׳ט ניט צו זאָגען, וואָלט אויך ניט שטאַרק אויסגעמאַכט, ניט זיך מתווכח זיין בעניני אכילה.

רב נחמן זיצט זיך מיט דרו זיין קנעכט, און טראַכט זיך, דרו מוז וועלען ריידען מן הסתם פון עסען, אויב אַזוי דאַרף מען זאָגען פון כהא לחמא וכו׳, אָבער אַז ער האָט איהם געאַנטוואָרט, „בעי לאודויי ולשבוחי״, האָט ער זיך דערפרייט, און האָט געזאָגט, דו האָסט מיך געמאַכט יעצט פּטור פון צו זאָגען מה נשתנה, און איך קען אָנהויבען צו זאָגען עבדים היינו... (פון ספר פּרי יחזקאל, מהרב הגאון ר׳ שמעון זיוויץ פון פּיטסבורג).

מיינע טהייערע! איך זעה, אַז יעצט, זיינען מיר געבליבען נאָר ביי דעם תכלית פון עסען, נאָר עסען איז דער עיקר אין דער יעצטיגער צייט. עס קומט פרייטאג, געפּאַקט די מאַרקעטס פון אידישע פרויען, מען קויפט פון אַלע עניני אכילה, אין הויז טהוט זיך מעשים, מען קלאַפּט, מען באַקט, מען קאָכט, עס קומט דער שבת, דער בעי לאודויי איז ניטאָ, קיין קידוש, קיין זאַך, זיי זיינען גאָר אין שאָפּ און אין

סטאַר. אָבער עסען איז דאָ דער זכור, איז שטאַרק, דער שמור איז גוסס. אַט אַזוי שבת, אַט אַזוי יום טוב, און אַזוי ווייטער, און פּסחביים סדר, אַז עס זיצען שוין אַפילו ביי דעם טיש, די ארבעה בנים, דער אַמעריקאַנער חכם, וואָס ווייסט ניט טאַקע ניט פון עדות און ניט פון קיין זאַך, אָדער רוסישער רשע... דער וואָס גלייבט אוים די וועלט, אַז עס זאָל ניט זיין קיין תורה, קיין גלויבען, קיין גאָט, קיין היראַט אַפילו, און דער אַמעריקאַנער קינד, וואָס קען שוין אַפילו אַ שטיקעל עברי, אָבער ער פרעגט מה זאת, ווייל ער ווייסט ניט, און אַנדערע זיינען גאָר שאינו יודע לשאול'ס — אָבער עסען, עסט מען, מעהר פאַר נמרוד און מעהר פאַר עשו... היינט איז מעהר דער תכלית „מיר לעבען אום צו קענען גוט עסען" און דאָס אַלעס.

---

# ליציאַת מצרים

(ברכות, דף ט׳).

„דבר נא באזני העם וישאלו וכו׳, „אין נא אלא לשון בקשה", אמר הקב"ה למשה בבקשה ממך לך אמור להם בבקשה מכם שישאלו וכו׳, שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם קיים בהם ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם".

אַלע מפרשים פרעגען, אַז דער רבוש"ע זאָגט צו משה, דאַרום בעט איך דיר, כדי דער צדיק זאָל ניט זאָגען „ועבדום וענו אותם" האָט ער מקיים געוועזען מיט זיי, אָבער „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם", און אויב דער צדיק וועט ניט זאָגען, דאַרף גאָט ב"ה ניט מקיים זיין דעם צוזאָג זיינעם?

אַ גביר איז געגאַנגען אין גאַס, האָט ער דערזעהן אַן אָרימען מענשען. אויסגעצעהרט פון הונגער האָט ער אויסגעקוקט, און זיין פּנים האָט אויף איהם עדות געזאָגט, אַז ער איז זעהר אַן אַנשטענדיגער און אָרענטלאַכער מענש. האָט ער איהם געפרעגט: „הערט, ר׳ קרוב, ווען איך זאָל אייך צונעהמען ביי מיר אין געשעפט, אייך געבען אַרבייט, עטוואָס געלט דערפאַר און קעסט און דירה ביי מיר, וואָלט איהר וועלען?" „וואָרום ניט, ר׳ גביר לעבען? איך וועל גאָר ניט וויסען מיט וואָס אייך אָפּצודאַנקען פאַר דעם חסד וואָס איהר וועט טהאָן מיט מיר, בעסטער הער!"

דער גביר האָט דעם מאַן געגעבען שווערע ארבייט און ער האָט אויף איהם אויפגעפּאַסט, אַז ער זאָל אַרבייטען. ער האָט טאָקע אַ גאַנצען טאָג שווער געאַרבייט, אָבער ער האָט זיך געפּרעהט און גאָט געדאַנקט, אַז ער האָט אַ פּלאַץ וואו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרען. ער איז פאַרזאָרגט מיט עסען און מיט טרינקען און אַ פּלאַץ צום שלאָפען. אַז עס איז געקומען צום עסען, האָט איהם די דיענסט געפרעגט: „זאָג מיר וואָס ווילסטו עסען: פליישׁ, פישׁ אָדער אַרבעס מיט ברויט?" ער איז געווען אַ שעמעדיגער, האָט ער ביי די פליישׁ און פישׁ און נאָך גוטע מאכלים אָוועקגעמאַכט מיט׳ן האַנט, און ביי די אַרבעס־זופּ האָט ער צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. און אַזוי איז עס געבליבען יעדען טאָג ביי יעדען מאָל עסען, האָט ער אימער געגעסען פּראָסטע עסענס און ער האָט קוים געקענט אויף די פיס שטעהן, און ביי דער ארבייט פלעגט דער בעל הבית איהם יאָגען: „אַרבייט, אַרבייט!" און אָפטמאָל פלעגט ער איהם גלעטען איבער׳ן פּנים: „אַרבייט, יאַנקעלע, אַרבייט!"

איינער, אַן אַריינגעהער ביים גביר אין הויז, אַז ער האָט געזעהן וואָס ער עסט און האָט נאָכדעם געזעהן ווי דער בעל הבית גלעט זיינע האָר און זאָגט איהם „אַרבייט, אַרבייט!" און באַמערקענדיג ווי דער מאַן האָט פּשוט קיין כח ניט צו שטעהן אויף זיינע פיס, האָט ער געזאָגט צום גביר: „מיין טהייערער פריינט! איהר טהוט ניט גוט. זעהט איהר דען ניט, אַז ער האָט שוין ניט קיין קרעפטען צו שטעהן אויף די פיס? ער פאַלט דאָך אום, און דאָס איז פון די פּראָסטע מאכלים וואָס ער קריגט, און אַרבייטען אַרבייט ער גאַנץ שווער. דאָס איז ניט ריכטיג פון אייער זייט. גיט איהם צו עסען, וועט ער קענען גוט אַרבייטען.

„מיין טייערער פריינט", זאָגט דער גביר צו איהם. „איך וויים ניט וואָס ער עסט, נאָר איך פאַרשטעה וואָס דאָ איז. ער איז אַ שע־מעוודיגער, און אַז די קעכין האָט איהם געפרעגט וואָס ער וויל עסען, האָט ער איהר געווים געענטפערט און אָנגעוויזען אויף די פּראָסטע מאכלים. אָבער איך וויים דערפון גאָר ניט".

זאָגט צום גביר דער מאַן. מיין טייערער, אייער ענטפער האָט קיין גרונד ניט אַז איהר זאָלט זיך דערמיט פאַרטיידיגען. אַזוי ווי איהר שטעהט און גלעט איהם זיינע האָר: יאַנקעלע, אַרבייט מיט חשק, אַזוי האָט איהר געדאַרפט, און איהר דאַרפט אָפט, שטעהן אין עס־צימער און זעהן וואָס יאַנקעלע עסט, און אַז יאַנקעלע עסט ניט, האָט איהר געדאַרפט איהם גלעטען זיינע הערעלאָך: „יאַנקעלע עס!"

אזוי גוט ווי איהר גלעט איהם „יאַנקעלע אַרבייט, אַרבייט!“ און איהם איבערבעטען, מפיים זיין ווען יאַנקעלע עסט, כאָטש יאַנקעלע האָט טאַקע אַליין מוחל געווען די „בשר ודגים וכל מטעמים“.

דאָס זעלבע איז מיט אונזערע „בני יאַנקעלע“. משה קומט אין מצרים און זאָגט זיי: קינדערלאַך, געהט לייהט ביי די מצריים „כלי כסף וכלי זהב“, דען איהר ווערט אויסגעלייזט פון מצרים, האָבען זיי געענטפערט: וואָס דאַרפען מיר גאָלד און זילבער, הלואי געהען מיר אַליין אַזוי אַרויס. אַלזאָ, האָבען זיי אַליין אויף אַלץ מוחל געווען דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול“, איז על פי דין קומט זיי ניט מעהר, מען דאַרף זיי ניט געבען דעם רכוש גדול, אָבער יושר? אמת טאַקע, גאָט איז פטור על פי דין, אָבער וואו איז „יושר“? —

זיי האָבען אָבער אַ גוטען פריינד, וואָס וועט זאָגען: רבוש"ע, ווי אַזוי האָט מען גענומען יאַנקעלעס קינדער צום אַרבייטען? לאָמיר זיך טאַקע ריכטיג דורכרעדען. אַז אידען זיינען געוועזען אַזוי באַליעבט אין מצרים, יוסף איז געוועזען אַזוי טייער אין זייערע אויגען, זיינע ברידער זיינען געווען געשעצט און געאַכטעט, אלא וואָס דען איז געוועזען? זיי מוזען דאָך אַרבייטען, האָסטו זיי צוגעשפּאַרט צו דער אַרבייט און געגעבען פּרעה׳ן אַן עצה, ער זאָל געהן מיט זיי מיט גוטען, ער זאָל זיי „מפיים“ זיין, אָנפאַנגענדיג צו אַרבייטען. פּרעה האָט מיט זיי אַ פּאָר טעג געאַרבייט. דאָס האָסטו מקיים געווען, דעם „יעבודו וענו אותם“ — אַז מען האָט זיי שוין געוואָלט באַפרייען און געבען זיי גוטען געצאָהלט וואָס זיי קומט, דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול“, האָבען זיי עס געשאָנקען, אָבי נאָר צו געהן. יאָ, רבוש"ע, וועט אברהם זאָגען. אמת, דער דין איז אַזוי, אָבער וואָרום צו דער אַרבייט האָסטו זיי מפיים געווען, וואָרום ביי דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול“ ביזטו געשטאַנען פון ווייטען און זיי גאָרניט מפיים געווען: עסט קינדערלאַך פון כל טוב, נעהמט פון כל טוב — איהר האָט געאַרבייט, דאַרפט איהר באַצאָהלט. אָבער זיך גאָר ניט מאַכען וויסענדיג וואָס די עבדים פון פּרעה מיט זיינע משרתים וועלען זיי וועלען געבען.

יעצט באַטראַכט דעם אָנפאַנג מאמר, די פראַגע און דעם תירוץ, און פאַרשטעהט ווי ריכטיג יעדעס וואָרט אין דעם מאמר איז...

# ליציאת מצרים

(ברכות, דף ט׳).

„דבר נא וכו׳, שלא יאמר אותו צדיק וכו׳".

אין סנהדרין (צ"ב ע"ב) זאגען אונז די חכמים, „בני אפרים שמנו לקץ וטעו, שנא׳ ובני אפרים וכו׳ והרגום אנשי גת ויתאבל אביהם ימים רבים". יעצט זאלען מיר זעהן, אז אידען האבען דאך גע־דארפט זיין אין מצרים פיער הונדערט יאהר. געוועזן זיינען זיי צוויי הונדערט מיט צעהן יאהר, און אז משה איז צו זיי געקומען זאגען, אז זיי וועלען ארויס פון מצרים, האבען זיי מורא געקראגען, ווייל עס איז נאך די צייט ניט געוועזן, און אין אמת׳ן זאגען די חז"ל, אז די צייט איז נאך טאקע ניט געוועזן, נאר דער „קושי השעבוד" האט משלים געווען די צייט.

און נאך איין הקדמה דארפען מיר האבען. דער מדרש שה"ש (א׳ י"א) זאגט אזוי: „תורי זהב נעשה לך, זו ביזת הים", „עם נקודת הכסף זו ביזת מצרים" — „כשם שהפריש בין כסף לזהב, כן יש שבח בין ביזת הים מביזת מצרים". אזלא זעהען מיר, אז „ביזת הים" איז גרעסער א סך פון „ביזת מצרים", האט דאך דער רבוש"ע ניט געדארפט מאכען אזא זאך, אז זיי זאלען לייהען פון מצרים און ער האט געקענט מקיים זיין זיין הבטחה דעם רכוש גדול מיט דעם ביזת הים!

אט דאס מיינען טאקע די חכמים מיט דעם מאמר, „משה", „דבר נא באזני העם וישאלו בבקשה ממך", איך בעט דיר, משה, בעט זיי אז זיי זאלען לייהען, און עס זאל שוין זיין דער רכוש גדול, ווייל אז ניט וועט שוין אברהם אזוי זאגען: איך האב מורא, אז מיינע קינדער געהען ארויס פאר דער צייט, אז „ועבדום וענו אותם" האט ער שוין מקיים געווען. קיים בהם? האט דאך געדארפט זיין גלייך „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", אז איך זעה ניט דעם רכוש גדול, איז דאך נאך ניט „קיים בהם ועבדום", — אזוי וועט אברהם זיך שרעקען „שלא יאמר אותו צדיק", איך וויל ניט אז דער צדיק זאל דאס זאגען. איך האב מורא אז עס איז בעפאר די צייט, דארום משה טהייערער, איז ניט צו ווארטען אויפ׳ן ביזת הים... ודו"ק.

# ליציאַת מצרים

(ברכות, דף ט׳).

„שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וכו׳״.

ספרים פרעגען: וואָרום רופט הקב״ה ניט אָן אברהם מיט זיין נאָמען, נאָר בלשון „דער צדיק״? און מפרשים ענטפערען, אַז אַ מענש האָט אין זיין לעבען צוויי נסיונות: „נסיון העוני״ און „נסיון העושר״. די ערשטע איז געפעהרליך, ווייל עניות מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת המ קום״, אויב ער איז ניט פעסט אין זיין גלויבען, אָן אמת׳ער איד אין פולען זין פון דעם וואָרט, פיהרט איהם אַראָפּ די אָרימקייט פון וועג.

אָבער דאָך איז דער נסיון פון רייכקייט אַ סך גרעסער ווי דער נסיון פון אָרימקייט. אָרימע לייט זעהען מיר אַ סך אָנשטענדיגע אידען, אידען אין פולען זינען פון וואָרט, אָבער מיר זעהען זעהר ווענינ מיליאָנערען, וועלכע זאָלען זיין אמת׳ע אידען. איך וויל ניט מאריך זיין אין דעם, ווייל עס איז באַוואוסט. און אָט דעם אידען, וועלכען דער נסיון פון אָרימקייט האָט ניט ערגער געמאַכט, און גאָט האָט איהם געהאָלפען, אַז ער איז אַ גביר געוואָרען און ער האַלט זיך דאָן אויך מיט גאָט... אָט דער איז דער אמת׳ער איד, און איהם קען מען רופען צדיק. אַזוי רופען איהם אויך אַלע ספרים: „צדיק תמים״.

אידען זיינען געוועזען אין מצרים גענוג גערריקט. דאָס ווייסען מיר אַלע. דאָך האָבען זיי זיך געהאַלטען זעהר פעסט אין זייער טראַ־דיציע. זיי האָבען ניט געביטען זייערע נעמען (וואָס יעצט, צום באַדויערען, פעהלט עס ביי אונז), זיי האָבען ניט געביטען זייער קליידונג, קיין לשון הרע האָבען זיי ניט גערעדט און בכלל זיינען זיי געוועזען מצוינים אין אַלעם.

אברהם האָט דורכגעמאַכטביידע נסיונות, ווי מיר ווייסען — דעם „לך לך״ און דעם „ואברהם כבד מאד במקנה״ וכו׳, דאַרום רופט ער זיך „צדיק״. און דאָס מיינט דער מאמר: איך בעט דיך, משה, בעט זיי, אַז זיי זאָלען נעהמען גאָלד און זילבער פאַר זייער אַרבייט, און זיי זאָלען רייך ווערען, און זיך האַלטען מיט מיר, מיט זייער טראַ־דיציע. דאָס וויל אברהם האָבען. ער וויל זיי זאָלען זיין צדיקים מיט׳ן נאָמען זייערען, „שלא יאמר אותו צדיק״, דער צדיק אברהם, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט גרויסע נסיונות, זאָל ער ניט זאָגען, יאָ, אמת, „ועבדום וענו אותם קיים בהם״ — מיט אַרבייטען און פּלאָגען

זיי האט ער זיך געהאלטען מיט זיי און זיי מיט איהם, „קיים בהם" — האט ער זיך געהאלטען מיט זיי. אבער עס קען זיין אז „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם" — מיט רייכקייט וואלט ער זיך ניט געקענט האלטען מיט זיי, און דאס איז מיר גאר א קליינע טרייסט, וואס זיי זיינען באפרייט געווארען. דער עיקר איז, אז מען קען זיין א איד, דאס איז דער עיקר. די עטליכע יאהר ווי זיי געהען אריבער, איז אלץ איינס...

# ליציאת מצרים

(ברכות, דף ח').

„על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא — לעת מצוא זו אשה".

די ענדע פון דעם פסוק איז „רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו" — די גמרא זאגט אין יבמות (ס"ג) „אמר רבא, אשה רעה מצוה לגרשה, דכתיב גרש לץ ויצא מדון" און די גמרא זאגט אין סנהדרין (דף ח') „האי תיגרא דמיא לצינורא דבידקא דמיא". אלזא, יעצט ווייסען מיר די איינינע זאכען, אז א אשה, וועלכע איז זעהר א שלעכטע, איז א מ צ ו ה איהר צו געבען א גט, און די קריעג און די מחלוקת וואס עס איז אין הויז, איז דאס גלייך צו וואסער, אז וואסער געפינט א פלאץ, אפילו גאר א קליין שפעלטעלע, וואו דורכצוגעהן, דאן רייסט זיך די וואסער אלץ מעהר און מעהר דורך. מיט קריעגערייען איז אויך אזוי. מען דארף ניט מאריך זיין אין דעם, ווייל עס איז יעדען פאר־שטענדליך.

„פוטר מים ראשית מדון", האט דער חכם מכל אדם געזאגט. אלזא צום באור: „על זאת יתפלל כל חסיד אליך" יעדער עהרליכער איד דארף אויף אט דעם בעטען צו השי"ת. אויף וואס? „לעת מצוא"— „זו אשה". א סך דארף מען בעטען ביי גאט צו קריגען א גוטע אשה. פון וואנען ווייסען זיי דאס, אז „לעת מצוא" מיינט „זו אשה"? און אז אויף דעם דארף מען מתפלל זיין זעהר פיעל? ווייל דער אנדער האלבען פסוק זאגט עדות אויף דעם, „רק לשטף מים רבים אליו לא יגיעו", ער זאל ניט קריגען אזא „סחורה", וועלכע זאל געגליכען ווערען צו וואסער, דאס הייסט, די קריעגערייען. צוערשט איז דאס עטוואס, א קליין פלאץ וואו די וואסער האט זיך אנגעהויבען דורכ־

צושפּארען, אבער נאכהער ווערט א „שטף מים רבים“ א פליצונג. אזוי איז די אשה רעה. זי געפינט נאָר אַ פּלאַץ פון וואָס אַנצופאנגען, זיך צו קריגען, און אזוי ווערט עס אימער שטארקער און שטארקער, דארום איז אשה רעה מצוה לגרשה....

# ליציאַת מצרים

(ברכות, דף ח׳).

„דבר נא באזני העם וישאלו ממצרים, אין נא אלא
אלא לשון בקשה“.

אויב מען וויל פּטור ווערען פון אַ שלעכטען מענשען, ער זאָל מעהר ניט קומען און פארשאַפען אונאנגענעמליכקייטען, זאָל מען איהם לייען עטליכע דאָלאַר, און ער וועט שוין געוויס מעהר ניט קומען צו דיר.

השי״ת האָט געוואָלט, אַז אידעלאך זאָלען מעהר ניט קומען אין מצרים, האָט ער געזאָגט צו משה׳ן: משה, איך בעט דיך! משה, איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט בעטען די אידעלאך, זיי זאָלען לייהען געלט און זילבער פון די מצריים. עס הייסט ח״ו קיין גנבה ניט; עס קומט אייך מעהר וויפיעל זיי וועלען אייך לייהען. נאָר פאַר וואָס מאַך איך דאָס בתורת הלואה? כדי זייער פּוס זאָל שוין מעהר אין מצרים ניט קומען. דאָס איז מיין פאַרלאַנג און אויף אַזא אַרט וועלען זיי מעהר ניט קומען...

# לשבועות

(שבת, דף פ"ח)

„ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפת עליהם את ההר כגיגית, ואמר להם אם תקבלו את התורה מוטב, ואם לאו, שם תהא קבורתכם".

דער אויסדרוק פון דעם ווארט „שם", איז ניט אזוי קלינגענדיג, זיי שטעהען דאך יעצט אונטער דעם בארג, האט ער געדארפט זאגען, „ואם לאו פה תהא קבורתכם!

מיינע טהייערע, דער איד, מיט זיין ביז איצטיגען עקזיסטענץ איז נאר די תורה צו פארדאנקען, ווייל מיר האבען די תורת חיים געהיט, און דארום זיינען מיר ביי דעם חיים ביז יעצט. די תורה הקדושה האט אונז אויפגעהאלטען אז מיר זאלען זיך ניט אויסמישען מיט די אמות העולם. אין די פלעצער וואו די אידעלעך פארלאזען די תורה, דארט ווערט פון איהם גאר ניט, אוים איד, ווייל ער פער־שמעלצט זיך מיט דער צייט, מיט די אומות העולם.

היינטיגע צייטען, האט דער „עגל הזהב" דער טאלער, אוועק־געריבט פון אונז די תורה, ווייל יעדער איינער קוקט אויף דעם צווייטען, יענער האט זיך ארויף געארבייט, יענער איז אזוי — און אזוי. — אז מען זאגט איהם, סטייטש? יענער איז דאך אין גאנצען קיין איד ניט? ער רוהט ניט שבת, יום טוב א. ז. וו.! — זאגט ער: נו, דאס טאקע קוק איך נאר. איך בין אנדערש, און צו וואס דארף איך זיין אנדערש פון יענעם? און אזוי קוקט איינער אויף דעם אנדערען. מען קוקט נאר — דארטען מעג מען? אזוי? מעג איך אויך אזוי. און דאס איז געפעהרליך, וואס יעדער קוקט נאר אויף דארטען. יענער האבעוועט, ווען מען טאר ניט, דארף איך און מעג אויך.

דאס זאגען די חכמים, „אם תקבלו ישראל את התורה מוטב", אבער „ואם לאו" אויב איהר וועט ניט האלטען די תורה, ווייל „שם", איהר וועט נאר קוקען אויף דארטען, אין יענע לאנד, איז ניט בעסער, אין יענע שטאדט איז אויך אזוי, און יענער איד טהוט אויך אזוי, אויב איהר וועט קוקען „שם" וואס דארטען אז, און אזוי טאהן, וועט איהר דאך אוועק ווארפען די תורה, זאג איך אייך, אז — „תהא קבורתכם" עס וועט זיין אייער ענדע. עס געהט אוועק א פאר דורות, און דער סארט אידעלעך זיינען שוין ניטא, זייערע קינדער און

קינדס־קינדער, מישען זיך אויס, מיט די גוים, און זיי וועלען פאַר־שלונגען ווערען. בעסער קוקט ניט וואָס „שם", דאַן וועט זיין „תקבלו את התורה".

# לשבועות

(שבת, דף פ"ח)

**בשעה שעלה משה למרום, אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, רבש"ע, מה לילוד אשה בינינו, אמר להם, לקבל התורה בא, וכו', אמרו מה אנוש כי תזכרנו, וכו'.**

דער מענש וואָס איז דאַכט זיך גאָר ניט ווערט, אָט איז ער דאָ, און מאָרגען איז ער מעהר ניטאָ, דער מענש אין זיין לעבען וואָס איז אונטערוואָרפען אַלע שרעקליכע געשעהעניסען, יסורים, פּלאָג און אַלע ערליי געפאַהרען, און דער מענש קען ווערען ווי אַ מלאך אלקים, און אַנדערע זאָגען אַז נאָך העכער פון די מלאכים. איז די נידעריגע באַ־שעפעניש, וואָס ווערט גערופען מענש, ווען ער וויל נאָר דאָס זיין, דאָס הייסט, ווען ער זיעגט אין דעם קאַמפּף מיט דעם שרעקליכען גבור זיינעם, דאָס איז דער „יצר הרע", קען ער דאָס ווערען.

ווען משה איז אַרויף אין אַזאַ מדרגה, ווען משה איז אַזוי דער־הייכט געוואָרען, דאָס הייסט „בשעה שעלה משה" אין דער צייט ווען משה איז אַזוי הויך געשטיגען, אַזוי הויך וואָס דאָס הייסט „למרום", צו הימעל־באַשעפעניש, צו מלאכי אלקים, וואָס אויף איהם ווערט געזאָגט, „מחציו ולמטה איש, ומחציו ולמעלה אלקים", האָט דאָס די מלאכים פאַרדראָסען. סטייטש! אַזאַ בשר ודם, וואָס היום איז ער כאן, ומחר בקבר, זאָל ווערען גאָר אַזאַ בריאה, וואָס דאָס איז רוחניות אין גאַנצען! האָבען זיי אָנגעהויבען שרייען, „מה לילוד אשה בינינו"! ווי קומט אַזאַ קליינע זאַך זאָל קענען שטעהען מיט אונז צו גלייך אפילו בינינו! „אמר להם הקב"ה, לקבל תורה בא", די אורזאַכע פון זיין גרויסקייט איז, — דאָס וואָס ער איז געקומען צו מקבל זיין די תורה, און דורך די תורה ווערט מען אַזוי גרוים, א"ל, „מה אנוש כי תזכרנו ובן אדם כי תפקדנו, תנה הודך על השמים", גיב דיין תורה פאַר אונז מלאכים, וואָרום אויב דער מענש וועט נאָך קריגען די תורה, וועט ער נאָך ווערען גרעסער פאַר אונז, וואָרום מיר זעהען דאָך, אַז נאָר מקבל צו זיין די תורה, איז דער „מקבל משה געוואָרען אַזוי גרוים, „תנה הודך על השמים".

# לשבועות

(שבת, דף פ"ח)

א"ל הקב"ה משה תחזר להם תשובה, א"ל משה, מתיירא אני שמא ישרפוני בהבל שבפיהם, א"ל הקב"ה אחוז בכסא כבודי והחזר להם תשובה.

אזוי ווי די מלאכים האבען געזאגט צו הקב"ה, אז ער זאל געבען די תורה צו זיי און ניט צום נידעריגען ערד־מענש, וואס ער איז געבארען פון ערד, און מוז אם ענדע זיינע קומען צוריק צו די ערד, און זיי האבען אויפגעוויזען, ווי נידעריג איז דער מענש אויף דער וועלט, און ער זינדיגט מעהר וויפיעל ער טהוט מצות, דאן —

א"ל הקב"ה למשה, זאגט גאט צו משה: משה, וואס שווייגסטו! דארף איך דען ריידען פאר דיר? פארשטעהסטו דען ניט משה, אז זייער טענה איז קיין טענה! ווייל אמת זאגען זיי, אז דער מענש, דער „קרוץ מחומר", איז אנגעברייט צו זינדיגען, אבער איך האב באשאפען א טהייערען מעדיצין, גלייך ווי די וועלט איז פון מיר באשאפען געווארען, וואס דאס מאכט פון זינדיגען, נאך בעסער, טהייערער ווי ער איז געוועזען, און די רפואה הייסט „תשובה", מען זאל תשובה טאהן און „במקום שבעל תשובה עומד, אין צדיק גמור יכול עמוד", (ווייל דער צדיק קען אזוי פיעל מצות געווים ניט האבען ווי דער רשע האט עבירות, און אז ער טהוט תשובה מאהבה, א ריכטיגע תשובה, ווערט פון יעדער עבירה א מצוה....) זאג זיי דערפון וועלען זיי פארשטעהן, אז איך בין גערעכט, און דו דארפסט מקבל זיין די תורה.

א"ל הקב"ה „החזר להם", זאגט גאט צו איהם אנטווארט זיי „תשובה", אז תשובה העלפט. א"ל, רבש"ע מתיירא אני שמא ישרפוני בהבל שבפיהם, איך האב זעהר מורא, אז זיי קענען מיר פארברענען מיט זייערע מיילער, וואס זיינען הייליג; זיי האבען ריינע מיילער, אהן פאלשע שבועות, קיינע לצנות, נבול פה, רכילות, לשון הרע, און זיי האבען דאך אויך א טענה, ווי קומט א בשר ודם וואס איז געבארען מטפה סרוחה, וואס איז דען טאקע דער מענש, זיי זאגען דאך ריכטיג, זיי זיינען רוחניות און מיר זיינען ערד־מענשען.

משה האט קיין מורא פאר זיי, דו ביסט דער יחסן, מעהר פאר זיי. זיי האבען קיין נייגונג צו שלעכטעס, זיי קענען גאר קיין שלעכטעס טאהן, אזוי ווי א מלאך, וואס ער איז באשאפען צו זיין שלעכט,

ווי דער מלאך המות, יצר הרע, און נאָך אַזעלכע שלעכטע זיי קענען ניט זיין גוט. דער מענש איז באַשאַפען פון "תאוה" פון ערד, פון גאָר שמוץ, זיין נייגונג איז צו שלעכטעס, און אַז ער באַזיעגט זיך אַליין, איז ער דער העלד.

ווידער זאָג זיי משה, אַז זיי זאָלען קיין טעות ניט האָבען און זיך באַריהמען אַז זיי זיינען הויכע ברואים, זאָג זיי, אַז זיי זיינען באַשאַפען, אין עולם המלאכים, אָבער דיין נשמה איז „מתחת כסא כבודי" — נו וואָס זאָגסטו משה, ווער איז אין דער בריאה מצד הנשמה העכער? ניט דו מענש? „אחוז בכסא כבודי", צייג זיי אָן אַז דו שטאַמסט פון מיין „כסא הכבוד" דאָס איז איינס, „והחזר להם" און אויף דעם קערפערליכען טהייל אַנטוואָרט זיי, „תשובה" גדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד" — ודו"ק.

# לשבועות ולשבת שובה

(שבת, דף פ"ט)

אמר ר' יהושע בן לוי, בשעה שירד משה מלפני הקב"ה בא השטן ואמר, רבש"ע, תורה היכן היא, א"ל נתתיה לארץ, הלך אצל ארץ, אמר תורה היכן היא, א"ל אלהים תבין דרכה, הלך אצל הים, א"ל אין עמדי, הלך אצל תהום, א"ל אין בי, חזר ואמר חפשתיה בכל הארץ, ולא מצאתיה, א"ל לך אצל בן עמרם, וכו'.

דעם שטן איז ניט געפעלען וואָס דער רבש"ע האָט געגעבען די תורה צו אונז אידען, ווייל דאָס איז פאַר איהם ניט גוט, איהם שמעקט ניט דער אַרטיקעל, ווייל פאַר איז די תורה אַ סם המות. אין קדושין זאָגט די גמרא, אַז גאָט זאָגט, אמת טאַקע, בראתי לו יצה"ר, אָבער בראתי לו תורה תבלין" די תורה איז אַ בשמים, אַזאַ מעדיצין, וואָס עס שוואַכט אָב דעם יצר הרע און אַז דער יצר הרע קומט און טשעפעט זיך צו צום מענשען אַז מען קען ניט פטור ווערען פון איהם, הייסט דער תלמוד, אַז מען זאָל איהם אריינשלעפען דעם חברה־מאַן אין בית המדרש, „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא וכו' (סוכה נ"ב), נו צרוואָס טויג איהם, אַז ער זאָל האָבען אַזאַ בשמים געגען איהם....

דארום קומט ער צו געהן און זאגט צו גאט: רבש"ע, תורה היכן היא? וואו איז די תורה? א שעהנעם פנים וועט דיין תורה האבען, (און זי האט שוין באלד). די אידעלעך וועלען דאך מאכען (ניין זיי האבען שוין געמאכט) אן עגל, און אין אלע דורות איבער־הויפאט אין אמעריקא, זיינען דאך פינף און זיבעציג פראצענט אידען אונטער די עבודה זרה פון דעם עגל הזהב. פרעג איך דער רבש"ע, „תורה היכן היא"? וואו געפינט זיך די תורה? וואס פאר א פנים האט דיין ליבע תורה, וואס דו האסט זיך מיט איהר משתעשע געווען ביז יעצט, פינף הונדערט פיער און זיבעציג דורות האסטו זיך גע־שפיעלט מיט דיין טאכטער די תורה, איידער די וועלט איז נאך בא־שאפען געווארען, און יעצט! יעצט האסטו איהר פארהייראט פאר אזא נידריגע קלאס, וואס דאס הייסט דער מענש, תורה היכן היא?

א"ל נתתיה לארץ, האב קיין מורא ניט, אויב דו מיינסט טאקע, אז דו ווילסט זיך אננעהמען פאר איהר, איך דאנק דיר פאר דיין גוט הארץ, מיין טהייערער גוטער געטרייער דיענער, זיי אבער זיכער אז איך האב געטאהן מיט איהר, זעהר א גוטען שידוך, מיין ליעבער. קיין בעסערען פלאץ אבצוגעבען איהר, האב איך ניט געהאט, פאר מלאכים טויג מיין טאכטער ניט. אמת זיי ליעבען איהר, אבער זיי זיינען ניט אומשטאנד איהר מפרנס צו זיין! ווייל, זיי האבען קיינע געשעפטען, טויג ניט פאר זיי כמעט א האלבע תורה, וואס דאס איז נאר פאר געשעפטס־לייט, ארבייטער, אין כלל פון מענש צו מענש, אפילו די ערשטע מצוה אין דער תורה, וואס מיין טאכטער תורה פארלאנגט, אז זי וויל מען זאל האבען קינדער, די מלאכים האבען קיין פרויען, אפילו די לעצטע מצוה, צו זיין גומלי חסד של אמת ווען איינער שטארבט, וואס איך אליין האב געצייגט די מענשהייט, „ויקבור אותו בגי", טויג פאר אייך ניט, ווייל די מלאכים שטארבען ניט. דער כלל איז, אז עס איז ניטא איין מצוה וואס מיין טאכטער פארזאגט, אז מלאכים זאלען איהר קענען מפרנס זיין, דאס הייסט, אויספאלגען.

טא זאג זשע מיר שטן, צו וועמען האב איך איהר געקענט פאר־הייראטען, צו „עשו הרשע", דעם שיכור, דעם פאגראמשציג? צו ישמעאל'ין דעם פרא אדם? צו עמון אדער מואב די טהייערע מיוחסים? האב איך געמוזט איהר געבען צו די „בני ישראל" יחסנים, כשר'ע קינדער זיינען זיי, אי וואס דו זאגסט, אז זיי וועלען ניט קענען לערנען מיין געבילדעטע, עדלע, שעהנע, ליבע טאכטער! שטן, זיי רוהיג, איך גיב דיר צו, א עס איז דא א ביסעלע אמת איז דיינע רייד, אז א

גרויסער פראַצענט פון די בני ישראל זיינען פאַרנומען מיט דעם „עגל הזהב", די רייכערע קלאַס, ווילען פון מיין טאַכטער ווייניג וויסען, זיי פאַלגען איהר ניט, אָבער איך האָב די מיטעלע קלאַס, די אָרעמערע קלאַס, און מיטעלע בעלי בתים, זיי קומען אין די שוהלען און דאַווענען און לערנען און הערען לערנען, זיי זיינע מחזיק לומדי תורה, זיי גיבען געלט פאַר אַ ישיבה, און פאַר אַ תלמוד תורה, און ווי מעגליך, היטען זיי אַליין איהרע מצות, וואו זיי געהען נעהמען זיי מיט מיין טאַכטער די תורה. „נתתיה" איך האָב איבערהויפּט איהר אַוועק־געגעבען „לארץ" צו די ערד־מענשען, צו די מיטעלע קלאַס, צו דעם פּראָסטען עולם. הכלל, זיי וויסען אַז נתתיה לארץ... ווען ניט זיי, וואָלט טאַקע קיין פּוס ניט געוועזען, חוץ ימים נוראים אין אַ שוהל, און עס וואָלט קיינע „החזקת התורה", ניט געוועזען.

„הלך אצל ארץ" דער שטן איז געגאַנגען אויספאַרשען ביי די סאָרט מענשען, וואָס זיי רופען זיך ארץ, נידעריגע קלאַס, אָרעמערע מענשען, מיטעלע בעלי בתים, און ער האָט באַזוכט אַט די פּלעצער און ער האָט ניט געפונען קיין פיעל תורה ביי זיי. זיי זיינען נעבעך פאַרנומען מיט מאַכען אַ לעבען פאַר זיך און זייערע הויז־מענשען. וואונדערט ער זיך ווייטער, תורה היכן היא? וואו איז ביי אייך תורה, איהר האָט דאָך גאָר קיין צייט ניט, צו פאַרברענגען מיט די „ברתא דמלכא", זאָגט מיר טאַקע, תורה היכן היא?

א"ל אלהים הבין דרכה! גאָט ווייסט אַז מיר קענען ניט לערנען, מיר האָבען קיין צייט ניט. נאָר וואָס דען? מיר שטיצען לומדי תורה. מיר האַלטען אויס אַ פרומען רב, אַ גדול בתורה, מיר גיבען געלט פאַר אַלע בני תורה, אָבער מיר אַליין קענען ניט לערנען, מיר קענען זיך ניט העלפען, וואָס זאָלען מיר טאָהן? אָבער „אלהים הבין דרכה" גאָט האָט פאַרשטאַנען באַלד, אַז איהר וועג פון דער תורה, איז — אַז ניט אַלע וועלען קענען זיצען און לערנען, דאָס איז איהר וועג, נאָר די וואָס געהען אין „דרכה" אין איהרע וועגען. די לומדים, זיי שטיצען מיר, עס קען קיין תורה ניט זיין, אַז אַלע זאָלען לערנען, טאָ ווער וועט עסען געבען און אַלע הצטרכות פון דעם מענשען...

„הלך אצל ים" איז דער שטן אַוועק געגאַנגען צו די סוחרים וואָס פאָהרען אימער אַרום קויפען סחורה, וואָס טהוט זיך מיט אייך, האַלט איהר די תורה? קענט איהר לערנען, ווייסט איהר פון איהר, „א"ל אין עמדי" מיר האָבען אַמאָל געלערענט און פיעלע פון אונז האָבען געקענט לערנען, נאָר יעצט האָבען מיר איהר איבערגעלאָזען, מיר געדענקען שוין ניט, וואו מיר האָבען געלאָזען איהר, נאָר מיר ווייסען

אז תפלין „אין עמדי", איך האָב עס ניט מיטגענומען מיט מיר, איך האָב בעסער אין מיין סעטשעל, מיינע קאָלערס און נעקטאַיס. „אין עמדי" דעם שבת, „אין עמדי" קורץ, אין כלל „אין עמדי"... מיר לייקענען ניט און מיר ווייסען דערפון, נאָר יעצט אין עמדי! מיר האָבען איהר ניט מיטגענומען....

„הלך אצל תהום", איז ער געקומען צו די פאַרזונקענע אידעלעך, צו די גאַנצע אָבגעשטאָרבענע, צו דעם צוועלף־פלאָריגען בילדינג, חברה יונגאַצעס! איהר ווייסט עפּעס פון די ברתא דמלכא? איהר קענט עפּעס? איהר האָלט כאָטש עפּעס? די קאָמפּאַני שקצים ורמשים, האָבען פשוט געאַנטוואָרט, „אין בי" אין מיר איז שוין ניטאָ גאָר ניט, איך בין טריפה פון קאָפּ ביז די פיס, און די פיס אַליין אויך, און דער קאָפּ געוויס.

„חזר ואמר חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה", רבש"ע, איך האָב איהר געזוכט „בכל הארץ" צווישען די אַלע מיטעלע קלאַס, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אַז זיי האַלטען די תורה, איך האָב ניט געפונען אַז זיי קענען עפּעס. ער מאַכט זיך ניט ווי־סענדיג, וואָס זיי זיינען מחזיק לומדי תורה, נאָר זיי אַליין קענען ניט לערנען.

„א"ל לך אצל בן עמרם", געה צו די אידען די תלמידי חכמים, וואָס זיי ווערען גערופען אויף דעם נאָמען פון „משה", יעדער תלמיד חכם, אַזוי ווי — „משה שפיר קאמרת", געה צו זיי און פרעג זיי, ועסטו אויסגעפינען, ווער עס איז גערעכט, זיי וועלען דיר שוין דערצעהלען אַז זיי האָבען צו פערדאַנקען דעם „המון".

הלך אצל משה, תורה שנתן לך הקב"ה היכן היא? א"ל מה אני שנתן לי הקב"ה תורה. דער תלמיד חכם אנטוואָרט: ווער בין איך, וואָס בין איך, אויב ניט מיינע אָרעמע מעמבערס פון מיין קאָנגרע־גיישאַן, וואָלט איך געקענט לערנען? וואָלט איין ישיבה געקענט עקזיסטירען? איך משה בין אַ קנאַקער אַז גאָט האָט מיר צוגעשיקט די מיטעלע קלאַס מענשען, זיי זיינען די לערנער, ניט מיר! געה, שטן, פון וואַנען דו ביסט געקומען. גאָט איז גערעכט אַז נתתיה לארץ, נאָר זיי לערנען, ודו"ק.

# לשבועות

(שבת, דף פ"ח)

אמר ר' אלעזר, בשעה שהקדימו ישראל נעשה לנשמע יצתה בת קול ואמרה, מי גילה לבני רז זה שמלאכי השרת משתמשין בו.

איך וועל נאָר פאַר אייך דערקלעהרען וואָס איז דאָס פאַר אַזא טהייערע זאַך, וואָס אידען האָבען געזאָגט, נעשה בעפאָר נשמע. דאַכט זיך אַז צוליעב דעם האָט זיי אַ מין גערופען „עמא פזיזא"! איך האָב געזעהן אין ספרים, וואָס זיי דערקלעהרען וועגען דעם זעהר ריכטיג, איבערהויפט איז מיר געפעלען, וואָס עס שרייבט דער בעל „מצח אהרן".

עס איז דאָ צוויי ערליי סאָרטען פועלים, די וועלכע אַרבייטען פאַר זייערע הארן. איינער איז אַ פועל יום, ער אַרבייט אויפ'ן טאָג און ער דאַרף זיין אַרבייט טאָהן פאַר זיין האַר. אַ צווייטער, איז אַן עבד וואָס זיין האַר האָט איהם געקויפט, אָדער אין יעצטיגער צייט, אָפּגעדונגען אויף אַ יאָהר אָדער אויף יאָהרען צו אַרבייטען. ער הייסט „עבד".

עס איז אַן אונטערשייד אַ גרויסער צווישען די ביידע אַרבייטער. ביי דעם „פועל יום" איז אַ מעלה מיט אַ חסרון, און ביי דעם „עבד" איז אַ מעלה מיט אַ חסרון. די מעלה פון דעם פועל יום איז, אַז זיין האַר קען איהם ניט מאַכען אַרבייטען שווערע אַרבייט, נאָר אויף דעם וואָס ער איז מחויב צו אַרבייטען, אַזוי ווי אין „השוכר את הפועלים" איז דער דין. איבערהויפּט איז דער דין „הכל כמנהג המדינה" — סיידען ער צאָהלט איהם מעהר ווי אַן אַנדערן פועל און ער האָט מיט איהם אָבגעמאַכט, ער זאָל איהם געבען די שווערע אַרבייט, דאָס איז די מעלה פון דעם "פועל יום".

דער חסרון פון דעם „פועל יום" איז, אַז דער בעל הבית איז ניט מחויב, איהם אין מזונות, ער דאַרף איהם ניט קורירען ווען ער איז קראַנק, און אין קיין שום אַנדער זאַך איז ער ניט מחויב, נאָר בלויז איהם צו באַצאָהלען אין דער צייט, בעת זון־אונטערגאַנג פאַר זיין אַרבייט.

דער חסרון פון דעם „עבד", ער דאַרף טאָהן פאַר זיין האַר אַלע אַרבייט, גרינגע, שווערע, וואָס ער באַפעהלט איהם, אפילו אין מיטען נאַכט, מוז ער אויספאָלגען וואָס דער בעל הבית באַפעהלט איהם, ווייל ער איז זיין עבד.

די מעלה פון דעם עבד איז, אז דער בעל הבית איז מחויב איהם צו שפייזען מיט זיין פאמיליע, אין דער צייט, אפלו ווען ער קען ניט ארבייטען, און דער בעל הבית איז מחויב איהם צו קורירען ווען ער איז קראנק, א. אז. וו.

מיר זיינען צו דעם רבש"ע, ווי דער „עבד" און מיר האבען דעם דין ווי אן עבד. גרינג צו זיין א איד, אבער שווער. גרינג צו טהאן די מצוה אדער שווער. אפילו מוסר נפש צו זיין זיך פאר איהם, אין דער צייט וואס מען איז גוזר אויף אונז ניט מקיים צו זיין די מצות אדער צו עובר זיין אויף אן עבירה, מוזען מיר זיך מוסר נפש זיין אויף קידוש השם, און מיר זיינען מחויב צו טאהן די מצוה אדער ניט עובר צו זיין אויף דער עבירה, איבערהויפט אויף די דריי עבירות: גילוי עריות, אדער שפיכות דמים, אדער עבודה זרה.

פאר דעם האט זיך דער רבש"ע, פארפליכטעט, אונז אויף אייביג ניט אוועק צו ווארפען, און אונז אלעם צו געבען וואס מיר דארפען, מזונות און קורירען. אין כלל אלעם האבען מיר פון איהם, פון אונזער פאטער אין הימעל. דארום רופען מיר זיך „עבדי ד'", דאס איז דער אונטערשייד פון „נשמע ונעשה", מיר ווילען הערען אויב עס איז גרינגע ארבייט, אויב ניט צו שווער, דאן ווילען מיר טאהן. „נעשה", אבער אז זיי האבען געזאגט „נעשה" עס מעג זיין אלעם וואס עס קען נאר פארטרעפען, ביי טאג, ביי נאכט, און אלע ווייל און אימער, שווער צו גרינג, ווילען מיר מקיים זיין וואס דו וועסט אונז הייסען, דאס הייסט „נעשה" וואס עס וועט זיין דער „נשמע", ודו"ק.

און מיר אידעלעך האבען טאקע מקיים געווען אימער, אימער. מיר זיינען געגאנגען פאר דעם רבש"ע אין פייער און וואסער און מיליאנען אידעלעך האבען זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, זינט מיר זיינען א פאלק, דארום האט טאקע דער רבש"ע אונזער פאטער געזאגט: קלוג האבען זיי גערעדט, און קלוג און גוט האבען זיי געטאהן דערמיט וואס זיי האבען געזאגט „נעשה ונשמע". מיינע מלאכים טהוען אויך אזוי, זיי ארבייטען טאג און נאכט, זיי און אלע צבא השמים, און זיי האבען מיר יעצט געמאכט, אז איך בין מחויב זיי צו געבען מזונות און אלע הצטרכות, אויף עוויג עוויג. זיי זיינען מיינע פון דער צייט ביז עוויג, און עס וועט זיי זיין ביי דער ענדע לעתיד לבא, זעהר גוט....

# לשבועות

(שבת, דף פ"ח)

בשעה שעלה משה למרום, בקשו מלאכי השרת לפגוע במשה, וכו׳.

וואָס איז דאָ געוועזן די גאַנצע מעשה מיט די מלאכים? וואָס האָבען זיי געוואָלט? ווייסען זיי דען ניט אַליין אַז די תורה איז ניט פאַר זיי, אַז גאָט ב"ה זאָגט צו משה, — משה! החזר להם תשובה, אַז פאַר זיי איז ניט די תורה? און עס ווייזט אויס אַז זיי האָבען גאָר אַ גרויסען קאַמפף אָנגעפיהרט מיט משה׳ן, אַז ער האָט אפילו מורא געהאַט צו ענטפערען זיי; ווי משה האָט געזאָגט: „מתיירא אני שמא ישרפוני בהבל שבפיהם" פון דעם פאַרשטעהט מען, אַז דאָרט האָט זיך געטאָהן חשך... וואָס האָבען זיי געוואָלט?

איך האָב געזעהן זעהר אַ שעהנעם משל אין אַ ספר, מיר דוכט אין דובנער׳ס אין איינעם פון זיינע ספרים: אין אַ קליין שטעדטעל פון ווילנער גובערניע, טאַקע ניט ווייט פון ווילנא איז געווען אַ „מרא דאתרא" אַ גאון עולם, אַ בקי בכל חדרי התורה און אַ חכם אין „מילי דעלמא" זיין נאָמען האָט זיך געהערט אין דער וועלט. ווילנא האָט געדאַרפט האָבען אַ ראש אב ב"ד, האָבען זיי אויסגעקליבען דעם קליין־שטעטעלדיגען רב, און זיי האָבען איהם געשיקט אַ כתב, אַז זיי ווילען איהם האָבען אין ווילנאָ פאַר זייער מנהיג, מיט אַ גרויסע שכירות פון צוואַנציג רובעל וועכענטליך, חוץ הכנסה, (דאַן איז דאָס געווען די גרעסטע שכירות פון דער גאַנצער וועלט וואָס אַ רב האָט געקענט קריגען) און אין דער שטעטעלע האָט ער גענומען שכירות צוויי רובעל וועכענטליך.

דער רב איז אָבער געווען באַליעבט זעהר ביי זיין שטעטעל מיט די מענשען, איז ער געווען זעהר אויפגעטראָגען און באמת האָט ער זיי ניט געוואָלט אַוועקוואַרפען. שבת האָט ער געזאָגט אַ דרוש, און ער האָט זיי דערקלעהרט, אַז ווילנאָ האָט איהם געשיקט אַ כתב רבנות, נאָר אַזוי ווי ער זוכט ניט קיין כבוד, וואָלט ער זיי אָבגעזאָגט, נאָר אַזוי ווי ער לעבט אין גרויס דחקות און אַזוי ווי ער נעהמט צוויי רובעל וועכענטליך, זיי זאָלען איהם געבען פינף רובעל, דאָס הייסט דריי רובעל אַ הוספה וועכענטליך, לאָזט ער אַוועק ווילנא און ער וועט ביי זיי זיך אָבשטעלען פאַר פינף, אנשטאט דעם וואָס ווילנא גיט איהם צוואַנציג רובעל וועכענטליך.

דאס גאנצע שטעטעל האט זיך צוזאמענגעקליבען שבת אוועגד און ג'עמאכט אן אסיפה, און עס איז נאך אלע שווערע מיהע טראכ־טענדיג, פון וואנען צו נעהמען נאך דריי רובעל א וואך, געבליבען אז זיי קענען עס ניט. צום העכסטען קענען זיי איהם געבען א האלבען רובעל א וואך מעהר... איז ביי זיי געבליבען אז עס איז טאקע א גרויס ר'חמנות אויף זייער רב, אזא גדול בתורה אז ער זאל זיך מוטשען מיט זיין פאמיליע, אין אזא קליינעם פלאץ ווי זייערער איז, און עס פאסט טאקע פאר איהם די גרויסע רבנות פון ווילנא. על־כן האבען זיי דעם רב דאס איבערגעגעבען און איהם געזאגט אז זיי זשאלעווען איהם געווים, נאר אז זיי קענען ניט איהם העכערען און זיי זיינען איהם אמת'ע גוטע פריינד, ע"כ זאל ער אננעהמען די גרויסע שטעלע, וואס דאס איז כבוד און געלט.

עס איז אוועק געגאנגען אייניגע וואכען, עס איז געקומען די צייט, וואס דער רב, האט געדארפט שוין אויף מארגען אפפאהרען קיין ווילנא ווען די גרויסע בעלי בתים וועלען קומען נאך איהם, האט ער ווידער פארזאמעלט אין שוהל זיין קהלה און ער האט געהאלטען די לעצטע דרשה זיינע, און אלעמען געבענשט, און מיט אלעמען גע־זעגענט זיך, און אלעס איז צוגעגאנגען אין בעסטען צופריעדענהייט, ווייל אויף אן אמת, קענען זיי איהם ניט געבען מעהר, און אויף אן אמת, ווילען זיי זעהן גוטעס אויף אהם, און אלע האבען איהם אויך געוואונשען דאס בעסטע און גליקליכסטע.

אויף מארגען, די ווילנער פני, טאקע די גרעסטע מענשען פון ווילנא, זיינען געקומען מיט זייערע רייכע עקיפאזשען צו נעהמען דעם נייעם רב, און זיי זיינען אלע געווען ביי דעם רב אין הויז, געגעסען, גע־טרונקען, און די בעלי בתים פון שטעטעל זיינען קיינער ניט געווען ביי דעם רב, פלוצלונג זיינען די בעלי בתים אריינגעלאפען צו דעם רב, באוואפענט מיט קאטשערעס און לאפעטעס, מיט שטעקענס, א. ז. וו. — און אויסגעשריען צו די ווילנער: מיר וועלען שפאלטען קעפ, מיר וועלען אייך ווילנער ניט לאזען קיין געזונטען גליד. איהר זייט געקומען צו נעהמען אונזער גאון צדיק און חכם, ניין! מיר וועלען קעמפפען ביז'ן לעצטען טראפען בלוט.

דא איז שוין דער רב ארויס פון זיין געדולד, און ער האט זיך גענומען צו זיי. סטייטש? האב איך אייך ניט געזאגט אזוי און אזוי? איך בין וויליג געווען ביי אייך זיך אבצושטעלען פאר אזוי פיעל ווייניגער ווי ביי זיי, און וואו זייט איהר געווען די גאנצע צייט, און

איהר אַליין האָט מסכים געווען אויף דער זאַך און איהר אַליין האָט מיר געוואונשעין גליק, טאָ וואָס האָט איהר יעצט צו די ווילנער?

רבי! קומט אין אַ זייט מיר ווילען מיט אייך עפּעס ריידען, רבי! זייט וויסען, אַז מיר וואָלטען געקענט אייך אויסהאַלטען, וואָלט מען אייך ניט אַוועקגעלאָזען פאַר קיין פאַל, נאָר מיר ליעבען אייך מיט'ן גאַנצען הארצען, און מיר ווילען איהר זאָלט לעבען אַ גליקליכען לעבען, לאָזען מיר אייך פאָהרען אין ווילנא, אָננעהמען אַזאַ גרויסע רבנות וואָס דאָס איז לכבוד ולתפארת פאַר אייך, און פאַר אונז אויך אַ גרויסער כבוד, ווייל איהר זייט ביי אונז געוועזען, אַז מיר האָבען געהאַט אַזאַ זכות, אַז אַזאַ גרויסער מענש, איז געוועזען ביי אונז אין דער קליינער שטעדטעל, אַלזאָ מיר וויסען אַז מיר מוזען אייך לאָזען און מיר ווינשען אייך גליק, נאָר אַז ווילנא נעהמט אייך צו פון אונז און איהר ווייסט דאָך רבי, אַז עס מוזען זיך מאַכען אייניגע אום־פריינד צו אייך. יעדער רב, יעדער מענש, מוז האָבען אייניגע שונאים, ווייסט איהר וואָס רבי, זיי די ווילנער שונאים וועלען זאָגען, אַז איהר זייט נאָר ניט קיין גרויסער יחסן, קיין גרויסער מענש, אַז איהר זייט אפילו אָהן חן געזעסען אין דער קליינער שטעדטעל, והא ראיה, אַז ווען מען האָט אייך צו גענומען פון זיי, זאָלען זיי כאָטש איינער זיך אַ קרים טהאָן. זיי זיינען אפילו אין אַ קליינעם שטעטעל געווען אַלע צופרידען, אַז זיי ווערען פּטור פון אייך. אַלזאָ האָבען מיר געמאַכט אַן אָפּרייד צווישען זיך, אַז ווען זיי וועלען קומען אייך נעהמען, זאָלען מיר זיך באַוואָפענען מיט אַלערהאַנד „כלי זיין", און וועלען זיך שלאָגען מיט די ווילנער, אַז מען זאָל אייך ניט לאָזען פאָהרען. דאָס איז פון אייער טובה וועגען, און איהר קוקט און שווייגט, מיר וועלען טהאָן וואָס מיר וועלען טהאָן, נאָר איהר זאָלט זיך אריינמישען און שטעלען אונז די פראַגע, „סטייטש! איהר קענט דאָך ניט מיר אויסהאַלטען מיט די קליינע שכירות, וואָס איהר צאָהלט מיר, קען איך דאָך ניט מפרנס זיין מיין פאַמיליע!" דאַן וועלען מיר אָבלאָזען, אַוועק לייגען די „כלי־זיין. זאָלען אָבער וויסען די ווילנער, אַז מען האָט צוליעב אייך, זיך געשלאָגען...

די תורה הקדושה מוז געגעבען ווערען צו דעם עם ישראל, און די מלאכים וויסען גאַנץ גוט אַז זיי קענען ניט סופּאָרטען די תורה, אָבער זיי האָבען איהר ליעב, די „ברתא דמלכא", און זיי וואָלטען וועלען אַז אין ווילנא, דאָס הייסט אויף דעם „עולם השפל" זאָלען זיי ליעבען די ברתא דמלכא — האָבען זיי זיך געשטעלט געגען משה'ן, נאָר אום צו ווייזען, די „בשר ודם" די מענשען קינדער, ווי טהייער

מען דארף האלטען די תורה... (דעם נמשל מאד איך אומעטום זעהר קורץ, און יעדער קען נאך זיין טאלאנט רעדען).

# לשבועות

(חגיגה, דף ה׳)

„ר׳ יהושע ב״ח הוה קאי בי קיסר, אחוי ליה האי מינא, עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה, אחוי ליה, ועוד ידו נטויה עלינו".

דער חידושי אגדות מהרש״א פרעגט: דער פסוק רעדט דאך דארטען אויף פורעניות, טא מיט וואס האט ר׳ יהושע ב״ח דא געוואונען דעם שטום לשון דיספוט?

דער בעל מצח אהרן שרייבט, אז די פראגע פון חדושי אגדות, קען מען ענטפערען, וייל עס איז טאקע עוד ידו נטויה עלינו, דאס אליין באווייזט ווי ליעב גאט האט אונז און די פראגע איז קיין פראגע. נאר איך וועל עס אביסעלע אנדערש שרייבען, ווי ער זאגט.

א פאטער האט צוויי קינדער, איינער איז א „בן בליעל", ער פאלגט ניט דעם פאטער און די מוטער, ער געהט ארום מיט שלעכטע חברים, ער טהוט אב אלע שמוציגע זאכען, און יאהרען־יאהרען בסדר, האט דער פאטער זיך אנגעשטרענגט צו שטעלען איהם אויף דעם גוטען וועג מיט גוטען און מיט בייזען, עס האט אבער ניט געהאלפען, ביז עס איז איהם באוויזען געווארען אז עס וועט גאר ניט העלפען, האט ער איהם אבגעלאזען, זאל ער געהן וואו ער וויל, זאל ער טאהן וואס ער גלוסט, אז עס העלפט ניט, זאל ער הוליען ביז עס וועט קומען קומען די צייט וואס ער וועט זיך אליין ארום זעהן, אז ער איז שלעכט פארקראכען. „שבקי לרוויא דממילא נפיל" — אלזא — זאל ער עסען וואס ער וויל, זאל ער טרינקען וואס זיין הארץ גלוסט, זאל ער טאהן, וואס עס דיקטירט איהם זיין שכל.

דער צווייטער קינד, איז א וואויל קינד, לערנט גוט, טהוט אלע גוטע טהאטען. ער פאלגט די עלטערן, פאלגט זיין רבי׳ן, קורץ, — ער איז גוט און פרום, און אז עס מאכט זיך דאס דער קינד טהוט אמאהל ניט קיין גוטע זאך, שרייט דער פאטער מיט קולות וברקים, ער פאלט אן אויף איהם, און אפט מאהל שלאגט ער איהם. דאס איז פאר א נארישען מענשען א פראגע: סטייטש, דער אנדער איז דאך אויך

זיין קינד, און יענער טהוט ערגערע זאכען, און ער מאַכט זיך גאָר ניט ווימענדיג, און דער קינד האט געטאָהן א גאַנץ קליינעם פארברעכען, און ער שלאָגט איהם? דער תירוץ איז זעלבסט פארשטענדליך, ווייל יענעם העלפט שוין ניט קיין שרייען און קיין שלאָגען, און עס איז שוין צו־געגעסען געוואָרען זיין אויפפיהרונג, או צו שרייען און שלאָגען איהם, העלפט ניט, טאָ וואָס זאָל מען מאכען לייטישע געלעכטער. א סוף, זאָל ער געהן אין דעם שלעכטען וועג ביז די צייט אליין וועט מאכען איהם פאר א מענשען פילייכט.

אָבער דער גוטער טהייערער קינד, אלעס טהוט ער גוטעס, לערנט און אלעס אין כלל איז ער גוט, און אז ער טהוט אמאָל א קרומע מיאוס׳ע זאך, מוז מען איהם לערנען, אמאָהל שרייען און אמאָהל אויך שלאָגען, ער זאָל וויסען אז דאָס איז ניט גוט געטאָהן, און ער וועט דאָס מעהר ניט טאָהן.

דער רבש״ע, אונזער פאָטער אונזער קעניג, ער האָט אונז באַ־שאפען, ווי אויך די אלע אומות העולם, אלע זיינען מיר זיינע קינדער. די גאַנצע מענשהייט חוץ אונז האָבען ניט געוואָלט פאָלגען השי״ת, און ניט גענומען זיין לעהרע, זיינע מוסר, די תורה הקדושה, ניט גענומען זיינע מצות, וואָס ער פארלאנגט מען זאָל טאָהן און עס האָבען ניט געהאָלפען אלע סאָרטען מוסר און קלעפ, וואָס זיי האָבען באַ־קומען, זיי זיינען געבליבען אזוי אויף אייביג, האָט זיי השי״ת פיינט געקריגען, כאָטש זיי זיינען זיינע באַשעפענישען, זיינע קינדער, מעהר האָט ער זיי ניט געזאָגט, גאָר ניט, ער האָט זיי אָבגעלאָזען צו דער נאַטור זאָלען זיי אזוי לעבען ביז יי וועלען זיך אָרום זעהן וואָס זיי האָבען געטאָהן, אז ניט וועלען זיי פאלען. וואו איז „עמון״? וואו איז „כסלוחים״? וואו איז „כפתורים״? און אז. וו. זיי זיינען ניטאָ מעהר, זיי זיינען פארניכטעט.

ישראל, דער „אתה בחרתנו׳ק״, ישראל, דער „בני בכורי ישראל״, דער עלטערער, דער בכור, דער ליעבער, דער גוטער, דער פרומער, דער געהאָרכזאמער, ישראל, דער אויסשרייער „נעשה ונשמע״, ישראל, דער מקבל התורה, דער גוטער מתמיד, דער וואוילער קינד, ישראל׳ן האָט דער טאַטע ליעב, און אז ישראל׳ן פארווילט זיך עפּעס ניט אזוי צו פאָלגען, און ער טהוט א ניט גוטע טהאט, דאן שרייט אויף איהם זיין טאַטע, ער שלאָגט אויך אמאָהל, אמת מיט גוטע שטאַרקע קלעפ, אָבער דאָס איז דער באַווייז אז ישראל איז טהייער צו השי״ת, ער ליעבט איהם און ווייל ער ליעבט איהם, שלאָגט ער איהם.

נאכ'ן חורבן הבית איז דאס געוועזן, שטעהט דער גרויסער פלאנעט, דער חכם, דער הייליגער, דער מלאך אלקים, ר' יהושע בן חנניא ביי דעם קיסר, וואו ער איז געווען א יוצא ונכנס, דער קיסר האט איהם שטארק ליעב געהאט, ער האט געגליכען צו הערען זיינע קלוגע רייד. געוועהנליך ווי אלע מאהל, און אין אלע לענדער, האט זיך געפונען איין גרויסער שונא ישראל אן אנטיסעמיט, האט ער געוואלט ר' יהושע'ן א שטאך טאהן, פארווייטאגען איהם זיין הארץ, האט ער איהם אנגעוואונקען, „עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה", איהר זייט דאס פאלק, די נידעריגע וועלכע זיין האר, אייער גאט האט אב־געקעהרט זיין פנים פון איהם, ער קוקט ניט אויף אייך מעהר, וואס טרעפט, וואס מען טהוט צו אייך, ארט איהם מעהר ניט, און ער שטראפט ניט די יעניגע וועלכע טהוען אייך שלעכטעס, איהר זייט מעהר ניט די יחסנים, איהר זייט שון ניט די אתה בחרתנו'קעס, און יעצט ליעבט ער אונז ניט אייך. אונז איז גוט, און אייך איז ביטער, אהר שטעהט יעצט נידעריג. קורץ, ער וויל אייך מעהר ניט קענען.

האט איהם ר' יהושע בן חנניא באוויזען: דו אנטיסעמיט, דו רעדסט פאלש, דו ווייסט אין גאנצען ניט וואס צו ריידען, דו ביסט נאר א שונא ישראל, איז וואס עס פאלט דיר אריין אין קאפ, פלאפעלט דיין מויל. זיי וויסען, אז „עוד ידו נטויה עלינו" דאס וואס זיין האנט איז נאך אונז צו שטראפען, דאס וואס ער שלאגט אונז, איז דער סימן אז ער ליעבט אונז נאך מיט דער גרעסטער ליעבע, און ווען ער וואלט אונז שוין פיינט געהאט, אויף אימער ח"ו אונז פארהאסט, וואלט ער מעהר אונז ניט גע'מוסר'ט און געשלאגען, ווייל „עוד ידו נטויה עלינו" איז דער סימן אז ער ליעבט אונז, אז מיר זיינען זיין טהייערער קינד. אייך האסט ער, ווייל איהר זייט אראב פון וועג, און אייך העלפט ניט קיין שלאגען, דארום טהוט ער אייך מעהר ניט שלאגען ביז איהר וועט פאלען. אונז, די גאלה, וויל ער נאר אפטאן פון די פסולת און דאדורך ליעבט ער אונז ... און מיר וועלען לעבען אייביג ניט ווי אייערע, וואס ווערען פארניכטעט מיט דער צייט, און מיר וועלען אין גיכען דערלעבען בביאת המשיח אמן.

# בין המצרים ולתשעה באב

(תענית, דף ל׳)
כל האוכל ושותה בט׳ באב עליו הכתוב אומר ותהי עונותם על עצמותם.

די חכמים זאָגען: „כל דור שלא נבנה בית המקדש בימיו כאלו נחרב בימיו", זאָגט דער גאון ר׳ משה טייטעלבוים, אז עס איז לטובת ישראל, דאָס וואָס עס ווערט נאָך ניט געבויט דער בית המקדש, ווארום דאָס איז ידוע, א חרוב׳ער פּלאַץ, וואָס מעהר ער שטעהט חרוב ווערט ער אַלץ מעהר חרוב, אזוי מוז דאָך דאָס זיין, דעריבער הייסט עס „כל דור שלא נבנה בימיו נחרב בימיו", ווייל עס הייסט אַלץ מעהר חורבן מיט יעדען יאָהר, און מיר ווייסען דאָך, אַז שפך הקב"ה על עצים ואבנים, און אַז דער בית המקדש ווערט ניט געבויט צוליעב אידישע זינד, ווערט ער דאָך אַלץ מעהר חרוב (ביז גאָט אַליין וועט אונז בויען דעם בית המקדש) איז עס מכפּר על עונותיהם של ישראל.

דארום, דער וואָס קלאָגט ניט אויף דעם חורבן, ער עסט פליייש און טרינקט וויין, איז דאָך אַ סימן אַז ער גלויבט זיך אין גאַנצען ניט, אַז איהם פאַרגיבט ניט גאָט זיין זינד, מיט איהם טהוט גאָט מדה כנגד מדה, ווען ער וואָלט פאַסטען אויפ׳ן חורבן הבית און טרויערען פאַר וואָס ער איז נאָך ניט געבויעט געוואָרען, גלויבט ער דאָך, איז איהם טהוט גאָט ב"ה די טובה אַז פאַר זיינע זינד איז בעסער שפך הקב"ה חמתו על עצים ואבנים, ער שטראָפט איהם נישט נאָר די עצים ואבנים. אָבער אַז ער גלויבט ניט, דאַן וואָס עס דאַרף קומען אויף איהם שיקט ער אַן אויף איהם אַליין אַלע צרות, — שופך הקב"ה חמתו עליו, ניט על עצים ואבנים, נאָר אויף איהם, אָבער די וואָס קלאָגען על חורבן הבית, חוץ וואָס זיי ווערט פאַרגעבען זייערע זינד, וועלען זיי נאָך זוכה זיין לראות בנחמת ציון וירושלים. „כל האוכל בשר ושותה יין בט׳ באב, עליו הכתוב אומר ותהי עונותם על עצמותם", „על עצמותם" דוקא, ניט אויף דעם ביהמ"ק, ווי שפך חמתו על עצים ואבנים, נאָר „על עצמותם עונותם"....

# בין המצרים ולתשעה באב

(תענית, דף ל׳)

כל האוכל ושותה בט׳ באב עליו הכתוב אומר ותהי
עונותם על עצמותם.

מען דערצעהלט פון איינעם א גאון, אז אין זיין שטאט איז געווען א קצב, וואס ער האט געגעסען פלייש און געטרונקען וויין אום „תשעה באב״. אין דער דרשה פון שבת נחמו, האט דער רב אזוי געזאגט: אין דער אמת, קומט א גרויסען עונש די קצבים, וואס זיי גיבען די גבירים די פלייש און די ארעמע מענשען גיבען זיי דיביינער, כאטש די ארעמע לייט צאהלען דעם זעלבען פרייז פאר פלייש ווי די גבירים, טא ווארום גזל׳נען זיי געלט ביי די ארעמע לייט, און גיבען זיי נאר ביינער?

נאר מען קען זיי פארענטפערען, אז זיי טהוען עס כדין, דען די חכמים האבען געזאגט: „משחרב בית המקדש ניטל טעם בשר וניתן בעצמות״, זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארען, איז צו־גענומען געווארען דער טעם פון פלייש, און דער טעם פון די פלייש איז אריין אין די ביינער. אלזא טהוען זיי דאך גאר גוט מיט די ארעמע, מיט דעם וואס זיי גיבען זיי די ביינער, דען עס איז דאך דער בעסטער חלק, ווייל דער טעם פון די פלייש, איז דאך אין די ביינער.

אבער באמת איז דאך גאר אז אוכלים ושותים בט׳ באב, זיי עסען און טרינקען תשעה באב, אז זיי טהוען אזוי, לייקענען זיי גאר אין דער גמרא „משחרב בית המקדש״ וכו׳, דען זיי גלויבען דאך ניט אין חורבן אין גאנצען, אויב אזוי איז דאך טאקע אויף זיי ריכטיג געזאגט געווארען דער פסוק, „ותהי עונותם על עצמותם״, איז דאך אויף זיי זעלבסט די זינד „על עצמותם״, וואס זייערע פלייש־ביינער גיבען זיי די ארעמע לייט...

דאס איז דאכט זיך ניט מעהר ווי איין הלצה, אבער כמה גדולים דברי חכמים, וויפיעל מוסר ליגט אין די רייד.

# בין המצרים ולתשעה באב

(תענית, דף ל׳)

„כל האוכל ושותה בט׳ באב, עונותיו חקוקין על עצמותיו״.

דער שטייגער פון דער וועלט איז אזוי, ווען איינער האָט אַ שאָדען, וואָס ער ווייסט אַז דער שאָדען קען זיך שון צוריק ניט אומקעהרען, עס אַז פאַרפאַלען, שטאַרקט ער זיך מיט אַלע זיינע כוחות אויף־צו־הערען זיך צו זאָרגען, וואָרום, וואָס וועט איהם דען העלפען זיין זאָרגען זיך, אַז עס איז פאַרפאַלען. אָבער ווען ער האָט נאָך אַ האָפענונג, אַז זיין שאָדען זאָל זיך צוריק קעהרען ווען עס איז, איז איז ער זיך מצער: ווען, ווען, וועט דער שאָדען צוריק קומען.

אָט דאָס איז דער ענין פון תענית תשעה באב און די אבילות פון תשעה באב וואָס מיר זיינען זיך מצער אַלע יאָהר, פון שבעה עשר בתמוז ביז נאָך תשעה באב, ווייל דאָס איז אַ צייכען אַז אונזער גרויסער היזק וועט צוריק קומען, דער בית המקדש וועט צוריק געבויט ווערען, און אונזער האָפענונג איז ניט פאַרלאָרען.

אַ הויז אַז עס ווערט חרוב, אויב דער פונדאַמענט, דער יסוד איז גאַנץ געבליבען און מען קען אויף דעם יסוד שטעלען דעם בנין, איז אַ גרויסע האָפענונג, אַז גאַנץ גרינג וועט אויפגעבויט ווערען דער בנין אויף דעם יסוד, אָבער אַז עס איז חרוב אויך דער יסוד אין גאַנצען, איז כמעט פאַרלאָרען די האָפענונג ווידער געבויט צו ווערען.

אַלזאָ איז אזוי: דער וואָס עסט און טרינקט און איז זיך גאָר ניט מצער אויף דעם חורבן הבית, איז אַ סימן, אַז דער איז יזך אין גאַנצען מייאש פון אונזער האָפענונג, דען ער זאָגט, אַז דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, איז אַפילו דער יסוד חרוב געוואָרען און ער וועט שוין ניט געבויט ווערען דאָרום איז זיין עונש „כמדתו״, אזוי ווי ער איז דן אוף די יסודי בית המקדש, אַז זיי זיינען אויך חרוב געוואָרען, אזוי ווערט „מדה כנגד מדה״ זיינע זינד אויסגעקריצט אויף זיינע ביינער, עונותיו חקוקין על עצמותיו, דען די ביינער זיינען דער יסוד פון דעם גוף, און דורך זיין זינד וועט חרוב ווערען זיין יסוד... ה׳ ישלח את משיחנו, את פודינו את גואלנו, במהרה בימינו אמן.

# בין המצרים

(תענית, דף ל).

„כל המיצר לישראל נעשה ראש, שנאי׳ היו צריה לראש״.

מיר ווייסען פון דער היסטאריע, ווי עס איז אונזער נאטור פון אייביג אן, אז דער מדת הרחמים גיט אונז גוטעס, אז מיר געניסען פרייהייט, אז מען רעכענט זיך מיט אונז, אזוי ווי מיט אונז, אזוי ווי מיט אנדערע פעלקער, אז ווען מען גיט אונז אלע בירגער רעכטע, דאן געהט דער אידעלע אוועק זעהר ווייט פון דעם דת היהדות, דאן קריכט ישראל אזוי ווי א גע׳חלש׳טער צו א דבר מצוה, קוים וואס ער ריהרט זיך, זיינע קינדער טרעטען אפ אין גאנצען פון דעם דת היהדות, די בתי מדרשים זיינען פוסט, עס הערט זיך ניט דער קלאנג פון דעם „תנו רבנן״ און „מתניתין לא כסומכוס״, אדער „מני מתניתין לא כר׳ מאיר״ א. ז. וו. אפילו די דאווענער זיינען נאר עטליכע קראנקע, אלטע, יאהרצייט אדער אבלים אידען.

אז דער גוטער גאט זעהט איין, אז דער אידישער פאלק זיינער האט פארדארבען דעם מאגען, ער האט שוין שטארקען פיבער, ער רעדט שוין גאר פון היץ און דער גאנצער קערפער קען פארגיפטעט ווערען, דאן מוז איהם דער גוטער גאט, אונזער פאטער, טהאן א רפואה, אז זיין מאגען זאל געזונד ווערען, אזוי ווי א גוטער פאטער באגעהט זיך מיט זיין בן יחיד, וואס ער איז ביי אידען ליעבער, ווי זיין אייגענער לעבען. און אז זיין בן־יחיד קריגט אריין אין מאגען, גיט ער איהם ביטער־זאלץ. דעם ליעבען פאטער טהוט וועה דאס הארץ, וואס ער דארף איהם דאס געבען, אבער וואס זאל ער טהאן, אז דאס איז א מיטעל איהם געזונד צו מאכען פון זיין קריינק. אזוי טהוט אונזער פאטער פון הימעל. ער ווייסט גאנץ גוט, אז זיין טייער קינד ישראל האט א שלעכטען מאגען געקראגען, און דאדורך האט ער שוין היץ און רעדט שוין פון היץ „על ד׳ ועל משיחו״, מוז ער דאך איהם געבען ביטער זאלץ, און די ביטער זאלץ איז: „מעמיד עליהם מלך קשה כהמן ומחזירן למוטב״ — ווערט צוגענומען פון זיי די פרייהייט, ווערט דעם אידען זעהר שלעכט, און פון די גזירות וואס מען מאכט אויף איהם ווערט דעם אידען זעהר ביטער. דאן רופט גאטס נאמען, דאן נעהמט זיך ישראל צוריק צו זיין טראדיציאן, דאן הויבט אן צו קלינגען ווידער דער „תנו רבנן״, וואס ביז יעצט האט געקלונגען „רבנן תנו״.

דער „מלך קשה מהמן טהוט מעהר אויף, ווי די הונדערטער טוי־זענדער דרשנים, רבנים, מטיפים, מגידים — איז ער דאָך דער בעסטער „רבי". אמת, אַ טרויעריגער רבי... אָבער ער האָט דאָך מחזיר למוטב געוועזן דעם אידישען פאָלק, דעריבער באַצאָהלט איהם השי"ת שוין אויף דער וועלט, מיט דעם וואָס ער מאַכט איהם גרוים: „כל המיצר לישראל נעשה ראש". — השי"ת זאָל שוין רחמנות האָבען אויף אונז. ער גיט שוין צופיעל צום מאַגען, מיר האָבען שוין ניט באַלד וואו צו לויפען. אמעריקא איז שוין ב"ה אויך פאַרמאַכט... עפען שוין, טייערער גאָט, ליעבער פאָטער, פאַר אונז די טויערען פון אונזער לאַנד, זאָלען מיר שוין זיין מיט אַלעמען צוגלייך. איך וויל ניט, איך שטים ניט מיט די פועלי ציון און פרחי ציון און בני ציון און בנות ציון, נאָר „מי יתן מציון ישועת ישראל", — נאָר אז — בשוב ד׳ שבות עמו במהרה הוא ישלח משיחנו, את פודנו, את גואלנו, את משיח צדקנו", במהרה בימינו אָמן.

# בין המצרים

(גיטין, נ"ח).

„מעשה ברי"ת וכו׳, תינוק אחד יושב בבית האסורים עם יפה עינים, ושערותיו סדורות לו תלתלים וכו׳, הלך ועמד על פתח בית האסורים, ואמר מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים, ענה אותו תינוק ואמר, הלא ד׳ זו חטאנו לו ולא אבו בדרכיו הלוך ולא שמעו בתורתו. אמר מובטחני בו שמורה הוראה בישראל העבודה שאיני זז מכאן עד שאפדנו בכל ממון שבעולם.

דעם מאמר מיט די געדאַנקען וואָס איך וועל דאָ שרייבען, האָב איך שוין געדרוקט אין מיין „ספר נחמד", „דברי יהודה" און דאָ וועל איך די זעלבע שרייבען, אָבער דאָך אַ ביסעלע צוגעבען און אַביסעלע אַראָפּנעהמען.

עס געהט אימער ביי אונז אַרום אַ גרויסע „מחלוקה" צווישען דעם אַלטען דור און דעם יונגען דור. דער אַלטער דור זאָגט, אַז אַלע צרות, יסורים און פיין, וועלכע די אומות העולם טהיילען אונז צו, די אַלע רדיפות וואָס מיר האָבען פון זיי, איז נאָר צוליעב דעם, וואָס דער יונגער דור וויל ניט אָפּהיטען, און היט טאַקע ניט אָפּ,

אונזער תורה און מצות, צוליעב דעם שלאָגט מען אונז, צוליעב דעם טרייבט מען אונז, צוליעב דעם האָבען מיר אַלע יסורים און פּיין.

דער יונגער דור זאָגט פאַרקעהרט, אז אַלע רדיפות האָבען מיר, נאָר ווייל מיר היטען די תורה, אָבער אז מיר זאָלען זיך אויסגלייכען צו די אומות העולם, אז מיר זאָלען זיך ניט דערווייטערען פון זיי. מיר זאָלען עסען צוזאַמען, היטען שבת זייער זונטאָג צוזאַמען מיט זיי, דאַן וואָלטען מיר זיין אַלע ברידער, אַזוי ווי פון איין טאַטען. אַלזאָ, נאָך זייער געדאַנקען נאָך זיינען מיר אַליין שולדיג אין אונזערע ליידען. ווייל מיר האַלטען די תורה, ווייל מיר זיינען אָפּגעזונדערט פון זיי...

דער נסיון ווייזט אונז פון אייביג אָן, אז עס איז ניט ווי דער יונגער דור זאָגט, נאָר גראָדע פאַרקעהרט. ווען מיר עפענען אונזער תנ"ך און באַלד אין שופטים צייט לייענען מיר אַלע ווייַלע די ווער־טער: „ויעשו הרע בעיני ד'", זיי האָבען געטאָן ווי די אומות העולם, פאַרלאָזען די תורה, געדיענט געצען, אַלעס געטאָן ווי זייערע שכנים, דאַן האָט גאָט ב"ה אַרויפגעשיקט אויף די אידען די פעלקער, מען האָט די אידען ראַבירט, געשלאָגען, געפּייניגט. אידעלאַך פלעגען זיך אַרומ־זעהן אַז עס איז שלעכט, דאַן „ויצעקו אל ה'", „ויקם להם מושיע ויושיעם" וכו' — און אָט אַזוי איז פול אונזער גאַנצע הייליגע היס־טאָריע, פון משה רבנו אָן און ווייטער. משה האָט זיי שוין געזאָגט, אויב „ועבדתם אלהים אחרים" וגו' „וחרה אף ד' בכם" וגו', די תורה איז פול דערמיט, מיט די אַלע פאַרזאָגען, אַז מען וועט נאָכטאָן די אומות, וועט זיין שלעכט מיט אייך אידען...

אָבער די יוגענט דענקט פאַרקעהרט, און זיי מאַכען טאַקע אונז אָן אַלע צרות, רבי יהושע בן חנניא איז געווים געשטאַנען אימער פאַר דער תורה, און ער האָט אימער געזאָגט, געפּרעדיגט מען זאָל היטען די תורה, אַז ניט וועט נאָך ערגער זיין, און אַז מען וועט היטען אַלעם וואָס גאָט ב"ה האָט אונז פאַרזאָגט, וועלען מיר ניט ליידען, און אין יענער צייט, דאַס איז געוועזען באַלד נאָכ'ן חורבן הבית, און געווים זיינען די משכילים, די יונגע חברה, געוועזען געניגט פּונקט פאַרקעהרט.

אין יענער צייט, די גרעסטע קלאָגעדיגע צייט, זאָגט מען צו רבי יהושע ב"ח, אַז „תינוק אחד יושב בית האסורים", אַ יונגער בחור זיצט פאַרשפּאַרט אין תפיסה, אָבער ווייסטו, רבי, וואָס פאַר אַ סאָרט בחור עס איז — „עם יפה עינים", „ושערותיו סדורות לו תלתלים", מיט שעהנע אויגעלאַך, מיט פאַרפּוצטע הערעלאַך, ער איז יעצט געווים אַרויס פון אַ ביוטי־פּאַרלאָר, פאַרגרייזעלט די האָר ווי בייטען,

אויסגעדרעהט, אַ הײנטיגער אינגאַנצען. ווי רבי יהושע האָט דאָס דערהערט: אַזאַ סאָרט חברה׳מאַן זיצט אין תפיסה, אַזוי ווי אַ ריכ־טיגער פויער, אַזוי ווי אַ רוימער, מען קען איהם געוויס גאָרניט דערקענען אַז ער איז אַ איד. וואָרים ווי קומט אַ איד אין יענער צייט, זיך אַזוי צו פוצען. דאָ זאָגט רבי יהושע ב״ח: איך וועל באַלד געהן צו דער תפיסה און וועל איהם אַ פרעג טאָן טאָקע: ווי איז יעצט זיין מיינונג. זאָגט ער אַזוי ווי אַלע מאָל, אַז מיר פרומע אידען זיינען שולדיג אין דעם חורבן, אָדער ער פאַרשטעהט שוין יעצט אַנדערש, אַז זיי זיינען שולדיג.

„אמר לו מי נתן למשיסה יעקב וישראל לבוזזים״ — ווער האָט עס גורם געווען, אַז יעקב ווערט איצט געטראָטען אונטער זייערע פיס? די פרומע, אָדער די גאָרנישטען, זאָג, ווער? דו מוזט יעצט פאַרשטעהן. וואָרים ווי איך פאַרשטעה ביזטו פון אונזער תורה ווייט, פון מצות געוויס. נו, וואָס זאָגסטו: „מי נתן המשיסה יעקב״ וגו׳?

„ענה ואמר״ — האָט ער געענטפערט: איך מוז דיר מודה זיין, מיין טייערער רבי. מיר יונגאַטשעס, מיר פוסטע פראַנטען, מיר זיינען שולדיג. יעצט ווייס איך, אַז וואָס מעהר מען דערנעהנטערט זיך צו זיי, האַסען זיי אונז דאָן נאָך מעהר און מעהר. „הלא זו חטאנו לו״, דאָס האָט אונז גאָט געשטראָפט, אונז, זו חטאנו לו, מיר יונגע, מיר האָבען געזינדיגט צו איהם, מיר זיינען שולדיג אין דעם אידישען בראַד, ווייל מיר האָבען אָפּגעטראָטען פון דער תורה און גענומען זיך צו זייער לעהרע — דאָס האָט אונז געבראַכט דעם חורבן.

ווי רבי יהושע האָט דאָס דערהערט, „אמר״, זאָגט ער, „מובטחני בו שיהי׳ מורה הוראה בישראל״, איך בין זיכער, אַז ער, דער יונגער, דער הײנטיגער, אַז ער איז שוין מסכים צו אונזערע רעד, ווייל ער האָט שוין די ריכטיגע ערפאַהרונג, ווייל ער פאַרשטעהט שוין, אַז איהם, אפילו איהם, האָט מען פאַרשפאַרט אין תפיסה, ער האָט זיך שוין אַליין אַרומגעזעהן, אַז ער מיט אַלע זיינע זיינען שולדיג. איהם וועל איך אויסלייזען פון תפיסה פאַר אַלע געלט וואָס וועט נאָר מעגליך זיין צו קריגען און וועל עס געבען פאַר זיין באַפרייאונג, ווייל ער וועט זיין דער „מורה הוראה בישראל״״, ער וועט ווייזען די ריכטיגע וועג פאַר אונז. אַז ער וועט רעדען פאַר דעם פאָלק, וועט אַ סך ווירקען... ער וועט זיין דער „מורה הוראה״, דער וועגווייזער בישראל.

און אַזוי איז עס געווען, ער האָט איהם אויסגעלייזט פאַר אַ סך געלט, און דער תינוק האָט זיך גענומען צום למוד התורה, און ער איז אויסגעוואקסען דער גרויסער מענש, ווי די גמרא דערצעהלט.

# לט"ו כסלו

(סוטה, דף י"ג)

„בא וראה כמה חביבות מצות על משה רבינו שכל ישראל נתעסקו בביזה, והוא נתעסק במצות, שנאמר חכם לב יקח מצות.

אויף דעם מאמר פרעגט די וועלט א הארבע פראגע. ער זאגט קום און זעה ווי באליעבט אויף משה רבינו איז געוועזען מצות, דאס הייסט, ווי ליעב ער האט געהאט א מצוה צו טהאן, דען אלע אידען האבען זיך באשעפטיגט בביזת מצרים, דאס הייסט לייהען געלט, און משה האט זיך בעסער מתעסק געוועזען אן מצות טאהן, דערמיט וואס ער האט אויפגעזוכט דעם ארון פון יוסף, ער זאל איהם קענען מיט נעהמען. איז די פראגע: די „ביזת מצרים" איז דאך אויך א מצוה, וועלכע השי"ת האט אנגעזאגט, „דבר נא באזני העם וישאלו" צוויי מאהל איז דער אנזאג געוועזען, איז דאך א מצוה, און פון דעם מאמר, ווייזט אוים בפירוש, אז עס איז ניט קיין מצוה, ווייל ער זאגט דאך „שכל ישראל נתעסקו בביזה והוא עסק במצות?

טהייערע פריינדע! אהר האט זיך יעצט דא צוזאמען געקליבען צו פראוועז א סעודה. וואס איז די סעודה? וואס באדייטעט דא די שמחה? און טאקע וואס איז דא פאר א שמחה? דאס וואס די חברה קדישא האט אין דעם יאהר מקבר געוועזען אויף זייער קרקע א מעמבער, א מטגליעד פון דער חברה, אז דאך די פראגע „ולשמחה מה זו עושה? ווי דער חכם מכל אדם האט געזאגט.

רבותי! ווי מיר וועלען אייך דא ערקלעהרען, איז דאס א שמחה, און ניט אומזיסט איז דער מנהג פון קדמונים צו פראוועז א סעודה „ט"ו כסלו". זייט וויסען אז די חברה קדישא, ווען זיי זיינען זיך מתעסק מיט א „בר מנן", איז דאס ניט נאר פאר איין מצוה גערעכענט, די ספרים הקדושים מאכען א רעכענונג אז דאס הייסט פיעלע מצות. וואס פאר א מצוה א איד טהוט, הייסט יעדער מצוה איין מצוה, אפילו שבת, אז ער האלט שבת כהלכתו האט ער איין מצוה, א גרויסע מצוה מקיים געוועזען אבער איין מצוה, אט אזוי איז מיט אלע מצות, וואס פאר א מצוה ער איז מקיים, איז דאס בלויז איין מצוה. ניט אזוי איז די מצוה וואס מען טהוט מיט דעם „בר מנן", זי הייסט ניט איין מצוה נאר א סך מצות, אט וועל איך צו טהיילען, וויפיעל באזונדערע מצות איז פון דער מצוה, אט אזוי ווי די ספרים צוטהיילען

עס: ווען מען זאָגט אַז אין חברה אַז זייער אַ מעמבער איז נפטר געוואָרען, און זיי שיקען אַ מענשען צו זיצען לעבען איהם איבער נאַכט, איז שוין אַ מצוה, אַז זיי זאָגען די פּאַסענדע קאַפּיטלאך תהלים ביי דעם נפטר, איז אויך אַ באַזונדערע מצוה, הלבשה ווייטער אַ מצוה, לויה ווידער אַ מצוה, קבורה אַ מצוה, ניחום אבלים ווידער אַ מצוה. אַט אַזוי איז פאַראַן פיעלע מצות, פאַר די חברה קדישא, און די אַלע מצות דאַרפען געטאָהן ווערען כדין. ווער קען זאָגען פון אייך, אַז איהר האָט טאַקע אַלעם געטאָהן, געוועהנליך, איהר טהוט און ווילט טאָהן, אַלעם כדין, אָבער דאָך פרעגען ביי דעם „בר מנן" קען מען ניט און אַליין קען אַ מענש ניט וויסען אויב ער האָט אַלעם ריכטיג עטאָהן.

דאַרום האָט איהר זיך אויסגעקליבען דעם טאָג ט"ו כסליו וואָס געפאַלט ניט אום שבת, אין דעם טאָג שטעהט איהר אויף גאַנץ פריה און איהר קומט צו זאַמען אין אַ מקום קדוש, און איהר זאָגט סליחות און איהר בעט ביי השי"ת ער זאָל אייך מכפר זיין אויף די שגגות וואָס איהר האָט געטאָהן, פיעלייכט געגען די נפטרים, און איהר פאַסט דעם טאָג, און זאָגט והוא רחום יכפר עון. געוויס האָט אייך השי"ת פאַרגעבען, אָבער אין די אַלע מצות איז ניט אין גאַנצען שייך צו גאָט ב"ה, דאָ איז אַ גרויסער טהייל בין אדם לחבירו, דאָס פיליכט האָט איינער פון אייך ניט ריכטיג געהאַנדעלט געגען דעם נפטר, וואָס ער איז געוועזען אייער מעמבער, דאָס הייסט בין אדם לחבירו, דאַרום געהט איהר אויף דעם בית עלמין בעטען אַז זיי זאָלען אייך פאַר־געבען און מוחל זיין אויב איהר האָט ניט געטאָהן ווי געהעריג מיט זייער קבורה דאַן זיינען זיי אייך געוויס מוחל, און אַז איהר קומט צוריק ריינע מענשען אָהן זינד, דאַרום מאַכט איהר אַ סעודה, און איהר זייט פרעהליך, און איהר מעגט פרעהליך זיין, ווייל איהר האָט אַזוי פיעל מצות מקיים געוועזן מיט דעם נפטר...

די אידען און דאָס זעלבע משה, האָבען געהאַט אַן אָנזאָג פון גאָט, אַז זיי זאָלען לייהען ביי די מצריים, כלי כסף וכלי זהב ושמלות, געוויס איז דאָס געוועזען אין יענער צייט דער לייהען אַ מצוה, ווייל גאָט ב"ה האָט דאָך געהייסען לייהען, דאַרום האָבען זיי זיך טאַקע אַ כאַפּ געטאָהן צו דער מצוה, און נאָך אַ מין מצוה, וואָס מתן שכרה בצידה, טאַקע אַז די קלינגעדיגע בלייבט דאָך ביי זיי און דערביי אַ מצוה אויך, דאַרף מען בעסער? זאָגט אָבער משה, אמת טאַקע עס איז אַ מצוה, אָבער איך וויל בעסער געהן טאָהן אַזאַ זאַך, אַזאַ מצוה, וואָס די איינע מצוה אַז מען איז איהר מקיים כהלכתו, האָט מען

מקיים געוועזען פיעלע מצות. יעצט זעהט, ווי עס קלינגט דער מאמר, יעדער ווארט:

„בא וראה", קום און באטראכט, כמה חביבות „מצות" על משה רבינו, ווי באליעבט איז „מצות" א ס א ך אויף משה רבינו. דער מאמר זאגט ניט כמה חביבה „מצוה" על משה רבינו נאר „מצות", רופט ער אן דאס וואס משה געהט זיך מתעסק זיין בעצמות יוסף. אמת טאקע שכל ישראל נתעסקו בביזה, וואס דאס איז אויך א מצוה, אבער נאר איינע, און משה געהט טאהן איין מצוה וואס דאס איז מצות. הערט דעם אויספיהר, שנאמר חכם לב (זה משה) „יקח מצות" ניט איין מצוה ווי זיי טהוען. משה האט בעסער געכאפט די מצוה, וואס עס רעכענט זיך ווי א סך מצות.

(יעצט קען יעדער מאריך זיין אין מוסר השכל, ווי א חברה קדישא ברודער הארף זיין גליקליך, ער טהוט משה'ס ארבייט, וואס משה האט אוועק געלאזען אזוי פיעל רייכקייט, איהם וואלט מען געוויס בעסער געליהען ... און — און — און — זא ווייטער מאריך צו זיין...)

# טהרת המשפחה

(תענית, דף כ"ב)

ג' מפתחות בידו של הקדוש ברוך הוא כו' של חי', ושל גשמים, ושל תחיית המתים.

איך האב געזעהן אין דעם ספר „פנינים יקרים" פ' תצוה, אויף דעם פסוק פתוחי חותם קודש לד', ברענגט ער אין דעם נאמען פון ווילנער גאון ז"ל זכותו יגן עלינו, נאך דער גמרא וואס דא אויבען איז פאראן ג' מפתחות בידו של הקדוש ברוך הוא וכו', חיה, גשמים, תחיית המתים, וואס די דריי שליסלען איז ניט איבערג עגעבען געווארען צו קיין שליח, איז מרומז אין דעם פסוק „פתוחי חתם קדש לד'", „פתוחי" מיינט די שליסלען פון „מפתח" „חתם" — איז אין ראשי תיבות — 'חיה, 'תחיה, 'מטר, די דריי מפתחות איז „קדש לד'" און עס איז ניט איבערגענטווערט געווארען צו קיין שליח, דאס איז קודש לד' — ביי איהם אליין אין האנט.

איך האב געבראכט דעם הייליגען טהייערען ווארט, אום מיר זאלען א מוסר האבען דערפון, ווייל די פרוי דארף זיין פארזיכטיג אין איהר פאמיליען-לעבען, דער באשעפער אונזערער טהוט אזוי פיעל

גוטעס מיט אונז, אַז ער טרויט ניט אַן די שליסעל פון דער געווינערין צו קיינעם און נאָר אליין, גיט אכטונג אַז עס זאָל איהר קיין שלעכטעס ניט געשעהן ... ווי אַזוי וואגט אַ פרוי ניט פאָלגען דאָס וואָס דער הימלישער פאָטער איהרער האָט איהר פאַראָרדענט.

„תחיה", אַז די חכמים אונזערע, די מלאכי אלקים גלויבען, אַז עס איז באַשטימט, דאָס עס וועט זיין תחיית המתים, ווי אַזוי קומט אַ היינטיגער שייגעץ, ניט געלערענט ניט מיט שכל, אָהן פארשטאַנד און ער זאָגט, אָט ווי קומט עס, עס איז ניט מעגליך, ווען די צמחים, די גראָזען די בוימער, די פרוכט, די קאָרן, די ווייץ, די פּאָטייטאָס, און אַלע געוויקסע, ווען דאָס וואָלט ניט געווען אויף דער וועלט, און מען וואָלט דעם היינטיגען שייגעץ, אויסוואורף, הפקר־יונג געזאָגט — זיי ווייסען אָט דאָס הייסט אַ פּאָטייטאָ, און אַז מען באַגראָבט עס אין דער ערד, וואקס ארויס פון דער פארפוילטער פּאָטייטאָ, צוואַנציג נייע געזונטע, שעהנע פּאָטייטאָס, א. א. וו. — וואָלט ער זיך געוויס אויסגעהירזשעט דער חמור... סטייטש — עס קען ניט זיין, עס איז אַ ליגען און טאָקע ווי אַזוי איז עס כאָטש אַז מיר זעהען עס? ווי איז דאָס? וואָס איז דאָס? איך וויל ניט מאריך זיין, נאָר איך וויל ארויס נעהמען דעם מוסר פון דעם מאמר.

„גשמים" — דאָס הייסט פרנסה, דאָס איז אין גאָט'ס האַנד, קיינער איז אויף דעם אַ „בעל הבית" נו קום אָהער דו נידעריגע בריאה'לע — דאַרפסטו ארבייטען שבת? דאַרפסטו לויפען אוועק אין סטאָר בעפאָר דו דאַוועגסט? קענסטו ניט טרויען דעם רבש"ע איין דרייעלע מיט'ן שליסעל פון פרנסה, האָסטו שוין אַלעס. און אַז ער וויל ח"ו דרייען צוריק בלייבסטו אָהן פרנסה, עס העלפט דיר שוין ניט דיין היילען, דיין לויפען, דיין פליהען, דיין שטרעבען און דו פאָלגסט געטריי דעם בעל הבית דיינעם, וואָס האָלט די שליסעל פון דיין ביזנעס.... געטרוי — וועסטו זעהן ווי גוט דיר וועט זיין. טרייע — פאָלג, לעבען גליקליך וועסטו. —

# לנשואין

כתובות, ח׳.

„שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בג"ע מקדם".

איך וויל ניט פארפעהלען אפילו דעם מאמר, כאָטש וואָס איך וועל שרייבען אויף דעם מאמר איז אַלעמען באַקאַנט, ווייל אַלע ספרים שרייבען דאָס זעלבע, אָבער דאָרום וועל איך זעהר קורץ מאַכען.

דער חתן זאגט צו זיין כלה: „הרי את מקודשת לי וכו׳ כדת משה וישראל״. ביי קיין זאך, ביי קיין מצוה זאגט מען ניט „כדת משה וישראל״, נאר ביי די קידושין, ווייל זעהר פאסיג זיינען דא די פאר דימענטענע ווערטער, די וועלכע דער חתן זאגט. ער זאגט צו איהר: מיין טייערע, פון יעצט אן ווערסטו מיינע, דו טארסט מעהר ניט געהערען צו קיין אנדערע, דו ווערסט אסור צו דער גאנצער וועלט. „הרי את מקודשת לי״, נאר „לי״, מעהר נים. אבער מיט וואס קענסטו מיר געטרויען? דאס איז נאר מיט דעם, מיין טייערע, מיט דעם דת משה וישראל. אויב דו האלטסט דעם דת משה בין איך זיכער מיט דיר און דו מיט מיר, אויב איך האלט דעם דת משה, „הרי את מקודשת לי וכו׳ כדת משה וישראל״, ווי דער דת משה איז ביי דיר.. אויב ח״ו דער דת משה איז ניטא ביי דיר און אויך ניטא ביי מיר, איז טאקע ניט היימלאך מיט אונזביידען; אז דו וועסט זעהן א שעהענערען אדער א בעסערען, אדער א רייכערען — דאן איז והילד איננו.

אבער ווען אדם האט חוה׳ן פאר א פרוי גענומען, האט ער קיין מורא ניט געהאט פאר איהר, ווייל ער איז איינער; דאס זעלבע קען ער ניט קריגען קיין אנדערע. ער זעהט גאר ניט קיין אנדערע, ווייל עס זיינען אויף דער וועלט גאר ניט געווען קיין אנדערע מענשען, דארום זאגט מען און מען ווינשט דער פאר, אז זיי זאלען געהערען איינער צו דער אנדערער, זיי זאלען ניט האבען מעהר אין זינען קיין אנדערע. „שמח תשמח רעים האהובים״, אייער שמחה זאל זיין א דאפעלטע שמחה, אן אמת׳ע שמחה, אהן שלעכטע געדאנקען, אזוי ווי „כשמחך יצירך בגן עדן מקדם״, איז דאך געווים געווען זייער שמחה פארפול, ווייל זיי האבען גאר ניט געזעהן קיין אנדערע..

# לנשואין

כתובות, ח׳.

„שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בג״ע מקדם״.

איינער נעהמט א פרוי צוליעב געלט, דער עיקר איז ביי איהם דאס געלט. ווי איז דאס אבער אז ער ווערט אן דאס געלט און ער ווערט אן ארימאן, קען א מאל טרעפען, אז ער קריגט איהר פיינט, דארום בענטשען מיר זיי מיט דער ברכה, אז אויב דער חתן נעהמט

איהר צוליעב דאָס געלט און ח"ו ער ווערט עס אָן, זאָל ער איהר ליעבען אייביג דאָס זעלבע ווי יעצט, ווען דאָס געלט איז זיין צוועק. האָט דען אָדם הראשון געקראָגען נדן? האָט דען אָדם הראשון גע־ליעבט איהר צוליעב געלט? געוויס ניט: „שמח תשמח רעים האהובים" דאָפּעלט. יעצט מיינט עס, אַז עס איז דאָ דאָס געלט: ער קריגט אַ פרוי און אויך געלט, איז די שמחה דאָפּעלט, אָבער אויב ח"ו דאָס געלט ווערט אָנגעוואָרען, זאָל אימער זיין דאָפּעלט די שמחה, און אימער זאָלט איהר זיך ליבען. „כשמחך יצירך בג"ע מקדם", אַזוי ווי אָדם האָט זיך געפרעהט אימער מיט זיין פרוי חוה, ער האָט דאָך געוויס קיין געלט ניט געקראָגען.

עס זיינען דאָ פאַראַן פיעלע מענשען וואָס הייראַטען צוליעב דעם, ווייל זי איז אַ שעהנע, און נאָכהער, ח"ו, אַז זי פאַרלירט איהר שעהנ־קייט, דאַרף ער איהר אַלץ ליעבען, אַזוי ווי יעצט, ווען זי האָט איהר שעהנקייט. האָט דען אָדם גענומען זיין פרוי חוה'ן צוליעב שעהנקייט? האָט ער דען איהר אויסגעקליבען צוליעב איהר שעהנקייט? געוויס ניט. ער האָט אפילו ניט פאַרשטאַנען פון דעם, ווייל ער האָט דאָך דאָן קיין העסליכע ניט געזעהן. דאַרום זאָגט מען די ברכה: שמח תשמח" וכו'.

---

# לנשואין

(ברכות ח').

במערבא כי נתים אתתא אמרו ליה הכי מצא או מוצא...
מצא אשה מצא טוב ויפיק רצון מד' — מוצא דכתיב
ומוצא אני את האשה מר ממות וכו'.

גאָר ניט לאַנג, מיט דרייסיג יאָהר צוריק, און פיל־ייכט ווענינער, איז נעוועזן אַ שעהנע מאָדע ביי אונז אידען. ווען איינער האָט גע־וואָלט טהאָן אַ שידוך מיט'ן קינד זיינעם, האָט ער געמוזט זיך מעלדען צו אַ שדכן, און ער האָט שוין אויסגעפונען אַ פּאַסענדע פּאַרטיי. דער שדכן האָט פאַרגעשטעלט די עלטערן, און זיי האָבען עס גוט דורכ־גערעכענט. דאָן האָבען זיי געפונען פאַר נויטיג איבערצוגעבען זייער קינד, און ווען דער שדכן איז בעפאָר געגאַנגען צום זוהן אָדער טאָכטער, האָבען זיי אויסגעהערט, און אַז זיי איז דאָס גע־פעלען געוועזן, דאָן האָבען זיי געהייסען דעם שדכן פאַרלעגען בעפאָר

די עלטערן, וואָס זיי וועלען זאָגען. אָהן די עלטערן איז ניט געגאַנגען קיין טריט און דער אַלטער שכל איז אימער בעסער פאַר דעם יונגען און אַזוי וואויל און גוט איז געווען צו אַזעלכע פּאַרטייען. קיין עגונות זיינען ניט געווען. גט'ן — זעהר זעלטען.

היינט — דעם טאַטען זאָגט מען ניט און דער מאַמען פרעגט מען ניט. אַז ער זעהט איהר אין פּאַרק אָדער אין טעאַטער, דאַן אַז זי געפעלט איהם און ער געפעלט איהר, ווערט באַשלאָסען צו לערנען די סדרה „לך לך" איינינע יאָהר. טאַטע־מאַמען געהט אוים די כחות צוקוקענדיג, מיט ווענען דאָס קינד געהט אַרום. נאָכהער, נאָך איינינע יאָהר לערנענדיג „לך לך", היפּט מען אריבער די גאַנצע תורה — דאָס דאַרפען זיי ניט און מען הויבט אָן „שופטים", מען געהט צום דזשאַדזש, און ער איז דער „מסדר קידושין". אויף מאָרגען אין דער פריה ניט ער אַ קוק, אַז פון „רחל יפת תואר" „והנה היא לאה" — קיין אויגען, קיין געשטאַלט פון אַ מענשען. דאַן לערענט ער שוין די צווייטע סדרה נאָך שופטים — תצא, ער איז שוין אַוועקגעגאַנגען אין אַלדי רוחות, און זי איז שוין אַן עגונה; „תבוא" — פּילייכט קומט ער, איז באַלד „נצבים", פאַרהאַלט מען איהם שוין אין פּריזאָן, און אַזוי שנעל ווי מען לאָזט איהם פון דאָרט אַרויס, דאַן „וילך" — ווייטער אַוועק, און דאָס אַלעם דערפאַר, ווייל מען זוכט זיך אַליין אויף די אייבינע באַגלייטערין אָדער באַגלייטער, אָהן טאַטען־מאַמען, אָהן אַ רב, אָהן אידען, אָהן אידישקייט...

דאָס פּלעגען זיי פרעגען במערבא: זאָג מיר, זונעלע, ווי איז מיט דיר? וואָס האָסטו געקראָגען — אויב „מצא אשה", אַזעלכע וואָס „ויפק רצון מה'", ווי גאָט האָט געבאָטען, מיט טאַטען־מאַמען, מיט גאָט, און ניט אַליין, איז „מצא טוב", איז וואויל צו דיר, צו דיין לעבען, אָבער אויב „ומוצא אני" — איך געפין אַליין און דאַרף קיינעם ניט, זאָגסטו, נאָר דו אַליין, אָהן אַלעמען, קיינעם ניט געפרעגט, נאָר דו האָסט זיך איינגעליבט אין איהר, און דו האָסט איהר גע־רופען „מיין נשמה", מיין „דימענט", מיין גאָלד, זיינען מיר דיר ניט מקנא. דיין נשמה ווערט באַלד ביי דיר אַ נשמה יתירה, אַן איבעריגע נשמה; דיין דימענט וועט באַלד ווערען אַ שטיקעל גלאָז, דיין גאָלד — אייזען; דיין זילבער — בליי.

אויב „ומוצא אני", איך אַליין, איז „מר ממות!" — ביטערער פון דעם טויט ר"ל.

# לנשואין

(ברכות, ח׳).
„במערבא כי נסיב וכו׳ מצא או מוצא“.

אמאָל, אַז מען האָט גענומען אַ פרוי, איז זי געווען די עקרת הבית, די ווירטהין אין הויז, געפיהרט אַלעס אין אידישען גייסט. זי האָט ניט געוואוסט פון קיין טענץ, פון בעלער, פּיק־ניקס, מאַסקע־ראַד־בעלער, עקסקוירשאָנס, קאָונטרים, קאָרטען־פּאַרטיעס, מיטינגען, טעאַטערע, וואוטען און נאָך אַ סך זאַכען, וואָס איך וויים ניט ווי אָנצורופען זיי מיט די נעמען. איז ער געגאַנגען ערגעץ וואו, איז זיין ווייבעל מיט איהם מיט. ער האָט איהר איינמאָל געפונען און ער האָט איהר געהאַט אויף הונדערט מיט צוואַנציג יאָהר. „מצא אשה“ — ער האָט איינמאָל געפונען (מצא איז אַן עבר) און ער האָט איהר אימער געהאַט, ניט געדאַרפט איהר זוכען מעהר אין זיין לעבען, אָבער היינט איז ער גאָר אַנדערש. ער קומט אין דער היים. „וואו איז די מאַמע?“ פרעגט ער. „די מאַמע איז אוועק צו אַ דענס“, אָדער אין די אַנדערע פּלעצער וואָס איך האָב אויסגערעכענט, אָדער די קינדער ווייסען גאָרניט וואו די מאַמע איז. דאַרף ער איהר אימער אַרומזוכען, ער דאַרף איהר געפינען אַלע טאָג איבער אַ נייעס.

„מצא“, אַז ער האָט איינמאָל געפונען און מעהר דאַרף ער ניט געפינען איהר... איז מצא „טוב“, אָבער „ומוצא אני“ איך געפינן איהר אַלע טאָג ווידער... דאָס איז מר ממות.

גליקליך איז דער יעניגער וואָס קען זאָגען „מצא“.

# די אשה

כתובות, ס״ז.
„די מחסורו אשר יחסר „לו“, זו אשה“.

ווי קען עס געבען פאַר אַ מענשען, אַז עס זאָל איהם זיין גענוג? ווען קען זיין גענוג פאַר איהם, אַז „מי שיש לו מנה רוצה מאתים““, „אין אדם מת מן העולם וחצי תאותו בידו“. און דאָ זאָגען די חכמים, אַז מען זאָל איהם געבען „די מחסורו אשר יחסר לו“, — אַלעס וואָס איהם פעהלט!

נאר דאס איז אזוי: דארום זאגען זיי טאקע „זו אשה", ווייל אלעס וואס מען זאל איהר געבען, וועט ניט זיין „די מחסורו" — צו־ פרידען צו שטעלען דאס וואס איהם פעהלט. וועט מען איהם געבען געלט, אפילו מיליאנען, וויל ער נאך אמאל אזוי פיעל. יעדע זאך וואס מען זאל איהם געבען, וועט ער וועלען מעהר און מעהר. אבער דער פסוק זאגט דאך „די מחסורו אשר יחסר לו", מוז מען איהם געבען, אז ער זאל אליין זאגען אז עס איז גענוג, דארום האבען די חכמים געפונען אזא מין זאך: זאל מען איהם געבען, וואס ער זאל שרייען אז עס איז גענוג: ניט מעהר, ניט מעהר! און דאס איז, אז מען זאל איהם געבען א פרוי און ער זאל דארפען מאכען א לעבען פאר איהר, וועט ער שוין זאגען „גענוג איינע" — „די מחסורו אשר יחסר לו — זו אשה"... בדרך הלצה, גענומען פון „לחמי תודה".

# לברית מילה

(שבת, דף קל"ז)

„כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים".

מיינע טהייערע! , איך האב מורא אייך צו זאגען, אז מרי מיט אונזער ברכה, אט די דאזיגע „ברכה" איז גאר א קללה. לאמיר זעהן ווי אזוי איז דא דער „וביום שמיני ימול" „דוקא" אויף דעם אכטען טאג, איז דאך, דער גאנצער טאג גוט, נאר דאך איז בעסער פריהער, גאנץ פריה, ווייל „זריזין מקדימין למצות", וואס טהוען אבער די אמעריקאנער עלטערן און אויך אנדערע מוהלים, אז דער ברית קומט אוים שבת, און שבת איז דאך די גרעסטע ביזע אין אמעריקא, וועט דאך דער פארמאן, דער שעהנער מענשעלע, ניט קענען זיין סנדק, און דער מוהל אויב ער איז אזא שעהנער אידעלע, ווי דער טאטע מיט'ן פארמאן צוזאמען, און שבת, איז דאך קיין „מי שברך" — וועט ער דאך ניט מאכען קיין געלט, רעדט אפ דער טאטע מיט'ן מוהל, דער מוהל מאכט זיך פאר א דאקטער און ער זאגט, אז די בייבי איז עפעס ניט מיט'ן ריכטיגען קאליר, אדער עפעס געפעלט איהם ניט, די לינקע אייגעלע, און מען לייגט אפ אויף אן אנדער זונטאג.

יעצט לאמיר זעהן, אז אן איטאליענער, איז זיך מגייר, און מען ברענגט איהם „בבריתו של אברהם אבינו" איז דאך ניט צו אכט טעג,

ווייל ער איז דאָך שוין אַלט עטליכע און צוואנציג יאָהר, טאָ ווי קומט אַ פויער בבריתו של אברהם אבינו — ניט אין דער צייט, אזוי קומט אויך ניט אין דער צייט די בייבי, וואָס זיי לייגען אָפּ אויף זונטאָג דעם ברית, ניט אין דער צייט, ווינשען זיי צו דעם בעל ברית „כשם שנכנס לברית" אזוי ווי דער קינד איז אריין לברית ווי אַ „גוי", „כן יכנס" אזוי זאָל ער אריינגעבראַכט ווערען „לתורה ולחופה ולמעשים טובים" ווי אַ גוי. — זאָגט, איז עס ניט אַ קללה? אויב עס איז אין אַזאַ הויז דער ברית, וואו עס איז ניט אין דער צייט געווען דער ברית?...

# לברית מילה

(שבת, דף קל"ז)

„כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים".

ווי גליקליך זיינען די עלטערן, אַז זיי זעהען אַז זייער זאָהן שטעהט אונטער דער חופה אין יונגע יאָהרען, אין דער צייט, אַלט צוואנציג, כאָטש ביי פיער און צוואַנציג ניט מעהר, דאַן איז ער אין זיין יוגענד־ליכען בליהונג. ער איז ביי זיינע קרעפטען, ער איז שטאַרק, ניט ח"ו אַז ער געהט הייראַטען צו פערציג יאָהר אָדער מעהר, ער האָט שוין אבגעלעבט צוויי דריטעל פון זיין לעבען....

און תורה, לערנען אמעריקאַנער עלטערן זייערע קינדער, אַז זיי זיינען שוין אַנגעזאָפּט מיט די סקוהל, קענען שוין אויף אויסוועניג אַלע „יאַסקע פאַנדרע'ס סאָנגס, אַז אָך און וועה, איז צו זייערע עלטערן פון אַזעלכע קינדער, חתונה האָבען זיי, אַז זיי זיינען אַלטע, ווייל אַלעס איז נאָך דער צייט, ווייל לערנען תורה, לערנען די עלטערן מיט די קינדער נאָך דער צייט.

און מעשים טובים טוהען זיי טאַקע נאָכדעם נאָך דער צייט, אין זייער לעבען, האָבען זיי גאָר ניט געטאָהן, נאָך זייער לעבען געפינט מען אַ צוואָה, אַז זיי האָבען איבערגעלאָזען פאַר צדקה אַנשטאַלטען אַזוי פיעל און אַזוי פיעל טויזענטער, הייסט אַז מעשים טובים האָבען זיי געטאָהן נאָך דער צייט.

דאַרום! ווען ער מאַכט דעם ברית צו דער צייט, אין דעם אַכטען טאָג, ווינשט מען צו די עלטערן: „כשם שנכנס לברית" צו דער צייט,

„כן יכנס לתורה" אויך צו דער צייט, צו זעקס יאהר, און פיליכט ארייננכאפען א האלב יאהר פריהער, איהם אנפאקען אביסעל מיט תורה, „כן יכנס לחופה" צו דער צייט... „כן יכנס למעשים טובים" צו דער צייט, ניט נאך פערציג יאהר... אויב די עלטערן האבען דעם קינד אריינגעבראכט לבריתו של אברהם אבינו, נאך דער צייט.... ווינשען זיי די ברכה, אז כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים נאך דער צייט.

# לברית מילה

(שבת, דף קל"ז)

„כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים".

ווי די עלטערן זאלען ניט זיין, דאך ביי דער צייט וואס אלע געסט זיינען שוין אין הויז געקומען צום ברית און דער מוהל באטראכט שוין דעם מוהל מעסער, און גרייט שוין צו, די מעדיצין, מיט די באנדאזשען, מיט וואס אפצושטעלען די בלוט פון זייער קינד, אין יענער צייט, איז זייערהארץ גאר אנדערש, זעהר פיעל אנדערש צום גוטען. די הארץ איז אידיש ווארעמלעך, איך וויים דאס, און איך וויים, וואס הונדערטע מענשען האבען מיר געזאגט, זייער פיהלינג. ווינשט מען צו די עלטערן „כשם שנכנס לברית" אזוי ווי ער איז אריין צום ברית, דער קינד איז דאך די הארץ פון די עלטערן ווארים אין אידישקייט, אזוי ווארעם זאל זיין זייער הארץ. „כן יכנס" לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מיט אזא אידישע ווארעמע הארץ, וועט טאקע דער קינד זיין א ריכטיגער איד.

# לברית מילה

(שבת, דף קל"ז)

„כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים".

מיינע טהייערע! איהר האט געזעהן, אז דער פאטער פון רך הנימול, ווי ער האט דערלאנגט זיין קליינע בייבעלע. אזא אומשולדיגער קינד, און געגעבען דעם קינד צום מוהל, צו שניידען דעם קינד זיין

פלייש דאָס איז דאָך אַ ריכטיגע „אכזריות״, איהר זעהט דאָס אַלע מאָהל, און איהר האָט עס אַליין געזעהן אויך היינט, ווינשט דעם פאָטער, ווינשט אויך דער מוטער, „כשם שנכנס לברית״ אַזוי ווי דער קינד איז אַריין צום ברית, מיט די אכזריות פון די עלטערן „כן יכנס „לתורה״, אַזוי זאָל דער פאָטער טהאָן צום קינד אָהן רחמנות צו „תורה״ לערנען מיט איהם איהם מיטנעהמען דאַוונען. דאָן זאָגט די מאַמע, אַ רחמנות אויף דעם קינד, אַז מען זאָל איהם אויפוועקען אַזוי פריה ער קען געהן דאַוונען שפּעטער, ער קען געהן אין חדר שפּעטער. אָנזאָגען דעם רבי׳ן ער זאָל איהם ח״ו ניט צופיעל מאַטערן, זאָל גאָט אויסהיטען. אַ רחמנות אויף דעם קינד, נאָכהער אַז דער זוהנעלע דאַרף געהן חתונה האָבען און עס מאַכט זיך אַ שידוך, אַ טהייערע אידישע שעהנע מיידעל און פון פרומע עלטערן, נאָר זיי האָבען קיין געלט ניט צו געבען נדן זאָגען טאַטע מאַמע, אַ רחמנות אויף דעם קינד, ער וועט חתונה האָבען אָרעם, וואָס וועט זיין דערפון, וואָס וועט ווערען דערפון? ניין! מען רעדט איהם מיט דעם און דעם, אַז ער איז ניט פרום, נו! — אַז ער איז אַ מחלל שבת, נו וואָס קען מען טאָהן, ער איז דאָך אָבער אַ רייכער, ער גיט דאָך אָבער צעהן טויזענטער נדן.

ווינשט מען אייך טאַטע יעצט צו, „כשם שנכנס לברית״ מיט אייערע אכזריות, ניט קיין ביסעל רחמנות, „כן יכנס לתורה״ אָהן רחמנות, ולחופה אָהן רחמנות, און „למעשים טובים אָהן רחמנות.

# לבר מצוה

געעהרטע פּערזאָמעלטע, וואָס געפינען זיך היינט אין דיעזען מקום קדוש, ליידיעס און דזשענטלעמען!

איך וועל אייך בעטען דאָס איהר זאָלט אויסהערען אייניגע ווערטער פון דעם נייעם מעמבער אייערן, דעם יונגען באָי, וואָס שטעהט יעצט פאַר אייך, און וואָס קומט אַריין אין אונזער גרויסען אָרדען „ברית אברהם״, דאָס הייסט, דער אָרדען וואָס צעהלט פופצעהן מיליאָן מיטגליעדער, דאָס גאַנצע יודענטהום, וואָס ער איז געגריגדעט שוין די פיערטע טוזענט יאָהר, פון אונזער געעהרטען גרינדער, דער געטליכער נביא, אברהם אבינו.

דער היינטיגער טאג איז א דאפעלטע שמחה, פאר מיר און פאר פאר מיינע עלטערן, דער טאג פון מיין געבורט און דער טאג וואס איך קען מיך באריהמען דאס איך בין געווארען א איד, א מיטגליעד צום גרויסען ארדען.

היינט זיינען פון מיינע יאהרען פאראיבער דרייצעהן יאהר פון מיין לעבען וואס זיי זיינען פארשוואונדען אין דעם ים פון דער אידישער געשיכטע.

אבער דאך, ווען איך באטראכט די איינציגע יאהרען, קען איך מיט שטאלץ זאגען, אז ד יאהרען זיינען פארשוואונדען, אבער מיט פאר־מעגען וואס איך האב ערווארבען אין די איינציגע יאהר, טהוט זיך פרעהען מיין הארץ, אז איך האב דערגרייכט א גרויסען פארמעגען פון מיינע עלטערן, זאלען געזונד זיין, און דער פארמעגען איז דאס וואס איז טהייערער פאר די אלע קערפערליכע פארמעגענס, און דאס ווערט גערופען נפש ...

די ערציהונג וואס מיינע עלטערען האבען מיר געגעבען אין לערנען די אידישע רעליגיאן, דעם גרעסטען פארמעגען וואס זיי האבען מיר געגעבען, דאס איז צוויי הייזער (בתים), דאס זיינען די תפילין, וואס האבען שני בתים, איינער אויפ'ן האנד און די צווייטע אויפ'ן קאפ.

ניט קיין גאלד, ניט קיין זילבער ווערט געפונען אין די „בתים", נאר שווארצע אותיות, געשריבען אויף וויסען פארמעט, אבער זיי בלאסקען ווי די טהייערסטע דיאמאנטען אויף מיין קאפ און האנד.

אונזערע חכמים די בעלי התלמוד האבען געזאגט אין סנהדרין (מ"ח) „צפן זהב פסולות", ד. ה. ווען ער האט די תפילין באדעקט מיט גאלד איז פסול, און אין מנחות (ל"ה) זאגען זיי „רצועות שחורות הלכה למשה מסיני הוא", ד. ה. אז די רצועות מוזען זיין שווארצע, האט הקב"ה געלערנט צו משה אויפ'ן בארג סיני, און משה האט עס אזוי געלערנט צום פאלק, אז די רצועות דארפען זיין שווארצע. איך אלס יונגער קינד פארשטעה אויך שוין אז דא איז א גרויסע שווערע פראגע. איך אלס יונגער קינד פארשטעה שוין אויך זא ווייט, ווייל איך האב שוין דאס פון דער וועלט ערפאהרען, דאס גאלד צו האבען איז די גאנצע גלוסטיגקייט פונ'ם מענשען, דער שטרעבען און לעבען פון דער מענשהייט איז גאלד און גאלד און ווייטער גאלד! און ווער עס האט גאלד ערררייכט, דער ווערט גערופען גליקליך. מיט גאלד פוצט מען זיך אליין, מיט גאלד ציערט מען אוים די הייזער. טא ווארום האבען די חכמים געזאגט אז מען וול אויספוצען די

בתים פון די תפילין און זיי פון אויבען באַדעקען מיט גאָלד, אַז דאָס איז פסול? אויך וואָרום האָט הקב"ה אויסגעקלבען די מראה שוואַרץ פאַר רצועות?

נאָר, מיינע געשעצטע הערען, ווען איך וועל זיך פאָרשטעלען פאַר אייך היינט מיט מיין יעצטיגען נאָמען „איד", אַז איך וועל היינט אַ פאָלקאָמענער איד ביי דעם יודענטהום, אייך צו ערקלעהרען וואָס אַ איד און יודענטהום איז, ווייס איך אַז מיין ידיעה איז קליין, נור דאָך ווייל איך בין יעצט אַריינגעטראָטען אין דעם הייליגען נאָמען, וועל איך אַ קליינעם בליק געבען, אַ טראָפּען פון'ם גרויסען ים, וואָס דאָס באַדייטעד איד און יודענטהום...

דאָס יודענטהום איז די מוטער פון אַלע אמונות, אַ געטליכע טאָכטער, די ליכט פון דער וועלט, וועלכע אַלע נאַציאָנען זיינען פאַר דעם שיין פון דעם ליכט געגאַנגען און געהען אויך יעצט, די ליכט פון'ם לעבען, וואָס פּרעדיגט די לעהרע פון רחמנות, ליעבע און ער־באַרעמליכקייט, צדק און יושר, אין דער צייט וואָס אַלע פעלקער זיינען געזעסען אין דער פינסטערניש פון בילדונג, פאַרזונקען אין זומפּ פון אומוויסענהייט און תאוה, און זיי האָבען זיך געבוקט צון אַלע בהמות, חיות, שקצים און רמשים, און צו די צבא השמים, דאַן איז געקומען אברהם אבינו דרייצעהן יאָהר אַלט, (איינער זאָגט בן ג' שנים הכיר אברהם את בוראו, און איינער זאָגט בן מ"ח, און איינער זאָגט בן י"ג), און ער האָט ערקלעהרט די גאָטהייט, דורך זיין גרויסען פאַרשטאַנד, און ער האָט אויפגעוויזען אַז גאָט האָט באַשאַפען הימעל און ערד, און אַלעס וואָס אין דער וועלט געפינט זיך, ער האָט זיי געעפענט מיט זיין חכמה די בלינדע אויגען, אַז ניט אין כח פון אַ בוים אָדער אַנדער פּלאַנצונג, אָדער בהמות און חיות, איז גאָט, ער האָט אין זיי איינגעפּלאַנצט די געטליכע אמת'ע אמונה הטהורה.

פון אברהם אבינו ביז משה רבינו, האָט איינער דעם אַנדערן איבערגעגעבען די אמונה, ביז עס איז געקומען דער „עבד אלקים" און האָט מקבל געווען די תורה פון גאָט אויף דעם באַרג סיני.

דאָס איז די מטרת היהדות: צו גלויבען אין גאָט און אין זיין השגחה, און איהם צו דיענען מיט'ן גאַנצען קערפּער, און אפילו מיט דער נשמה, אוועקצוגעבען אַלעס ווען עס ווערט ח"ו געפאָדערט, און צו גלויבען אַז עס איז אַ השגחה פון הימעל וואָס ברענגט צום משפט אַלע מעשים רעים און מעשים טובים.

דאן וועט דער מענש היטען זיין יעדען טריט, ניט חס ושלום אוועק־צוגעהן אין קרומען וועג, און נור דער מענש קען ערשט גליקליך זיין ווען ער געהט אין גלייכען וועג, אין דעם וועג פון אברהם העברי.

ווי די תורה זאגט, „ועתה ישראל מה ד׳ אלקיך דורש מעמך, כי אם ליראה את ד׳ אלקיך, ללכת בכל דרכיו, לשמור מצות ד׳ אשר אנכי מצוך היום לטוב לך“.

אונזערע חכמים די בעלי התלמוד, האבען אונז ערקלעהרט אין עירובין כ״ב, „אין התורה מתקיימת אלא במי שמשחיר עצמו עליה“, די תורה קען אנדערש קיין קיום ניט האבען, נאר ביי דעם יעניגען וואס ווערט פארשווארצט דורך איהר, דאס הייסט, אפילו ער האט שאדען דורך דער תורה, ער האט צרות דורך דעם, מוז ער אויך אלעס אבהיטען, אפילו חס ושלום פארשוואצט ווערען און האלטען די תורה דאן וועט די תורה האבען ביי איהם א קיום, ניט ווי די וואס זאגען איך וועל קיין תפילין לייגען, ווייל אך האב קיין צייט ניט, איך מוז געהן פארדיענען, און זוכען געלד, און איך וועל בעסער צדקה געבען, איך וועל בעסער די תפילין מיט געלד באדעקען, — זאגען די חכמים: פסולות, זיי זיינען פסול, ווייל ער לייגט זיי ניט און קוקט ניט אויף זיי ... ער איז פסול, ער ווערט גערופען א פושע ישראל“, א פארשול־דיגטער איד ...

ווי דען דארף זיין? מען מוז א איד זיין, לייגען תפילין, וואס דאס הויבט זיך אן פון דעם טאג וואס ער ווערט א איד, צו דרייצעהן יאהר — אפילו חס ושלום ווען איהם שאדעט דאס עטוואס צו זיין לעבען מאכען, ווי איהם דאכט זיך... דעם סימבאל גיבען איהם די רצועות אליין, רצועות שחורות דארפען זיי זיין!... דער אונגליק איז, אז ווען ער קען נאר פארדיענען און נאכהער אז ער ווערט גוט אב, און האט שוין געלד, לייגט ער אוועק די תפילין, „צפן זהב“, ווערט שוין פסולות...

מיינע טהייערע, ליעבע עלטערן! יעצט וועל איך צו אייך עטוואסריידען: פאטער און מוטער! אייך דאנקען דאפיר וואס איהר האט מיט מיר געטאהן ביז היינט איז אונמעגליך! מיין שוואכער יונגער מארך קען ניט ארויסגעבען אזא גרויסען געדאנק. מיין מויל איז ניט אימשטאנדע, אייך עלטערן, צו דאנקען! איבערהויפט פאר די צרות און ליידען וואס איהר האט געהאט פון מיר ביז היינט. אזוי פיעל פארשטעה איך! אזוי פיעל פארשטעה איך דאס איך בין ניט גע־בארען אט אזוי גרויס ווי איך בין יעצט. איך ווייס גאנץ גוט, ליעבע מוטער, וויפיעל יסורים דו האסט געהאט פון מיר, פון געבארען מעהר

ניט ביז דעם ערשטען צייהנדעלע מיינעם. יעצט טאַ וויפיעל ביז היינטיגען טאָג.... איך קען אייך ביידען ניט באַדאַנקען פאַר דער אידישער ערציהונג וואָס איהר האָט מיר איבערגעגעבען אין דעם יודענטהום וויפיעל נאָר איך האָב געקענט מקבל זיין, עס איז אונ־מעגליך, מיין פאָטער און מוטער, אייך צו דאַנקען.

נאָר איך דענק אַז פון די אַלע דאַנקזאַגונגען וואָס איך וואָלט געדאַרפט אייך דאַנקען, און איך קען ניט, וועל איך אייך מיט איין איין דאַנק דאָך קענען באַדאַנקען, און איך האָף אַז איהר וועט פון דעם איין דאַנק אויך פיעל צופריעדען זיין.

(אויפהויבענדיג די רעכטע האַנד)

איך שווער אייך צו, מיינע עלטערן, אַז די לעהרע וואָס איהר האָט מיר ביז יעצט געלערנט וועל איך האַלטען טהייער, עס וועט זיין ביי מיר טהייער די תפילין, אפילו ח"ו עס זאָל מיר קאָסטען טהייער, מקיים זיין, במי שמשחיר עצמו עליה, עס וועט ביי מיר זיין טהייער דער הייליגער געטליכער רוהע־טאָג נאָר אום שבת, און איך וועל היטען ווי איהר האָט מיר געלערנט אַלעס וואָס איך וויים מקיים צו זיין, עס זאָל הייסען, אַז איהר האָט אַ קינד „בעולם הזה" און נאָך אייערע הונדערט און צוואַנציג יאָהר, אַ קינד וואָס איהר זאָלט ניט פאַר־שעהמט ווערען „בעולם הבא". — דאָס איז אייער דאַנק. איך וועל בעטען ביי גאָט, אַז איהר זאָלט האָבען פון מיר און פון אַלע אייערע קינדער, נחת, אמן.

# לבר מצוה

„והיה לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך למען תהיה תורת ד' בפיך כי ביד חזקה הוציאך ד' ממצרים".

ליעבער קינד! היינט האָט מען דיר געגעבען אַ נייעם נאָמען, „בר־מצוה". ווייסטו, מיין קינד, די באַדייטונג פון דעם נייעם נאָמען? איך וועל דיר דערצעהלען זיין באַדייטונג, זיינע שולדען, און דער גליק פון מענשען, וועלכער וויים ריכטיג די באַדייטונג פון די צוויי ווערטער „בר מצוה".

דו ביזט מחויב, ווי אַלע אידען פון היינט אָן אין אַלע מצות פון דער תורה. פון היינט געהסטו אַרויס פון נאָמען קינד, מיט אַלע

קינדערשע שפּיעלזאכען, און דו ביסט א מאן ווי אלע גרויסע, צו היטען, צו טאהן אלע מצות פון אונזער תורה, ווערסט גערעכענט צו מנין, צום מזומן....

ווען איינער געהט אוועק אין סטריט און ער האט מורא פיעלייכט קען ער פארגעסען איינע פון זיינע ביזנעס, מאכט ער זיך א סימן, א קניפּעל אויף דער הענקטשע, אום צוליעב דעם זאל ער זיך דער־מאהנען וואס ער האט צו טהאן.

מיין טהייערער קינד אויך די תורה האט אונז געהייסען מאכען א סימן, א קניפּעל, אום דאמיט צו דערמאהנען זיך די הייליגע פפליכטען וואס פון בר מצוה אן ליגען זיי אויף דעם מענשען, ווייל דער מענש איז דאך נאך יונג, האט די תורה פארזאגט, „והי׳ לך לאות על ידך ולזכרון בין עיניך למען תהי׳ תורת ד׳ בפיך" וגו׳ דאס איז די באדייטונג, אנקניפּען תפילין אויפ׳ן קאפּ, תפילין אויפ׳ן ארעם, אלס צייכען אז ער זאל ניט פארגעסען אפילו אויף איין רגע, און ווי איך וועל דיר גלייך ווייטער ערקלעהרען.

אויפ׳ן קאפּ ווארום? ווייל דער קאפּ איז דער ארט פון טראכטען, די האנד איז די פעולה דער תכלית, פון טראכטען, וואס די האנד דארף ערפילען וואס דער קאפּ טראכט, דאס הייסט מעהר דייטליך, אז דער איד מוז אימער טראכטען גוטעס צו טאהן און די האנד דארף דאס גוטעס טאהן.

דער של יד איז איין בית, און האט קיין וועגטעלעך, רום, פאר יעדע פרשה באזונדער, נאר ער איז אין איין בית די פרשיות. דא־נעגען דער של ראש האט פיער וועגטעלאך. יעדע פרשה איז אן אנדער רומקעלע. וואס באדייטעט עס? דאס באווייזט, כאטש די געדאנקען פון יעדען מענשען פון יעדען ראש, קאפּ, קענען זיין פארשיעדען, אבער אז עס קומט צו מצות ד׳, דארף די האנד טאהן אזוי ווי אלע טהוען, מצות מעשיות. דער עלטערער מענש האט אנדערע געדאנקען ווי דער יונגער, דאך צו טהאן מצות של יד, ד"ה מיטן יד, זיינען אלע גלייך... און אלע דארפען מקיים זיין.

די פיער פרשיות זיינען נעמליך: „שמע", „והיה אם שמוע", „קדש", „והי׳ כי יביאך". יעדער פרשה באווייזט אונז וויכטיגע און הויכע אידעאלען. יעדער אומה פון די פארצייטיגע האט געזאגט דאס יעדער פאלק האט אן אנדער גאט. דער איד אבער האט אימער גע־פּראקלאמירט אחדות הבורא, ד׳ אלקינו ד׳ אחד, איין גאט אויף דער גאנצער וועלט און ביסלעכווייז האט אונזער אומה הישראלית

געלונגען אויפצואווייזען דיעזע נאַציאָנען די זעלבע פּראָקלאַמאַציע, און איבער אַ האַלבע וועלט גלויבט אין אחדות הבורא...

די צווייטע פּרשה „והי' אם שמוע תשמעו ונתתי מטר ארצכם, וגו', אָבער אַז ועבדתם אלהים אחרים וגו' דאַמאָלס ועצר את השמים", דאָס לערנט אונז, ליעב קינד, ווי גליקליך איז דער מענש, וואָס פאָלגט נאָך די געזעצען פון דער תורה הקדושה, דאָס נאַטור פון דער וועלט איז פאַר איהם גינסטיג און זי טהוט איהם גוטעס. ווען דו ווערסט אָבער נאָכ־פאָלגען געצענדיענסט, אָבער צופיעל דעם „אלהי הזהב", דעם דאָלער, דאַן וועסטו ניט קענען, מענש, עקזיסטירען, די נאַטור וועט דיר ניט געבען, וואָס זי דאַרף דיר געבען, די הימלען וועלען פארהאַלטען דעם רעגען ...

ווייטער איז געשריבען „ושמתם את דברי אלה על לבבכם וגו' למען ירבו ימיכם וימי בניכם" וגו', צו ווייזען דאָס אונזער תורה הקדושה איז אַ טהייערער לעבעדיגער מעדיצין, אַז די וואָס היטען איהר אָפּ, די לעבען דעם אייביגען לעבען, ער וועט קיינמאָל אָפּשטאַרבען פון דער היסטאָריע, ער וועט לעבען אייביג.

די דריטע פּרשה „קדש לי כל בכור" וגו', לערענט אונז די תורה, דאָס דער מענש מוז וויסען אַז די ערשטע, דאָס איז די ערשטע צייט פון טאָג געהערט צו גאָט, דאַווענען, תפילין לייגען, די ערשטע צייט פון דעם אַנדער האַלבען טאָג — דאַווענען מנחה, די ערשטע צייט פון דער נאַכט — מוזטו דאַווענען מעריב, די ערשטע בעפאָר דעם עסען — מוזטו מאַכען אַ ברכה, און ווען ניט הייסט עס אַז דו ביזט גערופען כאלו גוזל המקום.

די פיערטע פּרשה „והי' כי יביאך" וגו' לערנט דיר, מיין קינד, און דעם גאַנצען כלל ישראל, צו גלובען אין די רייד פון אונזערע נביאים אַזוי ווי אין דער צייט וואָס די אידען זיינען נאָך געווען אין אין מדבר, און זיי דאַרפען נאָך וואַנדערען גאַנצע פערציג יאָהר, האָט ער זיי שוין געלערנט די מצות התלויות בארץ, און ער האָט זיי צו־געזאָגט געבען ארץ ישראל, און ער האָט מקיים געווען זיין צוזאָג.

דאָס זיינען, מיין קינד, די צייכען און סימנים וואָס לערנען אונז די תפילין, וואָס דו האָסט אָנגעטאָהן זיך צו דיין ווערען דרייצעהן יאָהר, און ביז דיין גרויסען עלטער זאָלסטו דעם ציערונג האַלטען אויף זיך, אמן.

# לבר מצוה

„כי תקנה עבד עברי שש שנים יעבוד ובשביעית יצא לחפשי חנם".

ווען דו קויפסט א אידישיען קנעכט, זעקס יאהר זאל ער ארבייטען און דעם זיבעטען יאהר זאל ער ארויסגעהן פריי.

טהייערע ברידער, ווי לאנג נאך וועט זיין אונזער פאלק פארנארט מיט אלע נארישע, דומע מנהגים. א מאל א בר־מצוה, אז עס איז געווען, דער קינד זאלען מיר אננעהמען איז ניט קיין למדן, אבער דאך עברי, חומש, רש"י, טראפ, א ביסעל תנ"ך האט ער יא געלערנט, און געווים פלעגט ער לייגען תפילין. נו, אזא בר־מצוה קען מען זיך אפילו אויך פרעהען. ווער רעדט נאך אז דער קינד האט געקענט זאגען א גוטער חילוק צו זיין בר־מצוה.

אבער יעצטיגע נארישע, דומע מענשען, דער קינד קען קיין קדיש ניט זאגען, מען האט איהם א פאלשע הפטרה אויסגעלערענט, ווייל ער קען דאך די טראפ ניט. אזא סארט אויסלערנען קען מען אבער אויך. הערט א מעשה: גראף טישקעוויץ, גאר דער אלטער, האט געפונען א בערעלע אין וואלד. ער האט איהם געבראכט אין זיין פאלאץ, ער האט דעם בערעלע געוואלט מאכען פאר א לייט, ער זאל קענען טאנצען, און נאך אזעלכע זאכען.

ער האט גלאזט רופען צו זיך זיין שניידער, וועלכער פלעגט פאר איהם אלעם נעהען און דער גראף האט איהם געהאלטען פאר א קלוגען אידען, און האט צו איהם געזאגט: הער זיך איין, מאשקע, איך וויל אז דו זאלסט איהם אויסלערנען שעהנע קונצען, דעם בערעלע.

— גראף, איך וועל איהם לערנען דאווענען, און אין דריי מאנאט צייט וועט דער בערעלע קענען גוט דאווענען.

— נו, מאשקע דו קריגסט פון מיר א הונדערטער אויב דו וועסט איהם אויסלערנען דאווענען.

— זעהר שעהן, פריץ'ל, גיב מיר איהם אין מיין האנד, און ער וועט שוין קענען.

משה, אונזער שניידער, האט דעם בערעלע גענומען צו זיך, און האט איהם אריינגעלאזען אין א צימער, אין וועלכען עס איז מעהר ניט געווען ווי א פאליצע. דארט האט איהם דער שניידער אוועקגעלייגט דעם גרויסען קרבן מנחה, זיין אידענע'ס, און דעם בערעלע

אַ גאַנצען טאָג ניט געגעבען קיין עסען, אויף מאָרגען איז דער משה אַריין אין דעם צימער וואו דער בערעל איז.

דער בערעל האָט איהם נאָר דערזעהן, האָט ער איהם געוואָלט איינשלינגען. ער האָט געכאַפּט אַ שטיקעל ברויט און האָט אַרויפ־געשליידערט אויפ'ן טאָוועל פון סידור, און עס געוויזען דעם בער. דער בער האָט אָנגעהויבען בורטשען און האָט פון סידור אַראָפּגעכאַפּט די ברויט. אויף מאָרגען האָט דער שניידער ווידער אַזוי געמאַכט. עס זיינען אַזוי אַוועק איניגע טעג, אַז דער בער פלעגט נאָר דער־זעהן דעם סידור, פלעגט ער שוין אָנהויבען ברומען און בורטשען. די צווייטע וואָך האָט שוין דער שניידער גענומען די שטיקלעך ברויט און זיי צוטהיילט אין סידור גופא: ביי אדון עולם אַ שטיקעל, ביי ברוך שאמר אַ שטיקעל, ביי יוצר אור אַ שטיקעל, און אַזוי ווייטער. ער האָט דערלאַנגט דעם סידור, ער מישט פאַר איהם, עס קומט צו אדון עולם — אַ שטיקעל ברויט. דער בער ברומט און עסט עס אויף, ביי ברוך שאמר — דאָס גלייכען און זאָ ווייטער, אַט אַזוי האָט ער פאַר איהם געטאַהן איניגע וואָכען. דער בער האָט זיך אַזוי צו־געוואָהנט צום סידור, אַז ער פלעגט איהם דערזעהן אויפ'ן פּאָליצע, פלעגט ער זיך שטעלען אויף די הינטערשטע פיס און מיט די צוויי פאָדערשטע פיס אַראָבנעהמען דעם סידור, לאַנגזאַם, מיט'ן מויל, עס עפענען, און בורטשען זוכענדיג אין איהם ברויט.

צו דער צייט האָט דער שניידער געבראַכט דעם בער צום פּריץ. ווי דער פּריץ האָט איהם דערזעהן, האָט ער איהם געפרעגט: נו, מאָשקע, דו האָסט איהם אויסגעלערנט דאַוונען? יאָ, זאָגט דער שניידער.

דער בער האָט אַ גאַנצען טאָג ניט געגעסען. דער שניידער האָט גענומען דעם סידור און עס אַוועקגעלייגט אויף אַ פּאָליצע. ווי נאָר דער בער האָט דערזעהן דעם סדור האָט ער איהם אַראָפּגעכאַפּט און האָט איהם גענומען בלעטערען און בורטשען, בורטשען און ברומען און בלעטערען.

דעם פּריץ איז געפעלען געוואָרען דער קונץ. אָבער דער פּריץ זאָגט צום שניידער: יאָ, מאָשקע, שעהן איז דאָס, אָבער ער בורצעט דאָך נאָר, איך הער ניט קיין ווערטער?

— פּריץ'ל, זאָגט דער שניידער, דו קום ביי אונז אין שוהל, וועסטו זעהן אַז אַלע איצטיגע וואָס דאַוונען, מענשען, ניט קיין בערען, דאַוונען אויך אַזוי, זיי בורטשען און ווייטער גאָר נישט.

פריינדע, עס איז אויך אָנגעמאָסטען פאַר יעצטיגע בר־מצוה'ס. מען נעהמט אַ קינד, אַ ווילדען בערעלע, וועלכער קען קיין וואָרט ניט זאָגען, און אַז ער דאַווענט שוין יאָ אַביסעל, אַט ער בורטשעט, ניט ער ווייסט וואָס ער בורטשעט, ניט קיינער וויים, נאָר מען קען דאָך ניט מאַכען קיין פּאַרטי, נעהמט מען דעם קינד אין אַ חדר אריין און מען לערענט איהם אויס אַ הפטרה מיט אַ ספּיטש, און ער זעהט דעם רבינס מינע, ווייל דער רבי שטעהט דערביי און ער בורטשעט אַפּ די הפטרה. פרעגט איהם אויב ער ווייסט אפילו איין טראָפּ פון דער הפטרה. אַט ער בורטשעט, אָבער פאַר בורטשען האָט דער מלמד געקראָגען וואָס צו עסען. דער בערעלע אַליין, מיט דעם טאַטען, דעם גרויסען בער, און די בעריכע, מיט נאָך אַ סך בערעלעך, קומען זיך צוזאַמען זעהן די קונסט פון דעם בערעלע, ווי דער שניידער משה מלמד האָט אויסגעלערענט אַ בערעלע אַ הפטרה'לע. מען קומט אין שוהל, מען ברייננגט אום שבת צו באַשיטען דעם בערעלע מיט קענדיעס, ניסעלעך, פאַר בורטשען....

ווי לאַנג נאָך וועט איהר אַזוי דום זיין. יאָ, עס איז אַ גרויסע שמחה, אַ בר־מצוה פּאַרטי, אָבער אַז דער בערעלע זאָל קענען דאַווגען ניט ווי ער קען יעצט.

מישטיינס געזאָגט, פון וואַנען זאָל ער קענען? אַז צו זיעבען יאָהר דערמאָהנט זיך דער טאַטע איהם אַוועקצוגעבען אין חדר. מילא, אַ חדר מיט זעכציג קינדער, אין גאַנצען אַ פּאָאר שטונדע, ווי לאַנג געהט ער אין חדר, זעקס יאָהר, מיט די פריהערדיגע זיעבען יאָהר ווערט ער דרייצעהן יאָהר אַלט, און מיט די דרייצעהן יאָהר סטאָפּט מען שוין פון חדר, ווייל ער איז דאָך שוין בר־מצוה....

אי, שרעקליך, טאַטע, מיט דיין בערעלע. „כי תקנה", אַז דו וועסט וועלען קויפען „עבד עברי, אַ אידישען קנעכט, אַ קינד ער זאָל זיין אַ עבד ד', גאָטעס קנעכט, ווי טהוט איהר יעצט? הויבט איהר אָן צו זיעבען יאָהר, און „שש שנים יעבוד", און זעקס יאָהר געהט ער נאָך איבער געוואָלד אין חדר, ובשביעית, די זיבעטע יאָהר, ווערט ער דאָך בר־מצוה, „יצא לחפשי", געהט ער שוין ארוים פריי, „חנם", אומזיסט, „חנם בלא מצות" זאָגען די חז"ל אויף אַן אַנדער „חנם" פון „בהעלותך", חנם אָהן תפילין, אָהן ציצית. אויף אַזאַ טאַטען געהט דער צווייטער פסוק „אם בגפו יבא", אַזוי ווי ער איז געקומען אויף דער וועלט אָהן קינדער, נור אַליין, אַזוי „בגפו יצא", אַזוי וועט ער ארויסגעהן אַליין, אָהן קינדער...

פריינדע, וואָרפט אַוועק די נאַרישקייטען. זעהט אַז אייער קינד זאָל עטוואָס טאַקע קענען ביז בר מצוה. און אַז מעגליך, לאָזט איהם נאָך ווייטער געהן אין חדר אַ פּאָאר יאָהר. און אַז איהר פרעהט זיך, זאָל די פרייד זיין אַן אמת'ע אַ ריכטיגע.

---

# לחנוך הבנים

פסחים, קי"ז.

ואעשך לגוי גדול זהו שאומרים אלהי אברהם, וכו', יכול יהא חותמין בכולם וכו'.

אַברהם איז אַלט געווען דריי יאָהר, האָט ער דערקענט דעם בורא עולם; אַברהם מיט זיין שאַרפען, פילאָזאָפישען קאָפּ האָט פון דער בריאה און די צבא השמים אנערקענט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט; אַ מנהיג, אַ משגיח על כל פרט ופרט; אַברהם האָט איבערגעגעבען זיין זוהן יצחק, און יצחק צו יעקב. „ודע את אלקי אביך" — ווייס מיט דיין שכל דעם גאָט פון דיינע עלטערען. חוץ וואָס מען דאַרף דיענען השי"ת „מקבלת אָבות", ווי די עלטערען האָבען איינגעלערענט, דאַרף מען שטודירען די גאָטהייט; מען דאַרף מיט שכל דיענען השי"ת און מיט'ן שכל זעהן אַז אין כאלקינו, אין כאדוננו, אין כמלכנו, נאָר מיט'ן שכל אליין אָהן קבלת אבות, ניט פאָלגען וואָס די עלטערען גיבען איבער, ניט פאָלגען ח"ו וואָס די תורה הייסט און ווי די עלטערען לערנען פון דער תורה, נאָר פילאָזאָפירען און לערנען, ודע את אלקי אביך, אָהן אמונה, אָהן יראה — דער איז קיין איד ניט. פון אַברהם'ען קלעהרען מיר ניט. ער האָט ניט געקענט פאָלגען וואָס זיין טאַטע האָט איהם געלערענט, ער האָט ניט געקענט גלויבען אין די געטער פון זיין טאַטען, גלויבען, אַז נמרוד איז אַ גאָט, האָט ער אנערקענט גאָטהייט מיט זיין שכל. וואָס פאַר אַ שכל! זיינע געדאַנקען האָבען געקוואָלען מיט פילאָזאָפיע אין אלקות, אַזוי ווי די קוואַלען וואַסער.

אָבער אברהם האָט געלערענט זיין זוהן גאָטהייט און וואָס גאָט פאַרלאַנגט פון מענשען, און אַז דער זוהן זיינער האָט שוין געהאַט יראה און חכמה, דאַן האָט אַברהם איהם געהייסען מקיים זיין „ודע את אלהי אביך", אַז דאָס קינד איז שוין איינגעפלאַנצט אין אמונה, דאַן קען מען איהם לערנען... דאַרום זאָגען מיר „אין כאלקינו", עס

איז ניטא ווי אונזער גאָט; „אין כאדוננו", „אין כמלכנו". נאָכדעם זאָגט מען „מי כאלקינו, מי כאדוננו, מי כמלכנו", ווער איז ווי אונזער גאָט, ווער איז ווי אונזער האר, ווער איז ווי אונזער קעניג. געוויס האָט דער אַנדער פּסוק געדאַרפט זיין דער ערשטער און דער ערשטער דער אַנדערער. בעסער האָט מען געדאַרפט זאָגען, ווייל דאָס געהט ווי אַ פראַגע מיט אַן ענטפער, האָט אַזוי געדאַרפט זיין: „מי כאלקינו, מי כאדוננו, מי כמלכנו, מי כמושיענו" — ווער איז ווי אונזער גאָט, ווער איז ווי אונזער האר, ווער איז ווי אונזער קעניג? א. ז. וו. — נאָכהער האָט מען געדאַרפט ענטפערען: „אין כאלהינו, אין כאדוננו" וגו׳! אַבער אַז ער זאָגט צום ערשטען „אין כאלקינו" — ניטאָ ווי אונזער גאָט, און עס בלייבט אַז עס איז ניטאָ... טאָ וואָס זאָגט ער נאָכדעם „מי כאלקינו", אַז עס איז ניטאָ אַזאַ ווי גאָט, טאָ וואָס פרעגט ער „מי כאלקינו" וגו׳?

דער איינציגער און אמת׳ער תירוץ איז, אַז בעפאָר דאַרף מען לערנען דאָס קינד, אַז „אין כאלקינו, אין כאדוננו, אין כמלכנו, אין כמושיענו", און אַז דאָס קינד וואַקסט איין מיט דער אמונה פון מסורת אבות, און ער איז אַ איד, דאַן קען ער נעהמען קלעהרען: „מי כאלקינו, מי כאדוננו"... וואָרים עס וועט איהם שוין ניט שאַדען, ער וועט דאַן אויך מקיים זיין „נודה לאלקינו, נודה למלכנו, נודה למושיענו". אַבער אין אַמעריקא לערענט מען דאָס קינד גאָר ניט, און די וואָס לערנען, איז אויך ניט געלערענט, און ער ווייסט גאָר ניט פון גלויבען אין גאָט. נאָכהער, ווען ער וואַקסט אויס, וויל ער פילאָזאָפירען אָהן אמונה, „מי כאלקינו", איידער ער איבערצייגט זיך אַז „אין כאלקינו", בלייבט ער קיין איד ניט, עפּעס אַ מין פאַרשאָלטענע בריאה: ניט קיין איד, ניט קיין קריסט, ניט קיין טערק — אָהן גאָט, אָהן תורה, אָהן אמונה...

אַברהם מיין טהייערער, דו האָסט אַזוי געמוזט טהאָן. און דיין פילאָזאָפיע האָט דיר באַלד ענדעקט, אַז עס איז דאָ „מי בעל הבורא" און דו האָסט איהם געפונען. דו קריגסט קרעדיט, מיין טהייערער. מען וועט זאָגען „אלקי אברהם". אַבער, מיין טהייערער, ביי דיינע קינדער וויל איך האָבען זאָל זיין אלקי יצחק, און ווי איז יצחק — דאָך בעפאָר קבלת ומסורת אבות, און נאָכהער „ודע", אויף דעם, אַז דו וועסט איינפלאַנצען אַזוי דיינע קינדער וועל איך דיר זאָגען, אַז איך וועל געבען יצחק׳ן קרעדיט, און דאָס איז דיין קרעדיט, דו וועסט האָבען נחת דערפון, וואָס דו וועסט זוכה זיין צו הערען און אַז מען

וועט זאָגען „אלקי יצחק“ און יצחק וועט אזוי טהאָן צו יעקב, און דאָרום וועט מען אויך זאָגען אלקי יעקב...

אַבער, אַברהם, מיין טייערער ליעבלינג! עס העלפט ניט, איך מוז דיר אָנזאָגען ניט קיין איבעריג גרויסאַרטיגע בשורה, אַז עס וועט זיין בעקבתא דמשיחה אַזאַ דור, וואָס וועט ניט אָננעהמען די מסורת אָבות, און פיעלע אָבות וועלען גאָר ניט איבערענטפערען צו זיי די תורה און אמונה, וועלען זיי נאָכהער אָננעהמען דיין פילאָזאָפיע, „ודע את אלקי“, פאַרשטעהסטו, אָהן תורה, אָהן יראה, אָהן חכמה, אָהן אמונה און זיי וועלען זיך מאַכען פאַר פילאָזאָפען און מיט שכל דיענען גאָט, אַז אַך און וועה צו זייער אידישקייט!

„יכול יהא חותמין בכולם: מגן אברהם, יצחק ויעקב“, דאָס הייסט, קבלה פון עלטערען, פריהער אמונה, און אויך בלייבען בך חותמין, זיי וועלען ווערען פילאָזאָפען, אָהן תורה, אָהן אמונה, אפילו קיין מענ־שען זיינען זיי אויך ניט.

# לחנוך הבנים

סוכה, כ"ח.

„בשביל ג' דברים מאורות לוקין, על כותבי פלסתר, ועל גדלי בהמה דקה, ועל קוצצי אילנות טובות, ועל מעידי עדות שקר“.

ווייל דעם מאמר האָב איך געשריבען, און אַ סך מאָל גערעדט אויף דעם פּלאַטפאָרם, דאָרום וויל איך דאָ קיין סך ניט מאריך זיין, און קורץ מאַכען דעם גאַנצען ענין. מיר האָבען אַזעלכע מענשען ביי אונז אידען, וועלכע שטעלען אונז צום שאַנד־קלאָץ, זיי רואינירען דעם גאַנצען יודענטום, איבערהויפּט די רעפאָרם, איבערהויפּט די רע— בנים זייערע, די אונטערלעקער צום קריסטענטום, וואָס זיי שרייבען אין די צייטונגען וועגען דעם אידען אין כלל און וועגען דעם אָרטאָ־דאָקסישען יודענטום אין פּרט. אַלע בלבולים, אַלע שמוץ וואַרפען זיי אויף דעם אידען, „ימח שמם וזכרם“ — קיין אַנטיסעמיטען וואָלטען זיך ניט ערלויבען צו רעדען און שרייבען, וואָס זיי רעדען און שרייבען.

איינע פון די זאַכען וואָס מאַכען פינסטער אונזערע אויגען, — „מאורות לוקין“, איז צוליעב די כתבי פלסתר וואָס מיר האָבען אַלע

מאָל, אין אַלע צייטען, פון אַמאָל און היינט, „בשביל ד׳ דברים מאורות לוקין״, „על כותבי פּלסתר״.

דאָס פאָלק ישראל קען דאן עקזיסטירען, ווען די יוגענד ווערט ערצויגען על דרך היהדות, אָבער אַז דער אַלטער טאַטע שטאַרבט אָפּ, דער טאַטע פון תפילין און ציצית, דער טאַטע דער שומר שבת כדת, דער טאַטע פון פּרק משניות, דער טאַטע פון בלאַט גמרא, דער טאַטע דער פרומער, דער חסיד, דער עהרליכער איד, און מיט איהם לעגט מען מיט די תפילין, די ציצית, דעם שבת, דעם משניות, די גמרא, די פרומקייט, אין קבר ווערט ער פאַרשאַטען מיט איהם צוזאַמען. אין הויז ביי די קינדער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט גאָרניט און די עלטערען האָבען אָט דעם חשבון ניט געהאַט, אָט דעם חשבון וואָס איך וויל אייך דאָ מאַכען. הערט דעם חשבון, נאָר איך וועל ביי אייך אַליין פרעגען און איהר וועט מיר די ציפערען צוזאַמען שטעלען, און איך מיט אייך וועלען אויפרעכענען און די אונטערשטע שורה וועלען מיר צוזאַמען שטעלען, און איהר וועט זעהן וואָס דאָס באַדייטעט.

קומט מיט מיר אריין אין אַ שאָפּ און מיר וועלען אָפּשטעלען אַן ארבייטער, זאָלען מיר איהם אָנרופען דזשייק, הער דזשייקעלע, וואָס איך וויל ביי דיר פרעגען, וואָרום שטעהסטו דאָ און דו מאַטערסט זיך אין דער אַרבייט אַזוי שווער, צו וואָס איז דאָס? זעהר אַ שעהנע פראַגע האָט איהר מיר געפרעגט. איך אַרבייט כדי איך זאָל האָבען וואָס צו עסען. אויף מאָרגען געהען מיר ביידע אריין צו איהם אין הויז און מיר געפינען איהם, ווי ער זיצט ביים עסען. וואָרום עסט איהר? איך עס כדי צו קענען אַרבייטען. אָט אַזוי האָבען מיר איהם איבערגעפרעגט אויף אַלע זאַכען, איז עס אויסגעקומען אַהין און צוריק: עסען — אַרבייטען, אַרבייטען — עסען; שלאָפען, זיך אויסרוהען — כדי צו קענען אַרבייטען; אַרבייטען — כדי צו האָבען געלד צו צאָהלען רענט, צו האָבען וואו צו שלאָפען און אַזוי ווייטער. פרעגען מיר איהם: און וואָס הערט זיך מיט גייסטיגע זאַכען? עסען צו קענען דיענען גאָט, אַרבייטען — צו האָבען געלט אויף קינדער צו ערציהען אין אידישען וועג? — ניין, מיינע פריינד, איך האָלט ניט דערפון, איך האָלט נאָר פון אַרבייטען אויף עסען, עסען אויף צו אַרבייטען. פרעגען מיר איהם: איז דאָס דער עסען דיין גאַנצער תכלית? יאָ, ענטפערט ער. אויב אַזוי, אַז עסען איז דער תכלית, וועל איך דיר ווייזען אַ גרעסערען בעל תכלית פון דיר, און דאָס איז דער פערד. ער קען עסען הונדערט מאָל מעהר פאַר דיר, דער אָקס

אויך דאָס זעלבע. ער עסט כדי צו אַרבייטען און נאָך דער אַרבייט עסט ער ווייטער.

יאָ, איך וועל אייך זאָגען — זאָגט ער צו אונז. — דער גרעסטער פאַרגעניגען מיינער איז, אַז איך עס אָפּ און איך פאַרברענג מיט מיין פרוי און קינדער און איך געה שלאָפען נאָכדעם אַ מיעדער, אַ פאַר־מאַטערטער און איך שטעה אויף פריש און מונטער. אויב אַזוי, מיין טייערער, זאָגען מיר איהם, איז דאָס אויך ניט קיין תכלית. יאָ, מען מוז האָבען דעם שלאָף פאַר דעם מענשען, פאַר זיין געזונד, אָבער ניט דאָס איז דער תכלית. אויב דאָס איז דער תכלית, איז פאַראַן אַ גרעסערער שלאָפער פאַר אייך, דאָס איז דער בער, וואָס שלאָפט אָפּ מאָנאַטען לאַנג. און אויב דער מענש איז אַזוי: נאָר עסען — אַר־בייטען, און אַרבייטען — עסען, איז ער ניט בעסער פאַר דער בהמה. די בהמה איז נאָך גרעסער פאַר איהם, און איהר ווערט גערופען בהמה, אַט האָט איהר די אונטערשטע שורה פון דער רעכענונג.

אַלזאָ, יעצט ווי הייסט עס, אַז אַ מענש אַ גרויסער איז אַזוי, ווערט ער גערופען בהמה גסה, אַז מען האָדעוועט די קינדער אַזוי, טאָ ווי רופט מען זיי — „בהמה דקה", און דאָס מיינען די חכמים, אַז די „מאורות לוקין" פון אונזער פאָלק, ווערט די אויגען פינסטער. „ועל מגדלי בהמה דקה" — קען דאָס פאָלק קיין עקזיסטענץ ניט האָבען, מיינע טייערע — ווען די קינדער ווערען ניט ערצויגען על פי דת היהדות, נאָר מען ענטוויקעלט אין זיי דעם קערפּער, אָבער אין גייסט בלייבט דאָס בהמה, אָהן אַ גייסט, אָהן אַ העכערען תכלית. נאָך אַמאָל „ועל מגדלי בהמה דקה" ווערט פינסטער און פאַרמאַכט די פענסטער פונים „בית ישראל".

פיעלע האָבען גוטע קינדער און זיי גיבען לערנען די קינדער אין אַ ישיבה, און דאָס קינד לערענט זעהר גוטע, און ווי ער קומט צו זיינע אומגליקליכע דרייצעהן יאָהר, איך זאָג די אומגליקליכע — וויל דער נומער 13 אין אמעריקאַ, זאָגען די אמעריקאַנער איז ניט קיין מזלדיגער נומער. איך האָב עס אפילו ניט געגלויבט, טאַקע קיין מאָל ניט געגלויבט, אָבער אמעריקאַ האָט מיר געגעבען איינצושטימען מיט זיי, צו גלויבען, אַז נומער דרייצעהן איז טאַקע ניט מזלדיג, וויל מיר זעהען, אַז אמעריקאַנער קינדער, ביז דרייצעהן לערנען זיי און אַ פּאָר מאָנאַט בעפאָר דרייצעהן לעגען זיי תפילין און גלייך נאָך דריי־צעהן נעהמט צו דער טאַטע דעם קינד פון חדר אָדער ישיבה און דאָס קינד הערט אויף צו לעגען תפילין.

טאטע, דו ווייסט אז דער מענש איז געגליכען צו א בוים. אזוי ווי די תורה זאגט: „כי האדם עץ השדה", ווערט דאס קינד גערופען א קליין בוימעלע, א וואוילער בוימעלע, און איהר טאטעס האקט אונ־טער דאס בוימעלע פון דרייצעהן יאהר און ער ווערט א שטעכעדיג בוים, נאר א קריסטמעס בוים... „בשביל ד׳ דברים מאורות לוקין", צוליעב פיער זאכען ווערט פינסטער, פארשטאפט די פענסטער פון בית ישראל, איינע פון די פיער איז — ועל קוצצי אילנות טובות, ודו"ק.

# לחנוך הבנים

סוכה, נ"ג.

„אם אני כאן הכל כאן ואם אין אני כאן מי כאן?"

איך וועל איבערפרעגען די זעלבע פראגע וואס איך האב שוין געפרעגט: איז דען דאס די עניוות פון דעם עניו דעם גרעסטען אין זיין צייט, ווי די גמרא דערצעהלט פון זיין עניוות אין מס׳ שבת (ל"ב)? נאך א פראגע ווען מיר פרעגען, וואס דער פייטן האט געשריבען, „אברהם שמח בשמחת תורה, „יצחק שמח בשמחת תורה", „יעקב שמח בשמחת תורה". פון וואנען האט דער פייטן געוואוסט, אז אברהם האט זיך געפרעהט מיט שמחת תורה? עס ווייזט אויס, אז די אבות האבען שוין געהאט די תורה און מען האט געלייענט אלע שבת אין דער תורה און ווען עס איז געקומען די צייט, ווען מען האט געענדיגט די תורה, און דאס איז שמחת תורה, דער נייַנטער טאג יום טוב, האבען זיי זיך משמח געווען, ווי מיר יעצט. ווער האט דאס דעם פייטן געזאגט, און אויב ער האט דאס אליין געוואוסט, טא טאקי פון וואנען האט ער עס געוואוסט? טאקע פון וואנען?

מיט א גאנץ קורצען משל וועל איך דא דערקלעהרען, אז עס וועט זיין גוט און שארף, אין א שטיק מוסר, א לעבעדיגען קורצען בילד... א פאטער, א גביר, א גרויסער סוחר, וואס פארמאגט און פיהרט א גרויסען געשעפט, זיין איינציגען זוהן גיט ער לערנען, און אז דער פאטער זעהט אז ער ווערט שוואכער אין געזונד, שוואך און שוואך, אלט — רופט ער אריין זיין זוהן און זאגט איהם: מיין טייערער קינד, לערנען האב איך דיר געגעבען און מיין וואונש איז, אז דו זאלסט ניט אוועקווארפען דאס לערנען, אבער דאך וואלט איך

נערן זיין, אז דו זאלסט אויך שטעהן עטליכע שטונדען א טאג אין סטאר, צייטען וואס איך פיהל זיך שוואך, און איך וויל זיך צולעגען אפרוהען. מיין טייער קינד, אט די צייט זאלסטו זיך געפינען אין געשעפט, און אויך אנדערע טעג, ווען איך קען אין גאנצען ניט זיין אין געשעפט זאלסטו זיין מיין ממלא מקום.

און אז דער זוהן שטעהט אין זיין פאטערס געשעפט, הייסט עס ניט, אז דער פאטער האט שוין אויפגעגעבען דעם געשעפט, אדער ער האט שוין אוועקגעגעבען דעם זוהן זיין געשעפט. ניין, ניין! דער געשעפט געהערט נאך צום אלטען פאטער, נאר אזוי ווי ער איז שוין שוואך, אלט, אדער ער לעגט זיך צו שלאפען, פיהרט דער זוהן אוים די ארבייט פאר זיין פאטער, אבער דער געשעפטסמאן איז דער פאטער, אבער אז דער פאטער שטארבט, דאן געהט דער גע־שעפט איבער צום זוהן...

מיר אידען אין כלל און יעדער איד אין פרט האבען ערהאלטען די תורה. די וועלכע מאכען אלע טאג א ברכה אשר קדשנו וגו׳ לעסוק בדברי תורה, דאס איז אונזער עסק, דאס איז אונזער געשעפט — די תורה איז ביי אונז און דארף זיין ביי יעדען איינעם, וואו ער געהט און וואו ער שטעהט: אין שוהל, אין הויז, אין געשעפט, אין שאפ, אין פעקטארו, אין גאס, אין יעדען חדר פון אונזער הויז, מיט זיך, אויף זיך, צוזאמען מיט אונז. אפילו אז מיר עסען און מיר געהען שלאפען, איז אלעס מיט דער תורה; אין לעבען און ביי דעם טויט, אין פייער, אין וואסער, אין ארימקייט און אין רייכקייט, אין שלוה און אין גלות, ביי נאכט און ביי טאג — דאס איז אונזער עסק; מיר גיבען איהר איבער פון דור צו דור, די אלטע צו די יונגע... מיין יונגער קינד, דו דארפסט איצט היטען די ביזנעס, דעם „לעסוק" בדברי תורה. איך בין אלט און שוואך, איך דארף זיך לעגען שלאפען אויף א קורצער צייט, ביז „תחית המתים" — דו פיהר דעם געשעפט, מיין טייער קינד, מיין זעלטען קינד, און דאן הייסט עס, אז דו באשעפטיגסט זיך מיט מיין געשעפט. איך שלאף, דאס געשעפט איז מיינס, „וישכב דוד עם אבותיו", „שהניח בן כמותו", אבער אז דער טאטע גיט ניט איבער זיין קינד די תורה, דעם טאטענס ביזנעס איז געווען באלד אין דער פריה צו דאוונען, דער קינדס ביזנעס איז נאר אן אנדערע, ער קומט גאר ניט אריין אין דעם טאטענס געשעפט, דאן הייסט עס, אז דער געשעפט איז אונטערגעגאנגען און דער טאטע איז געשטארבען...

„אברהם, יצחק ויעקב", די ערפינדער פונ'ם אמת ריכטיגען גלוי־בען. זיי האבען שוין מיט זייער שכל מקיים געווען די גאנצע תורה, און אזוי האבען זיי איבערגעגעבען צו זייערע קינדער, ביז מתן תורה און אזוי נאך ווייטער און ווייטער, ביז דער יעצטיגער צייט. אברהם האט אונז איבערגעגעבען זיין געשעפט. אברהם שלאפט, אבער אז מיר האבען זיך געפרעהט מיט זיין תורה, איז דאס אברהמ'ס געשעפט נאך, נאר זיין קינד פיהרט עס. טא ווער איז דער געשעפטסמאן? אברהם יצחק ויעקב. אברהם שמח בשמחת תורה.

דאס זאגט הלל הנשיא ביי דאס פרייען זיך מיט דער תורה: „אם אני כאן", אויב איך בין געקומען אהער זיך משמח זיין מיט דער תורה, פיהרען מיר דאס געשעפט פון אונזער פאטער ,און אזוי ווייטער, ביז אונזער ערשטען פאטער אברהם, איז אברהם שמח בשמחת תורה — אז איך בין דא פאראן, זיינען אלע נאך פאראן, ביז אברהם אבינו ,איז הכל כאן, ודו"ק.

אבער „ואם אין אני כאן", אז איך זאל שוין ח"ו, לא יעלה ולא יבוא, ניט מעהר פרעהען זיך מיט דער תורה, זיינען זיי שוין געשטאר־בענע, „מי כאן?" — ווער איז דא פאראן? ניט איך, ווייל איך האב אויפגעהערט האבען אלע אויפגעהערט צו עקזיסטירען, אבער „ואם אני כאן, הכל כאן". ודו"ק.

---

# לחנוך הבנים

(ברכות ג', ע"א).

„דתניא ר' אליעזר אומר שלש משמרות הוי הלילה, וכו', וסימן לדבר משמרה ראשונה חמור נוער, שניה כלבים צועקים, שלישית תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה וכו'. למאי נפקא מינה? למקרי ק"ש למאן דגגי בבית אופל".

ביי דעם ערשטען מאמר וואס איך פאנג אן בעזהי"ת צו שרייבען אויף איהם א באור, וועל איך לאזען וויסען צו אלע די, וואס נוצען מיינע ספרים, אז קיינע קשיות וועל איך ניט פרעגען. יעדער זעהט און פארשטעהט, אז דער מאמר, אדער אלע מאמרי אגדתא — קענען ניט געלערענט ווערען אזוי ווי דער מאמר איז געזאגט געווארען, עס מוז זיין אן אנדער מיינונג פארוויקעלט. קיין מאמר אגדה איז ניט צו דענקען, אז עס איז די מיינונג ווי עס איז ארויסגעזאגט געווארען

פונם תנא אָדער אמורא, אַט אומגעפּעהר דער אויבענגעבראַכטער מאמר.

צוליעב דריי אורזאַכען זיינען מיר אין פינסטערען גלות און מיר זיינען צוזייעט און צושפּרייט איבער דער גאַנצענער וועלט, וואו עס איז אונז פינסטער חושך מצרים, און אונזער בלוט גיסט זיך אריין אין אַלע ימים, און וואו עס דוכט זיך אונז אויס אַז עס איז טאָג, אַביסעלע ליכטיג, איז דאָס נאָר אויף אַ קורצער צייט.

צוליעב די דריי סאָרטען זינדיגע וואָס געפינען זיך צווישען אונז אין יעדער צייט, אין יעדען דור, אין יעדעס לאַנד און אין יעדע שטאָדט איז אין דריי משמרות צוטהיילט אונזער פינסטערע נאַכט, וואָס די „שכינה" טרויערט אויף אונז, אַז עס איז אונמעגליך אונז צו העלפען. איין סימן גיט איבער רבי אליעזר, פון אַ סאָרט „חברה", די וועלכע זיינען שלעכט און זיינען מעכב די גאולה, די וועלכע זינדיגען מחמת זייער „תאוה" — דער קערפּער, דער חמור זייערער איז נאָר נאָכצוגעבען זייער „תאוה", געהען זיי אַרום און הירזשען ווי דער חמור, אַהן רעכענונג, טאָג און נאַכט נאָר אין תאוות העולם הזה פאַרזונקען; פאַרדינט ער אַ פּאָר דאָלאַר — קומט דער זונטאָג, גענומען עטליכע מיידלאַך און געפּאָהרען אין די פרעהליכע פּלעצער, ניט אַכטענדיג אויף שפּעטער, ניט אַכטענדיג אויף זייערע כחות, ניט אַכטענדיג וואָס דאָס ברענגט זיי עובר צו זיין אויף כל התורה, אפילו אויף מצוות שכליות, אַזוי ווי „כבד את אביך ואת אמך".

און אַזעלכע זיינען פאַראַן אַ סך, גאָר אַ סך — איבערהויפּט בזמן הזה, און אַט די חברה פאַרשוואַרצען אונז די אויגען צווישען אַלע אונזערע שונאים. „חמור נוער" — זייער חמור לאַכט, הירזשעט. און אויב עס זיינען ניט גענוג זייערע פאַרדינסטען פאַר זייערע תאוות, דאַן ווערט מען „האָלד־אַפּניקעס" און סתם רויבען, גזלה'נען, און אויב זיי קענען דאָס ניט דורכפיהרען כדי די תאוות זייערע צו ערפילען, דאַן קויפט מען אַ רעוואָלווער און מען קנאַקט זיך אַליין אריין אַ קויל אין קאָפּ, און שאַ — די קאַטעגאָריע הפקר־יונגען, עס איז ביי זיי ניטאָ קיין אַפּהאַלט, אַבי נאָר מקיים צו זיין זייערס. קיין תורה, קיין מצוות דאַרפען זיי ניט, ווייל די תורה הייסט דאָך ניט טהאָן וואָס זייער האַרץ גלוסט.. און דאָס און דאָס מוז מען דאָך יאָ טהאָן... אַזאַ תורה איז ניט פאַר זיי, ווייל זיי ווילען דאָך נאָכגעבען זייערע תאוות.

אָבער דאָך איז דער סאָרט נאָך ניט אַזוי געפעהרליך ווי די אַנדערע צוויי סאָרטען, וועלכע איז וועל איך פאַרשטעלען, ווייל אַ סך פון

זיי, ווען זיי ווערען עלטער, די צייהן קייען שוין ניט קיין טרפה׳ן סטייק און אלע זייערע תאוות זיינען שוין כמעט פארטעמפט, דאן ווערען זיי פרימער, זיי הויבען אן געהן אין שוהל, און בדרך כלל רוקען זיי זיך שוין צו נעהענטער צו די אלטע פרומע אידען, און פיעלע פון זיי ווארטען אפילו ניט אויף דער עלטער כדי אנהויבען צו טהאן תשובה, נאר אפילו אין די מיטעלע יאהרען הויבען זיי אן ביסלאכווייז תשובה טהאן, און ווי עס קומט ראש השנה, יום כפור, געהען זיי אין א שוהל. ווארים אין גרונד גענומען האבען זיי מורא פאר גאט, נאר די תאוות, זייער שמוציגער קערפער, דער „חמור נוער" פיהרט אוועק די נשמה אין אלע שמוץ, און אז השי"ת דער־לאנגט זיי עפעס א קלאפ דורך יסורים, איז אויף דעם מאמענט ווערען זיי בעסער. אמת, עס געפינט זיך פון זיי א היבשע צאהל, אבער נעפעהרליך זיינען זיי דאך ניט אזוי. דאס איז די משמורה ראשונה — „חמור נוער".

„שניה, כלבים צועקים" — די זיינען די צווייטע „כתה", וועלכע זיינען געפעהרליכער פון די ערשטע. זיי זיינען שוין אפיקורסים גמורים — זיי לייקענען אין אלעס וואס הייליג איז, זיי זיינען מקהיל קהלות און האלטען דרשות אויף צו ווייזען, אז עס איז גאר ניט, ניטא קיין באשעפער ח"ו, ניטא קיין תורה מן השמים, נאר מענשען האבען עס געגעבען. רעליגיאן האט מען נאר געמאכט, ניט פאר ציוויליזירטע מענשען, אבער יעצט, אז מען איז ציוויליזירט, דארף מען דערפון גארניט האלטען. זיי רוהען ניט, זיי ארבייטען מעהר פון אונזערע רבנים, און וויפיעל די רבנים טהוען אויף צו דערהאלטען דאס אידישקייט, — טהוען די אפיקורסים צו צוברעכען אלעס א סך מעהר און מעהר; זיי פארשווענדען אוצרות, אבי נאר ברעכען. זיי פטר׳ען זיך ניט אפ מיט סתם ארבייט, נאר זיי רעדען און שרייען אין אלע עפענטליכע פלעצער, און אויף דער גאס זיינען זיי אויך ניט מקפיד צו שטעלען זיך אויף א באקס און מאכען חוזק פון א פרומען אידען אין זייערע דרשות.

זיי רופט מען „כלבים צועקים", הינטישע מיילער — זיי רעדען על ד׳ ועל משיחו, און זיי האסען א אידען א פרומען מעהר ווי די אנטי־סעמיטען. דאס איז משמורה שניה — „כלבים צועקים".

אמת, זיי זיינען שוין געפעהרליך. אבער עס איז דא א נאך געפעהרליכערער קלאס. דאס איז די דריטע כתה.. ווארים די צווייטע כתה קענען מיר א מאל בייקומען, ווען זיי קומען מיט אונז אין באריהרונג, אדער עס בייטען זיך ביי זיי זייערע געדאנקען. מיר

האָבען שוין געזעהן, אַז פון אַזעלכע כלבים זיינען געוואָרען מילדע שעפעלאך און מען האָט זיי געקענט רופען צאן קדשים. אמת, זעהר וועניג, אָבער דאך טרעפט עס. דערווייל הייסען זיי פון די משמור שניה „כלבים צועקים".

משמורה שלישית: „תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה" — דאָס איז די גרעסטע צרה, די זיינען די ערגסטע חברה, און זיי זיינען די געפעהרליכסטע, כאָטש זיי זיינען אַליין גאָר ניט שולדיג, און זיי זיינען כמעט פופציג פּראָצענט פון אונזערע קינדער אין דער יעצטיגער צייט.

מען רעכענט אַז אין ניו יאָרק און ברוקלין זיינען פאַראַן אַרום פופציג פּראָצענט קינדער וועמען מען לערענט גאָרניט קיין רעליגיאָן. זיי געהען אין קיין תלמוד תורה ניט, אין הויז לערענט מען מיט זיי אידישקייט געוויס ניט, דער טאַטע לעגט קיין תפילין ניט, האַלט קיין שבת ניט, און איז כלל גאָרניט. נאָר פון די אַנדערע פופציג פּראָצענט געפינען זיך דריי חלקים וואָס גיבען די קינדער לערנען. אָבער וואָס לערנען? — נאָר „בר־מצוה" צו ווערען.. האַלטען אַ „ספּיטש" און דאָס אַלעס. קיין ברעקעל אידישקייט לערענט מען מיט זיי ניט, ווייל דער טאַטע מיט דער מאַמען זיינען גאָר קיין אידען ניט, און זיי פאַרלאַנגען גאָרניט, אַז זייער קינד זאָל קענען און זיין פרימער פון זיי. און די מאַמע רעדט נאָר מיט'ן טאַטען, זיין טאַטען, אַז דער זייגעדיגער קינד איהרער זאָל זוכה זיין צו זיין אַ גרויסער ביזנעסמאַן, אָדער אַ גרויסער דאָקטאָר, לאָיער און דאָס גלייכען, און ווען דאָס קינד זויגט אַריין אַזעלכע טריפה'נע מילך, פון די טריפה פלייש וואָס זי עסט, און געבאָרען איז דאָס קינד פיליכט אויך ניט בטהרה... אָט דאָס איז אונזער היינטיגער יוגענד. ער ווייסט גאָר ניט פון עפּעס. אָט אַזוי איז ער געבאָרען און ערצויגען געוואָרען און ניט מעהר. היתכן, אַז ער וועט אַמאָל בעסער ווערען? ניין, טויזענד מאָל ניין!... אָט אַזוי בלייבען זיי. און איהר קענט שוין אַליין פאַרשטעהן, וואָס פון זייערע קינדער איז צו ערוואַרטען... — שלישית, „תינוק יונק משדי אמו", וואָס דאָס קינד זויגט אַריין פון זיין מאַמעס ברוסט, טריפות, און ער הערט זיך איין „ואשה מספרת עם בעלה" — וואָס די מאַמע רעדט מיט איהר מאַן וועגען איהם: ביז־נעס, דאָקטאָר, לאָיער, אינזשעניר, נאָר קיין לערנען, קיין אידישקייט, קיין „דבר שבקדושה" הערט ער ניט און זעהט ניט. ער ווייסט שוין גאָר ניט, אפילו אַז שבת טאָר מען ניט אַרבייטען. ער ווייסט שוין פון גאָר ניט.

פרעגט די גמרא: „למאי נפקא מינה?״ — וואס העלפט אז מיר וויסען שוין? און וואס העלפט אז איך האב אייך דאס געזאגט? ענטפערט די גמרא: א גרויסע נפקא מינה איז פאראן. מיר דארפען עס וויסען און מיר דארפען וועקען די יעניגע „למאן דגני בבית אופל״, צו די וואס שלאפען אין אזעלכע פינסטערע הייזער. מיר דארפען זיי וועקען, מיר דארפען שרייען „למקרי ק״ש לידע״, אז זיי זאלען אויפשטעהן פון זייער פינסטערען שלאף און לייענען „קריאת שמע״, זיי זאלען וויסען פון דעם „שמע ישראל ד׳ אלקינו ד׳ אחד״ — גזלנים! שטעהט אויף און לערענט אייערע קינדער דעם ד׳ אלקינו ד׳ אחד!

# לחנוך הבנים

(ברכות, דף יו״ד).

צו לביתך כי מת אתה ולא תחיה (ישעיהו, ל״ח), מת אתה בעוה״ז ולא תחיה לעולם הבא, א״ל מאי כולי האי? א״ל משום דלא נסיבת. א״ל משום דחזאי ברוה״ק דנפקא מנאי בנין דלא מעלו. — א״ל בהדי כבשיה דרחמנא למה לך? א״ל בן אמוץ כלה נבואתך וצא.

א וואונדער אז חזקי׳ המלך, דער גרויסער צדיק, זאל אזוי זאגען צו ישעי׳ הנביא „מאי כולי האי״! וואס דענקט ער, אז גאט ב״ה שטראפט אומזיסט? איז דאס מעגליך? קוב״ה לא ביד דינא בלא דינא״. אויך די אויסשפראכע, וואס ער זאגט צום נביא: „כלה נבואתך וצא״? איז דען דאס דער דרך צו זאגען צום נביא, ענדיג דיין נבואה און געה! טראג זיך אפ וואס שנעלער, ווי איינער זאגט א מאל צו אן אומגעבעטענעם גאסט?

אין טיעפען זינען פון דעם ווארט קומט עס אוים אזוי. אז גאט ב״ה האט געזאגט צום נביא: געה זאג איהם, אז „כה אמר ד׳ צו לביתך כי מת אתה ולא תחי׳״. האט דער נביא זיך באטראכט דעם פשט פון די דאפעלטע ווערטער: „מת אתה ולא תחי׳״ — געוויס מיינט השי״ת, אז מת אתה ולא תחי׳ מיינט „מת אתה בעולם הזה ולא תחיה בעולם הבא״.

האט דאס אבער זעהר גוט פארשטאנען דער מלך, ווארום ער האט זיך אזוי אויסגעדריקט, ווייל ער לערענט אונז דעם פשט פון די דאפעלטע ווערטער פון השי״ת. האט דער מלך געזאגט צו איהם:

„מאי כוליה האי"? וואָרום האָסטו אַזאַ געפּעהרליכען פּשט געלע־רענט? עס קען אנדערש געמיינט ווערען און אויך ריכטיג פאַר־טייטשט די מיינונג פון השי"ת. דער פּשט איז אַזוי גיכער מעגליך, אַזוי ווי דוד האָט געבעטען „לא אמות כי אחי", איך וויל ניט שטאַרבען, אויף דעם אָרט כי אחי, אַז איך זאָל נאָך אַמאָל אַפּלעבען, בגלגול הייסט עס (אַזוי לערנען פיעל מפרשי אגדה), אַזוי האָט אויך גאָט געמיינט, מיט דעם אויסדרוק „מת אתה", דו וועסט שטאַרבען, „ולא תחי" — ניט מעהר לעבעדיג זיין, בגלגול.

זאָגט צו איהם דער נביא: זיי וויסען, מיין טייערער קעניג, אַז דער פּשט איז אַ טאַקע אַ גוטער, אָבער ניט פאַר דיר, „משום דלא נסיבת", ווייל דו האָסט ניט געהייראַט, האָסטו דאָך פאַרפעהלט אַ מצוה, מוזטו דאָך נאָך אַמאָל מגולגל ווערען. זאָגט צו איהם דער קעניג, הער זיך איין, מיין טייערער נביא. מיין ניט הייראַטען איז דאָך געווען לשם שמים, „דנפקי מנאי בנין דלא מעלי" — איידער האָבען שלעכטע קינדער, רשעים גמורים, ווי רבשקה און מנשה... וואָרום האָב איך גערדאַרפט געהן הייראַטען צו ברענגען אויף דער וועלט רשעים. ניין, מיין טייערער, דאָס געהט ניט. איך האָב עס ניט געטאָן, ווייל איך האָב אַזוי מיר באַזינען, ווי די אַמעריקאַנער בעטשלאָרס. ניין, נאָר לשם שמים האָב איך דאָס געטהאָן, כדי ניט צו האָבען „רשעים". גלויב מיר, אַז איך האָב עס געטהאָן לשם שמים, און דאָס ווייסט גאָט.

זאָגט צו איהם ישעיה הנביא. איך ווייס דורך מיין נבואה, אַז מנשה וועט תשובה טהאָן, זאָגאַר מען האָט פאַרשלאָסען פאַר איהם אַלע שערים, עס זאָל זיין תשובה ניט אָנגענומען ווערען, אָבער גאָט ב"ה וועט אַזוי טהאָן, „חתר חתירה מתחת כסא כבודו" און ער וועט צונעהמען די תשובה פון מנשה, בלייבט מנשה נאָך העכער פון אַ צדיק גמור, און אַז גאָט הייסט אַזוי „בבשיה דרחמנא למה לך"? וואָס ביי גאָט ב"ה איז פאַרפּעסט, איז גאָרניט, ער גראָבט און מאַכט אַן אָרט וואו צוצונעהמען די תשובה פון מנשה, „למה לך"? וואָס אַרט עס דיר?

„בן אמוץ, כלה נבואתך וצא!" דו האָסט לכתחילה ניט געטהאָן ריכטיג. דו האָסט אַזוי ניט גערדאַרפט זאָגען. דיין אַרבייט איז ניט צו לערנען „פּשטים" אין גאָט'ס רעד, נאָר קומען און איבערגעבען דאָס, וואָס גאָט ב"ה זאָגט, און ער האָט דיר געזאָגט „צו לביתך כי מת אתה ולא תחי" — אַזוי האָסטו גערדאַרפט איבערגעבען. דו דאַרפסט ענדיגען די ווערטער און דו קענסט געהן, אָבער אָהן דריידלאָך.

מיר האבען א מוסר השכל פון דער גאנצער געשיכטע. וואס טויג קינדער, אז זיי זיינען קיין אידען ניט. וואס טויגען זיי, אויף וואס טויג די גאנצע צרות פון דעם צו האבען?... לערענט, לערענט אייערע קינדער...

# לחנוך הבנים

(ברכות, דף יו"ד)

אמר רבי יוחנן, מאי דכתיב פיה פתחה בחכמה ותורת חסד על לשונה, כנגד מי אמר שלמה? כנגד דוד אביו שדר בחמשה עולמות ואמר שירה. דר במעי אמו ואמר שירה, יצא לאויר העולם ונסתכל בכוכבים ומזלות, ואמר שירה, יינק משדי אמו ונסתכל בדדיה ואמר שירה, ראה במפלתן של רשעים ואמר שירה, נסתכל ביום המיתה ואמר שירה.

„ארבעה אבות נזיקין" זיינען פאראן, די וועלכע זיינען גורם דעם מענשען צו זינדיגען, און דאס זיינען זיי: די „תולדה" וואו און פון וועמען איז ער געבארען, די עלטערן ווי זיי פיהרען זיך, אזוי וועלען זיי דאך, זייער קינד לערנען, און אפילו אז זיי וועלען אוועקגעבען זייער קינד אין חדר וועט מען איהם דארט לערנען „לא תבערו אש בכל מושבותיכם ביום השבת" און אין הויז זעהט ער, אז זיין טאטע און מאמע, מאכען יא פייער אום שבת, וועט עס העלפען? קען עס העלפען? האט עפעס א „ממשות" וואס דער אלטער רבי לערנט איהם? אזוי אויך מיט תפילין... אז דער טאטע לייגט ניט, נו... און אזוי מיט אלע מצות. אז די עלטערן היטען ניט, וועט דען דאס קינד היטען!

„דוד מלך ישראל" האט אויף איהם קיין שלעכטען ווירקונג געמאכט האטש ער זאגט אליין ובחטא יחמתני „אמי", איהר ווייסט דאך וואס די חכמים זאגען, „שדוד היה בן תמורה כי אביו חשב שבא על שפחתו ובא על אשתו" וע"כ אמר „הן בעון חוללתי" „ובחטא יחמתני אמי, וואס זאגט איהר, טהייערע, פיהרט זיך ניט שלעכט, איהר פירט איבער אייערע קינדער. צו דוד האט עס קיין שלעכטען ווירקונג געמאכט, ער האט זיך געשטארקט און „דר במעי עמו" און האט פערשטאנען די תולדה זיינע און דאך אמר „שירה", עס

איז טאַקע געווען, די תולדה „לרעתו", אָבער ער האָט זיך געצייכענט ואמר שירה... איך דאַרף זיין גוט... און דאָס אַלעס, — מיינע טייערע ליעבע, איהר ערציהט קינדער, זייט גוט, פירט זיך שעהן, היט טהרת המשפחה, איהר ווייסט וואָס מען מיינט, דערמיט... זעהט ניט צו באַגראָבען לעבעדיגערהייט אייערע קינדער... דוד זאָגט שירה, ער איז געבאָרען ניט אַזוי... ער איז אַ בן תמורה, אָבער זיינע עלטערן, „ישי הצדיק" שמת בעטיו של נחש, און ווער איז דוד... דער „איש אלקים". זעהט עלטערן, באַטראַכט אייך וואָס איהר טהוט, דאָס איז אַרום געגרעדט איינע פון די ד' נזיקין. יעדער מזיק פון די ארבעה אבות נזיקין, שרייב איך אַ בעזונדער דרוש...

## לחנוך הבנים

(ברכות, דף יו"ד)

מאי דכתיב פיה פתחה בחכמה וכו', „שדר בחמשת עולמות ואמר שירה" וכו', יצא לאויר העולם ונסתכל בכוכבים ובמזלות ואמר שירה, וכו'.

די צווייטע פון די „ארבעה אבות נזיקין" איז — „סיבת המזל", זיי זאָגען, אַז אַלעס איז נאָר דער „מזל גורם", מען דאַרף גאָר ניט בעטען צו השי"ת, בלויז דער מזל איז גורם אַלעס. איז מען געבאָרען אין אַ צייט וואָס מען דאַרף זיין אָרעם אָדער רייך, אָדער מען איז געבאָרען צו זיין שלעכט, אַ רויבער אָדער אַ מערדער, איז פאַר־פאַלען.

ניין, מיינע טהייערע! זייט ניט געאיילט אַזוי צו רעדען, איהר לערנט אייער קינד באַטש ווי עס ווייסט אייך אויס, איז פאַרפאַלען, איהר וועט מיט איהם גאָר ניט מאַכען, ער לאָזט זיך ניט מענשלען, פון איהם וועט שוין גאָר ניט זיין. ניין, זאָגט עס ניט! דער מענש איז מיט אַ בחירה ער קען זיך בילדען און משנה זיין, זיין כאַראַקטער. אָט איז „דוד מלך ישראל" געבאָרען געוואָרען אין מזל מאדים, איז נאָר זיין געבורט דאַרף ער זיין אַ „שופך דמים", און דאָך האָט זיך דוד אַזוי אויסגעבילדעט, עס איז איבעריג צו שילדערען, וואָס דוד איז געווען, ניט איך בין בכוח דאָס צו טאָהן.

דוד המלך יצא לאור העולם ונסתכל בכוכבים ובמזלות, און ער האָט געזעהן, אַז דאָס איז אויך לרעתו... און דאָס ווייזט אויף

שלעכטעס ער דארף גאר זיין א מערדער, און דאך האט ער זיך אזוי אויסגעצייכענט, אז נסתכל בכוכבים ובמזלות, ואמר שירה און ער האט געזאגט שירה... א דאנק דיר רבוש"ע, פאר דיין חסד, וואס דו האסט געגעבען די בחירה צו דעם מענשען, ער זאל קענען זיין א גוטער, אין דער צייט וואס ער איז געבארען אין א מזל צו זיין א שלעכטער. (איך בין אין דעם ספר ניט מאריך, דאס בלייבט פאר דעם יעניגען וואס לעזט די ווערטער צו דענקען און פארברייטערען כיד ד' עליו).

# לחנוך הבנים

(ברכות, דף יו"ד)

(מאמר תנ"ל) ראה במפלתן של רשעים ואמר שירה.

די פיערטע פון די „ארבעה אבות נזיקין", די גרעסטע איז זי — און דאס איז שלעכטע חברים, וואס דער קינד האט, דאס טהוט אהם אין גאנצען שאדען, דאס מאכט דעם קינד שלעכט, עס העלפט ניט דער רבי, דא קענען אפט ניט העלפען אפילו טאטע מאמע. די שלעכטע „חברים" אין גאס, אז מען גיט ניט אכטונג אויף דעם קינד מיט וועמען ער געהט ארום, דאס קוילעט איהם אב.

עלטערען! גיט אכטונג אויף אייערע קינדער, זיי זאלען ניט קאמפאנירען מיט שלעכטע קינדער, היט זיי, טייערע עלטערן! גיט זיי צו וויסען, דאס עס איז די ענדע פון די שלעכטע מענשען זעהר ניט גוט. ערקלעהרט זיי אין שעהנע געדאנקען, וויזט זיי גוטע און וויכטיגע ביישפיעלע. האנדעלט מיט שכל, מיט גוטען, נאר מיט גוטען, אויב עס העלפט ניט מוז מען דערביי ניט זאלעווען, אויך מיט בייזען. איבערהויפט ערקלעהרט זיי, די ענדע פון די שלעכטע.

„דוד מלך ישראל" האט געהאט געגונג שונאים, די שלעכטע חברים, וואס ער האט ניט געוואלט מיט זיי זיך קאמפאנירען.... דארום האבען זיי איהם געהאסט, גערודפ'ט — אבער ער האט אימער געזעהן זייער מפלה, ער האט אימער זיך פארגעשטעלט דאס, „ראה במפלתן של רשעים ואמר שירה".

# כבוד אָב ואם

ברכות, יוד.

„כל התולה בזכות עצמו תולין לו בזכות אחרים, וכל התולה בזכות אחרים תולין לו בזכות עצמו. משה תלה בזכות אחרים, שנא׳ זכור לאברהם וכו׳ תלה לו בזכות עצמו, שנא׳ משה בחירו וכו׳. חזקיה תלה בזכות עצמו, זכור נא אשר התהלכתי לפניך, תלה לו בזכות אחרים“, וכו׳.

די ספרים פרעגען: איז דער וואָס איז תולה ברשות עצמו ווערט צו דערמאָנט ווערען פאַר זיין זכות... טאָ וואָרום זאָל ער ניט געענט־פערט ווערען פאַר זיין זכות? און איז דען דער וואָס איז תולה בזכות אחרים ניט ווערט, וואָרום זאָל מען איהם תולה זיין בזכות עצמו, ער איז עס דאָך ניט ווערטה?...

די וועלט דערצעהלט אַ ווערטעל, אַז איין ישוב׳ניק האָט געזאָגט די הגדה, און טעמפּיג אויף עברי איז ער געוועזען, זאָגט ער: דם, צפרדע, בנים. דער זוהן איז שוין געווען מעהר געלערענט, און ווי־סענדיג, אַז בנים מיינט גאָר קינדער, זאָגט ער: פאָטער, דו מאַכסט אַ טעות... דו זאָגסט די מכות, און אָנשטאָט כנים האָסטו געזאָגט בנים, און בנים איז דער טייטש זיהן, אָדער קינדער אין כלל. אויב אַזוי, מיין זוהן, האָב איך גאָר קיין טעות ניט געמאַכט, ווייל היינטיגע בנים זיינען אויך אַ מכה... און פיליכט נאָך אַ גרעסערע מכה...

מיר זעהען דעם רעספּעקט וואָס היינטיגע קינדער האָבען פאַר זייערע עלטערען. איך וויל ניט מאריך זיין און שילדערען די טרוי־עריגע לאַגע, ווייל דער ספר איז נאָר פאַר דעם מאיר, און דער וואָס דאַרף פאַרברייטערען וועט פאַרברייטערען.

טייערע פריינדע! דער וואָס איז ווערטה, אָדער ער איז אפילו ניט ווערטה פאַר זיין אייגענעם זכות, און ער איז תולה בזכות אבותיו, ניט צוליעב זיין זכות, דער זכות אַליין, וואָס ביי איהם זיינען באַ־ליעבט און הייליג זיינע עלטערען און ער פאַרגעטערט זיי, ער גיט זיי אפילו כבוד לאחר פטירתם און ער איז „תולה בזכות אבותיו“, פאַר דעם זכות אליין איז מען איהם „תולה בזכות עצמו“. און דער וואָס זאָגט זיך, מיט וואָס זיינען יענע פריהערדיגע גרעסער פאַר אונז? ניין, מיר זיינען די זעלבע מענשען און ער איז „תולה בזכות עצמו“, אפילו ער איז ווערטה פאַר זיין זכות, נאָר פאַר דעם אַליין איז מען איהם תולה בזכות אחרים... ודו״ק.

# כבוד אָב ואם

שבת, נ"ה.
„כל האומר ראובן חטא אינו אלא טועה,
דעלבון אמו תבע".

דער וואָס זאָגט, אַז ראובן האָט געזינדיגט, מאַכט ער נאָר אַ טעות. ער האָט ניט געזינדיגט, ווייל די שאַנדע פון זיין מוטער האָט ער געמאָנט. אמת טאַקע, ער האָט זיך אָנגענומען פאַר זיין מוטער, אָבער דאָך האָט ער געזינדיגט דערמיט קעגען זיין פאָטער? נאָר די זאַך פאַרשטעהט מען, אַז ראובן האָט געהאַט אַ טעות, ער האָט געווים געדענקט, אַז דעם פאָטער וועט עס ניט פאַרדריסען, ווייל ער נעהמט זיך אָן פאַר זיין מוטער. ער איז אַ גוטער קינד אימער זיין מוטער. דעם פאָטער גיט ער אויך אימער כבוד, נאָר ער האָט יעצט באַמערקט די שאַנדע וואָס עס איז יעצט געקומען צו זיין מוטער, האָט ער זיך איהר קריוודע אָנגענומען, אָבער ח"ו ער האָט געטהאָן עפּעס געגען זיין פאָטער ווייל ער מיינט אַזוי, און דאָס איז דער טעות זיינער געווען. דעם פאָטער האָט עס פאַרדראָסען.

„כל האומר ראובן חטא", דער יעניגער וואָס זאָגט, אַז ראובן האָט געזינדיגט עקסטרא געגען זיין פאָטער, „אינו", איז דאָס ניט אַזוי, „אלא", נאָר וואָס איז דאָ יאָ דער פאַרזעהן פון איהם, פון ראובן, „אלא טועה", נאָר אַ טעות האָט ער געמאַכט ראובן, דאָס אַלעס. ווען ער וואָלט געוואוסט, אַז דעם פאָטער וועט עס פאַרדריסען וואָלט ער עס ניט געטהאָן. דאָס וואָס ער האָט געטהאָן, בלבל יצועי אביו, ודו"ק.

אַ מוסר השכל פאַר די היינטיגע קינדער, די מאַיאָריטעט קינדער אין אַמעריקא האַלטען מיט דער מוטער, זיי מאַכען חוזק פונ'ם פאָטער, אַזוי ווי די מוטער. זי האַלט אימער מיט זיי, ווייל זיי נעהמען איהר אין טהעאַטער, אין קוני איילאַנד און אין אַלגעמיין גיבען זיי איהר פּלעזשור. אַז אַך און וועה איז צום אַלטען טאַטען, אַז ער איז דאָך פרום און ווילען אַז זיי זאָלען אויך אַזוי זיין. פרעגט שוין גאָר ניט, ווי ביטער איהם איז: די קינדער האַסען איהם. מיינט איהר, אַז זיי זינדיגען ניט דערמיט? אַ מין זינדיגען! זיי טהוען דאָך דעם פאָטער שלעכטעס וואָס זיי קענען נאָר. גאָט זאָל זיך דערבאַרימען, וואָס היינטיגע צייט איז.

# להספד

(שבת, דף ק"ה)

„כל המתעצל בהספדו של חכם ראוי לקוברו בחייו".

אַ מאָדנע זאַך, וואונדערליך איז דאָס אַזוי אויבען אויף, אַז איינער איז פויל מספיד צו זיין אָדער געהן צו אַ הספד, באַדויערען אַ תלמיד חכם, איז ער ראוי אַז מען זאָל איהם באַגראָבען לעבעדיגערהייט, וואו איז דאָ די מדה כנגד מדה?

איך האָב געזעהן אין ספר „לחמי תודה" אַ פשט'על־דיגען אַנט־אַנטוואָרט, אָבער אמת אין גאַנצען. „ניכרין דברי אמת" זאָגען די חכמים, נאָר איך וועל עס פאַרברייטערען זיינע הייליגע וואונדערליכע רייד, און אויסמיידען דעם פשט'על, ווי מעגליך.

מיינע טהייערע! זייט נזהר, אין דעם כבוד פון תלמידי חככמים, וואָס יעצטיגע צייט איז דאָס געוואָרען זעהר גרינג. אַ תלמיד חכם וועלכער האָט זיך ערוואָרבען מיט זיינע מאַטערניש און פלאַג, מיט וועניג עסען און וועניג טרינקען, איבערהויפּט וועניג שלאָפען, זיין תורה געקראָגען, געווים האָט ער מקיים געוועזען דעם מאמר התנא, „פת במלח תאכל, ומים במשורה תשתה, ועל הארץ תישן, וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל", און די חכמים אין גמרא זאָגען, „יגעת ומצאת תאמין" דאַרף דאַך מקוים ווערען אויף איהם דער ענדע פון דעם מאמר התנא, „אם אתה עושה כן", אַז דו קענסט שוין לערנען, דו ביסט אַ רב אָדער אַזוי אַ תלמיד חכם, אַ גרויסער דרשן, מוז דאַך זיי נאכהער „אשריך בעולם הזה" דאָס איז אָלס גערעדט געוועזען, אין רוסלאַנד און פוילען אָבער אַז ער מוז נעבעך אויסוואַנדערען נאָך אַמעריקאַ, איז אַך און וועה צו זיין כבוד און צו זיין „אשריך בעולם הזה" וממילא „וטוב לך לעולם הבא" דאָס פאַרגינען זיי איהם די אַמעריקאַנער מעמבערס, און אַזוי פיעל פאַרגינען זיי איהם, אַז זיי ווילען איהם וואָס שנעלער אוועק שיקען אַהין, אַז עס זאָל איהם זיין דער „וטוב לך לעולם הבא".

יאַ די אַמעריקאַנער מעמבערס ווילען עס, צוליעב איינציגע אור־זאַכען, איהם דעם רב האָבען בעולם הבא: ערשטענס אַז וועט ליגען אויף זייער סעמעטערי, ווערט טהייערער די סעמעטערי מיט הונדערט פּראָצענט „כידוע ליודעי חן", און דאָס איז ניט ח"ו געפלאַפּעלט, נאָר דאָס איז דער אמת. איך וויל מעהר קיין אורזאַכען ניט אָנ־

געבען, ווייל איך וויל ניט צופיעל ריידען וועגען דעם, איך האב מורא, אז דאס אליין וועט זיין א פחיתת הכבוד. אויב פיעלע וויסען ניט, זאלען זיי ניט וויסען. נאר אז איהר וועט באטראכטען וואו עס געפינט זיך א רב אין א שוהל און ער האט דורכגעלעבט אין זיינע אייניגע יאהר ביי זיי, און דער רבש"ע האט איהם צוגענומען, וואלט איהר זעהן (אויב איהר האט געזעהן) דעם כבוד וואס די שוהל בעלי־בתים טהיילען איהם צו... זיי נעהמען איהם אריין אין שוהל, זיי ברענגען די גרעסטע רבנים און דרשנים איהם מספיד צו זיין. זאל וועלכע חברה קומען וועלען איהם צו נעהמען אויף זייער קרקע, וועלען זיי קעמפען ביז די לעצטע כוחות.

מיינע טהייערע! זייט געהיט זייט געהיט בכבודן של תלמידי חכמים, נעהמט ניט צו רויבט ניט אוועק, זיין „אשריך בעולם הזה", טאקע איהם קומט עס, אבער מענשען „בעלי בחירה", קענען אלעס טאהן אנדערס. זייט פארזיכטיג, איך וויל מיט מיין מויל ניט ארויס־לאזען קיין שלעכטע רייד.

די גמרא אין שבת זאגט: „ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהן את ההר כגיגית, ואמר אם תקבלו ישראל את התורה מוטב, ואם לאו שם תהא קבורתכן (שבת פ"ח) פרעגט תוספות, סטייטש, זיי האבען דאך געזאגט „נעשה ונשמע"? האבען זיי דאך געוואלט, טא וואָרום האט מען זיי געדארפט צווינגען? דעם תירוץ זאגען אלע גרויסע גאונים, חוץ תוספות, אז זייער „נעשה ונשמע" וואס זיי האבען געזאגט, איז נאר זייער מיינונג געוועזען אויף „תורה שבכתב" — אבער „תורה שבעל פה" האבען זיי ניט געוואלט, און אזוי ווי אהן תורה שבעל פה, אהן די משנה וגמרא, אהן דעם שלחן ערוך, קען מען דאך קיין מצוה נט מקיים זיין, האט זיי השי"ת געצוואונגען, אדער דעם טויט, אדער די תורה שבעל פה, ווייל די גאנצע תורה איז די „תורה שבעל פה" — און אז זיי נעהמען ניט די תורה זאגט גאט ביין איך זיי דן למיתה.

יעצט זאגט מיר וואס איז די גדלות פון א רב, א תלמיד חכם, וואס ער איז דער גרויסער מופלג אין „תורה שבעל פה", ש"ס ופוסקים, תשובות ראשונים ואחרונים, וואס דען מיט חומש? דאס קען דאך א חדר־אינגעל אויך.

יעצט פארשטעהען מיר, אז דער רב, דער גרויסער תלמיד חכם, דער צדיק, דער עמוד העולם, אז ער ווערט נפטר, און יעמאנד מאכט זיך ניט וויסענדיג, און ער באדויערט איהם ניט, ער וויל גאר צום הספד ניט זיין, — וואס איז דאס פאר א טאראראם, — זאגט ער,

אויך אַזאַ מענש ווי יעדער בשר ודם, וואָס איז דאָס דער מעהר, וואָס מען זאָגט הספדים, און מען וויינט, וואָס איז דאָ צו וויינען? איז דאָך די תורה שבעל פה ביי איהם ניט געאַכטעט, ווען דער חברה־מאַן וואָלט דאָרט געשטאַנען אונטערן באַרג, וואָלט מען איהם דאָך לעבעדיגערהייד באַגראָבען צוליעב די תורה „שבעל פה". אַלזאָ צוליעב דעם „כל המתעצל בהספדו של חכם, ראוי לקוברו בחייו, ודו"ק.

# להספד

(ברכות, דף ה')

„ר"א חלש על לגביה רבי יוחנן חזא דהוה קא גני בבית אפל, גלייה לדרעיה ונפל נהורא, חזייה דהוה קא בכי. א"ל אמאי קא בכית אי משום תורה דלא אפשת שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים, ואי משום מזוני לא כל אדם זוכה לשתי שלחנות, אי משום בני דין גרמא דעשיראה ביר. א"ל להאי שופרא דבלי בארעא קא בכינא. ובכי תרוויהו.

טהייערע פריינדע! איהר האָט זיך דאָ היינט פאַרזאַמעלט, איז מאַסען, לא חדש ושבת היום, וואָס איז דאָס? אומבאַשריען, היינט אַזאַ גרויסער עולם? — איך פאַרשטעה אַז אהר זייט געקומען געוויס גיסען „נסכים" אויף דעם גרויסען קרבן, וואָס מיר האָבען געבראַכט, אַ קרבן לד' דעם גרויסען גאון צדיק. די „נסכים" וואָס מיר וועלען גיסען היינט, איז די טרעהרען, וואָס מיר וועלען געבען פון אונזערע אויגען אויף דער אבדה גדולה.

פריינדע! עס ווילט זיך פאַרשטעהן, וואָס איז אין גאַנצען דער ענין מספיד צו זיין און וויינען, אַז עס שטאַרבט אַ וויכטיגער מאַן, זיין אָרט איז דאָך אין גן עדן העליון, איהם פעהלט דאָך שוין גאָר ניט, אַזוי ווי דער חכם מכל האדם האָט געזאָגט „ותשחק ליום אחרון" דאָרום רופען די חכמים, די פטירת הצדיק בלשון „הילולא" אַזוי ווי „הילוא דר' שמעון בן יוחאי" — ווייל די פטירה זייערע, הייסט זייער חתונה, זייער גאַנצער צוועק, נו וואָרום וויינט מען אויף דעם?

אום צו אַנטוואָרטען, וועל איך אייך ערקלעהרען אויף וואָס דער הספד איז, מיר וויינען ניט אויף די הייליגע נשמה זיינע, איהר פעהלט שוין גאָר ניט, נאָר מיר וויינען, אויף דעם הייליגען ארון קודש, וואָס ער דאַרף פוילען אין ערד. דייטליכער צו פאַרשטעהן, וואָרום רופט

מען דעם הילצערנעם קאסטען, וואו עס ליגט די ספר תורה „ארון קודש“? ווייל אין דעם ליגט די הייליגע תורה. וואס איז די ספר תורה? נאר אונזער חומש?, די „תורה שבכתב“ אליין, דאך איז דער פראסטער הילצערנער קאסטען מיט דעם נאמען „ארון קודש“ אנגע־רופען, און אפילו אז די תורה איז שוין דארט ניטא, טאר מען ניט נוצען דעם ארון קודש צו קיין דבר חול.

אז דער גאון איז געווען געווים קלאהר אין דער תורה און נביאים וכתובים, תורה שבעל פה, גאנץ ש"ם בבלי און ירושלמי, ספרא, ספרי, תוספתא ומכילתא מדרשים, ילקוטים, ד' חלקי שלחן ערוך, שאלות ותשובות ראשונים ואחרונים איז דער קערפער אז ארון קודש? געווים, געווים! דאס מוזט איהר צוגעבען, טא ווי איז אונז ביטער אז דער מענש, דאס איז די נשמה זיינע, איז טאקע גוט, אבער דעם ארון קודש, דעם גוף, לייגט מען אין דער ערד און אזא גוף, אזא „ארון קודש“ פוילט אין דער ערד, און מיר קענען אפילו דעם ארון קודש ניט זעהן און נוצען הייליגע זאכען אין איהם. עס פעהלט אונז דער ארון קודש, און מיר באדויערען אז אזא הייליגער גוף דארף אין דער ערד פוילען.

„ר"א חלש“, ווען ר"א איז קראנק געווארען, און מען האט אנ־געזאגט צו ר' יוחנן, "על לגבי ר' יוחנן", איז געקומען ר' יוחנן זעהן וואס ער מאכט, „חזא דהוה קא גני בבית אופל“ האט ר' יוחנן דער־זעהען, אז עס האלט מיט איהם ניט גוט, ער זעהט אז ער שטארבט און ער געהט שוין דאס הייסט זיין ארון קודש, אין דעם פינסטערען קבר, די אייביגע הויז, ביז תחיית המתים. דער קבר ווערט גערופען בית, דער וואהנונג פון קערפער, דאס איז דער טיעפער אויסדרוק „חזא דהוה קא גני בבית אופל“ אז ער איז שוין א קאנדידאט פאר דעם „קבר“ וואס ווערט גערופען „בית“ — האט ער איהם געוואלט טרייסטען, ווייל פיעלייכט פיהלט ער שוין אליין אז ער שטארבט, „גלייה לדרעיה ונפל נהורא“ האט ער אבגעדעקט זיין ארעם, דאס הייסט זיין קראפט, זיין גרוסקייט, וואס ער האט אויפגעטאהן אויף דער וועלט ער דארף ניט מורא האבען פאר'ן טויט, ער וועט זיין גליקליך, דאס הייסט זיין „הילולא“. דער ארעם ווערט גלייגט כמעט אומעטום אויף שטארקייט, האט ער ענטדעקט זיין שטארקע האנט בתורה ובמצות „ובמעשים טובים“ אין כלל.

„חזא דהוה קא בכי, האט ער דערזעהן אז ער וויינט, האט ער פארשטאנען אז ר' אליעזר פארשטעהט, אז ער שטארבט, „א"ל אמאי קא בכית“? ווארום וויינסטו? „אי משום תורה דלא אפשת“, ווייל

דו ווּעסט ניט קענען מער לערנען, „שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים", און דיין כוונה רבי, איז געווים געווען לשמים, „אי משום מזוני" אפשר ווייינסטו יעצט צוליעב מזונות, וויל דו האָסט פיעל מאָל מבטל געווען ווייל-וויים תורה, וויל דו האָסט געדאַרפט פאַרדיענען אויף מזונות?... רבי אויף דעם קענסטו ניט וויינען, „לא כל אדם זוכה לשתי שלחנות", די וועלט מיט יענע וועלט האָבען איז אַ טראַץ, ניט אַלע האָבען עס, האָסטו דאַ קיין רייכען לעבען ניט געהאַט, איז דאָרט דערפאַר וועסטו זיין גליקליך.... „אי משום בני", וויל דו לאָזט קיין קינד, ווער עס זאָל ממלא מקומך זיין? „דין גרמא דעשיראה ביר".

„א"ל להאי שופרא דקא בלי בעפרא קא בכינא", איך וויין ניט און קלאָג ניט אויף דער נשמה, ניט אויף די אַלע זאַכען וואָס דו האָסט אויסגערעכענט, ניין, נאָר איך קלאָג און וויין אויף דעם שעהנעם „ארון קודש" מיין שעהנעם קערפּער, וואו די נשמה האָט זיך ביז יעצט אויפגעהאַלטען, דאַרף אַזאַ שעהנער קערפּער פוילען אין דער ערד. אויף די נשמה דאַרף מען ניט וויינען, נאָר אויף דעם קערפּער. זאָגט צו איהם ר' יוחנן, „על דא קא בכית" אהאַ! אויף דעם וויינסטו? ביזטו גערעכט! „ובכו תרווייהו" האָבען זיי ביידע געוויינט.

רבותי! דער קערפּער דער ארון קודש פון דעם גאון וצדיק, ליגט און פוילט, על דא ודאי קא בכית, ובכו תרווייהו. — אַז מיר פלעגען זעהן דעם הייליגען קערפּער, דעם ארון קודש, האָבען מיר גענוצט מיט איהם קודש, די מדות זיינע, אָבער יעצט... (מאריך צו זיין אין הספד).

# להספד

ראש השנה, י"ח.

„צום החמישי זה ט' באב, שבו נשרף בית אלקינו. צום השביעי זה ג' תשרי שבו נהרג גדליהו וכו'. ומי הרגו? ישמעאל בן נתניא הרגו, ללמדך ששקולה מיתתן של צדיקים כשריפת בית אלקינו".

די מפרשים פרעגען: אין „מדרש רבה איכה" איז דאָך געזאָגט געוואָרען „קשה סילוקן של צדיקים לפני הקב"ה יותר מחורבן בית המקדש"? דער „אפיקי יהודה" זאָגט, אַז ביי דעם „בית שני" האָבען געפעהלט פינף זאַכען, וועלכע זיינען יא געווען ביי דעם בית ראשון,

און די גרעסטע זאך פון די פינף איז געווען, וואס ביי דעם ערשטען בית המקדש איז געווען השראת השכינה, און דאס האט געפעהלט אין „בית שני", דארום רופט ער אן דעם בית ראשון „בית אלקינו" און דעם בית שני רופט ער אן „בית המקדש"... אלזא, קומט עס אויס, אז די פטירה פון א צדיק איז גרעסער ווי חורבן בית המקדש, און דאס איז וואס ער זאגט אין ראש השנה „ללמדך ששקולה מיתת צדיקים כשריפת בית אלקינו", מיינט עס אנטקעגען השראת השכינה, אז מיתת צדיקים איז אזוי גרויס, ווי די שכינה וואלט זיך אפגעטהאן פון אונז, און אין מדרש זאגט ער „קשה סילוקן של צדיקים יותר מחורבן ביהמ"ק", ווייל אנטקעגען בית המקדש חרוב ווערען איז די פטירה פון צדיק נאך גרעסער, אבער באמת איז קשה „סילוקן של צדיקים יותר מחורבן ביהמ"ק. (דא געפינט זיך גענוג מאטריאל צו ערוועקען דעם עולם אויף דעם פארלוסט פון א צדיק).

# להספד

## (הספד אויף א מופלג בתורה, וואס איז פלוצלונג געשטארבען אין א פרעמדער שטאדט).

סוכה, נ"ג.

הנהו תרתי כושאי דהוו קיימי קמיה שלמה (מלכים א', ד') אליחורף ואחיה בני שישא סופרים דשלמה הוו, יומא חד חזייא למלאך המות דהוה קא עציב, א"ל אמאי עצבת? א"ל דקא בעו מינאי הני תרתי כושאי דיתבי הכא. מסרינהו לשעירים שדרינהו למחוזא דלוז, כי מטו למחוזא דלוז שכיבו, למחר חזייא למה"מ דקבדת. א"ל אמאי בדיחת? א"ל באתר דבעו מינאי תמן שדרתינהו. מיד פתח שלמה ואמר, רגלוהי דבר איניש אינון ערבין ביה, לאתר דמתבעי תמן מובילין יתיה.

עס איז גאנץ שווער צו פארשטעהן, ווארום איז דאס טאקע אזוי, אז א מענש ווערט געפאדערט, דארט דוקא אויף יענעם ארט צו שטארבען, דער דא און דער אנדערער דארט? די גמרא זאגט דאך אין סנהדרין (ל"ח), „ר"מ אמר, אדם הראשון מכל העולם כולו הוצבר עפרו". און דער טעם איז, אז וואו ער וועט שטארבען, זאל איהם די ערד צונעהמען און דארטען זאל מקובר ווערען, און עס זאל מקויים ווערען אויף איהם „עד שובך אל האדמה כי ממנה לוקחת", דארום איז דאך

נאָך שווערער צו פאַרשטעהן, אַז אַ מענשען זאָל זיין געפאָדערט דוקא אין יענעם פּלאַץ צו קומען און שטאַרבען, און דער מסבב כל הסיבות ברענגט דעם מענשען דוקא אין יענעם פּלאַץ? מה לי הכא, מה לי התם?

עס קען זיין, און פּיליכט איז אויך דער אמת אַזוי ווי איך וועל דאָ ערקלעהרען: דער חכם מכל אדם זאָגט: „טוב ללכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה, באשר הוא כל האדם והחי יתן אל לבו". און דער אמת איז, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך וואָס עס זאָל אַזוי צוברעכען דעם קערפּער פון מענשען, ווי צו זעהן, אַז מען נעהמט זיין פריינד, זיין גוטען פריינד, זיין חבר, זיין אייגענעם און מען טהוט איהם אַריין אין דעם פינסטערען נאַסען קבר און ער ווערט באַשאָטען מיט די ערד, פאַרשלאָסען אין דעם קבר אויף אייביג. ווער קען זיין אַזוי שטאַרק, וואָס אין דער צייט זאָל איהם ניט אַריין אין זינען, אַז אויך ער וועט געבראַכט ווערען צום קבר, אויב ניט היינט איז מאָרגען, נאָך עטליכע מאָרגענס. דאָ זעהט ער מיט זיינע אייגענע אויגען דעם סוף זיינעם און דאַן פאַרשטעהט ער אַליין אַז די ענדע דערפון איז „את אלקים ירא ואת מצותיו שמור, כי זה כל האדם".

דאַרום האָט השי"ת מיט זיין חכמה איינגעאָרדענט, אַז ווען דער מענש שטאַרבט זאָל ער מקובר ווערען און עס זאָלען זיך בעסערען די וואָס זעהען עס צו, און אויב עס איז פאַראַן אַ שטאָדט, וואו די מענשען דאָרטען זיינען אַראָפּ אַביסעלע פון דרך הישר, אָבער דאָרטען דאַרף קיינער ניט שטאַרבען, און ער קומט צו זיי צוליעב געשעפט אָדער צוליעב אנדערע אינטערעסען און ער שטאַרבט ביי זיי, כדי צו צוברעכען זייער הארץ, זיי זאָלען זיך אַ מוסר אַראָפּנעהמען, און דאָרט ביי זיי ווערען הספדים געזאָגט אויף דעם אורח וואָס איז געשטאָרבען ביי זיי. דאַרום איז עס מעגליך, אַז אין דעם פּלאַץ וואו שלמה איז געוועזען זיינען אַלע געוועזען פרום און גוט, און זיי האָבען ניט גע־דאַרפט האָבען קיין מוסר השכל. אבער אַרום מחוזא דלוז, דאָרטען האָבען די מענשען יאָ גערדאַרפט האָבען עס זאָל עפּעס פּאַסירען וואָס זאָל זיי בעסער מאַכען און אַראָפּנעהמען זיי פון זייער שלעכטען וועג, דאַרום האָט מען נעפאָדערט די צוויי שרייבער, די שעהנע מענ־שען, דאָרטען צו שטאַרבען, און דאָס איז דער אויסדרוק פון זייערע הייליגע ווערטער „באתר דמתבעי" — אין דעם פּלאַץ וואו מען פאָ־דערט זיי... ווייל דאָרטען וועלען די מענשען בעסער ווערען ווען די צוויי וועלען דאָרט געבראַכט ווערען...

# לתנחומין בבית אָבל

(מועד קטן, דף כ"ז)

„ריב"ל לא אזל לבי אבלא אלא למאן דאזל בלא בנים".

דעם מענשענס לעבען אויף דער וועלט, איז באצוועקט אויף צוויי זאכען. די צוויי זאכען זיינען דער תועלת פונ'ם גאנצען לעבען. דאָס ערשטע צו געניסען פונ'ם לעבען, ווי מען זאגט, די וועלט איז געגעבען פאר'ן מענשען, צו האָבען הנאה פונ'ם לעבען, „על פי התורה והמצוה". די צווייטע זאך איז דער צוועק פונ'ם מענשען אויף דער וועלט, אויף צו שטעלען א דור אויף דער וועלט, צו האָבען קינדער. די חכמים זאגען אויף דעם פסוק, „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד", טוב — זה החיים, „טוב" גוט איז דער לעבען, אז דער מענש ווייסט ווי צו לעבען אויף דער וועלט, אין בעסטען אופן, דורך דער תורה און געניסען פון עולם הזה, איז דאָס טוב, גוט. „מאד" זעהר גוט, בעסער ווי גוט, — „זה המות" דאָס איז דער טויט, דאָס איז זעהר גוט. זעהען מיר אז עס איז פאראן א זאך וואָס דאָס איז פיעל בעסער ווי דער לעבען, ווייל זיי זאָגען דאָך בפירוש, טוב זה החיים, גוט איז דער לעבען אָבער נאָך בעסער ווי גוט, „מאד" זעהר גוט, „זה המות". דארום אז דער מענש האָט געטאָהן זיינע פליכטען אויף דער וועלט, ער האָט געלעבט ווי א מענש דאַרף לעבען, און קינדער האָט ער אויך, איז פאר איהם געוועזען טוב... דאַן קומט דער „טוב מאד, — זה המות". דארום פלעגט ריב"ל ניט טרויערען אויף קיין נפטר, אז ער האָט געהאַט דעם טוב בעולם הזה... אָבער אז דער מענש האָט קיין קינדער ניט געלאָזען נעבעך, האָט ער זיינע נוצען ניט ערפילט אויף דער וועלט, ער האָט קיין קינדער ניט געלאָזען און דאַרטען קען ער דאָך ניט ערפילען די זאכען ער קען קיין קינדער האָבען, אויף דעם האָט ריב"ל געטרויערט.

מיינע טהייערע! אייער פאָטער, האָט געלעבט אויף דער וועלט ווי א מענש דאַרף לעבען, און קינדער האָט ער געלאָזען זעהר שעהנע ארענטלעכע מענשען, איז פאר אייער פאָטער געוועזען דער לעבען „טוב", דאַן איז יעצט געקומען דער „מאד", דער זעהר גוט, „זה המות", אויף איהם האָבען מיר ניט וואָס צו באַדויערען, (מאריך זיין ווי מען זאגט).

# להקמת מצבה

(מועד קטן, דף ה׳)

„רמז לציון קברות מן התורה מניין? תלמוד לומר וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון, ר״י בריה דרב אידי אמר והודעת להם את הדרך ילכו בה״.

טהייערע פאַרזאַמעלטע, פריינד, און באַקאַנטע, קינדער און אייניקלאַך! איהר אַלע, וואָס איהר זייט געקומען אָפּגעבען דעם לעצטען כבוד צו אייער פריינד, און גוטען פריינד, צו אייער פאָטער און זיידען! איך האָב צו אייך געזאָגט יעצט אַ פּאָר ווערטער „דעם לעצטען כבוד״, וואָס עס איז ניט ריכטיג, נאָר איך האָב נאָכגערעדט וואָס די נאַרישע מענשען רעדען, זיי רופען דעם שטיין שטעלען, אָדער דעם אויפדעקונג פון דער מצבה, „דעם לעצטען כבוד, רופען זיי דאָס, דאָס איז נאַריש, דום, ווי איך וועל אייך באַלד ערקלעהרען.

מיר זיינען צוזאַמען געקומען, אויף דעקען די מצבה וואָס שטעהט אויף זיין קבר, די מצבה פאַר וועלכע די קינדער האָבען זיך געלאָזט קאָסטען אזוי פיעל געלט, פון דעם איז אַ באַוויז, אַז עס וועט זיין תחיית המתים. באַווייזען האָבען מיר אויף תחיית המתים אַ סאַך, זעהר פיעל פון אונזער תורה, נאָר וואָס זאָל איך פיעל דאַרפען ריידען און ערקלעהרען די הונדערטע פלעצער פון אונזער תורה שבכתב און תורה שבעל פה, אַז פון דעם שטיין, די מצבה וואָס איהר האָט געשטעלט, פון דעם אַליין איז אויך אַ באַוויז, אַז אייער פאָטער איז ניט געשטאָרבען, ניט ווי די היינטיגע חכמים דענקען, געשטאָרבען, פאַרלאָרען דער גוף מיט דער נשמה צו זאמען, סתם ריידען, וואָס דאָס ווערט גערופען געפלאַפּעלט, אָהן זינען אָהן שכל.

דער מנהג איז פון אייביג אָן צו שטעלען אַ שטיין אויף דעם קבר פונ׳ם נפטר, אויב עס איז ניטאָ אַ צווייטער לעבען, און אַז יעמאַנד שטאַרבט אָב, ווייסט ער שוין פון קיין זאַך ניט, זיין קערפּער איז שוין פאַרפוילט, איז וואַרום און פאַרוואָס זוכען מיר, און אפילו די ניט־גלויביגע, צו געבען כבוד דעם נפטר? ווייסט ער דען פון עפּעס? אַז עס איז פאַראַן אין אונז אַזאַ קראַפט וואָס ער יאָגט אונז דאָס צו טאָהן, אַט אַזוי ווי איהר האָט יעצט געטאָהן, זיך געלאָזט קאָסטען געלט, און געזעהן אַז דער שטיין זאָל אַרויסקומען פיעל בעסער און שעהנער און צו זאַמען צו רופען פריינד, באַקאַנטע, און געבראַכט מיד אַלס צו פאַרשעהנערען און פאַרבעסערען דעם כבוד פונ׳ם נפטר

וואס ליגט אונטער דעם שטיין אין פינסטערען גרוב. וואס טרייבט עס אייך? ווער האט עס אייך באפוילען צו טאהן אזא זאך? דאס יאגט דער באהאלטענער קראפט, דער קראפט פון גייסט, וואס מיר זעהען עס ניט.

און דאס לערנען אונז די חכמים פון פסוקים פון דער מצבה זיך א מוסר צו נעהמען, אז מיר זאלען פארשטעהן פון דער צווייטער וועלט, די אייביגע לעבעדיגע וועלט די וועלט וועלכע איז אהן א סוף, און דער ריכטיגער לעבען וואס עס וועט זיין לאחר תחיית המתים.... „רמז לציון קברות מן התורה" איין אנ־וואונק פון דער תורה, א באוויז פון אונזער תורה, אז מען דארף שטעלען א שטיין אויף דעם קבר פון א נפטר, „מניין" פון וואנען וויים איך דאס? אז די תורה האסט עס אזוי טאהן און אז זי הייסט עס טאהן אזוי, צו־וואס דארף מען עס טאקע? שטעלען א שטיין און לאזען זיך קאסטען פיעל געלט, און צוזאמען קומען אבגעבען כבוד צו א שטיק ערד, וואס ער וויסט פון דעם גאר ניט, ווי די נארישע מענשען זאגען. אז די תורה הייסט עס טאהן ווארום דארפען מיר עס טאהן? וואו איז דער רמז? פרעגען די חכמים. אנטווארטען זיי, ווייל דער פסוק זאגט, „וראה עצם אדם ובנה אצלו ציון" אט פון דאנען וויסען מיר עס, אז מען דארף שטעלען א מצבה אז עס איז א כבוד פאר די וואס שטעלען און א כבוד פאר דעם נפטר, און עס איז א באוויז טאקע פון דעם פסוק אז עס איז דא „תחיית המתים". — אט ווילען מיר ניט פארדרייען דעם פסוק, נאר פארטייטשען: „וראה עצם אדם", דערפון וועט דער מענש זעהען די עצמות זיינע, וואס זיין עצם מענש איז, וואס זיין תכלית צוועק איז, וואס „ובנה אצלו ציון" אז דער מענש באמיהט זיך און פארשווענדט געלט, צייט און מיהע, צו בויען א צייכען א מצבה אויף דעם קבר פון א מענשען, דערפון וועט ער זעהן דעם תכלית פון מענשען, דעם הויכען צוועק, ווארום דער בורא האט באשאפען א וועלט און דער בחיר איז דער מענש, אלעם ענדע קען זיין אז דער מענש האט די ענדע פון דער חיה און בהמה.

דער צווייטער זאגט, „והודעת להם את הדרך ילכו בה", פון דעם שטיין שטעלען קען דער מענש, דער דרשן, ערקלעהרען און ווייזען אין איין אנזאג פאר אלעמען, זיי מאכען וויסען דעם וועג אין וועלכען זיי געהן אוועק. פריהער־שפעטער מען מוז שטארבען, אבער זאלען זיי וויסען אז דער מענש איז ניט ח"ו ווי א בהמה.

טהייערע פריינד! דארום איז דער מנהג ביי כל ישראל, ווען עס מאכט זיך א שמחה, געהט מען איינלאדען דעם נפטר, פרעג איך

איז דאס ניט א באווייז אז ער לעבט, אין א צווייטען לעבען? אויב ניט, דו נארישער חתן, דו נארישע כלה, ווענען געהסטו בעטען אויף דיין חתונה, א שטיק ליים, אויב עס איז קיין לעבעדיגע נשמה ניט פאראן? וואס מאכסטו זיך נאריש, וואו קריכסטו, צווישען טויטע, קלויבסט אויס דיין טאטענס קבר אדער די מאמעס און שטעלט זיך אוועק און וויינסט, און פארלאנגסט פון איהם ער זאל אויף דיין חתונה קומען, אז דו טהוסט עס, איז א סימן, אז עס זאגט דיך, דאס צו טאהן.

אז ח"ו עס איז א צרה אין א הויז, קומען די קינדער אויפ'ן קבר און וויינען און קלאגען, טאטינקע דו זאלסט זיך מיהען, מתפלל זיין פאר מיר! ווענען בעט איהר, א שטיק ערד? ניין! אט דאס וואס איהר האט היינט געטאהן איז א באווייז, אז אייער טאטע לעבט, אין דער אטמאספערע פון א צווייטע ליכטיגע בעסערע וועלט.

אלזא מיינע טהייערע! די קינדער פון דעם נפטר, די אייניקלעך און פריינד, איהר בעט אייער גוטען פריינד, ער זאל בעטען ביי השי"ת, אז איהר זאלט אהער קומען דערצעהלען פון שמחה און ניט ח"ו פון טרויער, ער זאל זיין א מליץ טוב פאר אייך, אז עס זאל קיין טרויער ניט זיין אין אייערע הייזער נאר פרעהליכקייטען, ובלע המות לנצח אמן.

# לחנוך הגדר

„ויתן לי את מערת המכפלה וגו׳ בכם בכסף מלא (רש"י) וכן דוד אמר לארונה בכסף מלא".

(בעפאר מען עפענט דעם טויער)

„של נעליך מעל רגליך, כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא".

מיינע פריינדע, בעפאר איהר נעהמט זיך צו ביזנעס, צו פאר־קויפען יעדען פלאץ, ווייל ער האט אייך אריינגעטריבען אין א סך געלד, איך פארשטעה אז יעדער פון אייך וועט געוויס קויפען, ווייל ער וויל געוויס אז זיין נאמען זאל זיין אויסגעהאקט אויפ'ן פלאפלעל, און ווירקליך, איז עס בעסער צו זיין מיט'ן נאמען אויפ'ן פלאפקע, איידער צו זיין אויסגעהאקט דער נאמען אויפ'ן מצבה ח"ו. אבער בעפאר מוז איך אייך ערקלעהרען, אז קיין ארט קען ניט

גערופען ווערען טהור און זאגאר קדוש, נאר דער היליגער, ריינער ארט, ווייל דא איז דער ארט וואו עס ווערט פארלארען קנאה, שנאה, תאוה, כבוד, וואס ביי דעם מענשען געפינט זיך. אין א חברה מאכט זיך א מאל א ביסעלע שנאה, איינער צום צווייטען, אבער אז איהר זייט צוזאמענגעקומען דא אויף דעם הייליגען ארט, דא דארף יעדער אוועקשליידערען אלע שלעכטע מדות.

פאר דעם טויער זיינען אלע שלעכטע מדות פאראן ביי פיעלע מענשען, אבער ווי מיר עפענען דעם טויער און מיר נעהמען באטראכ־טען די אלע וואס געפינען זיך דארט, די רוהיגקייט פון די קברים, ניטא קיין שנאה, ניטא קיין קנאה ניטא קיין כבוד, זאלט איהר דעם ארט דעם הייליגען ניט פארשוועכען.

און אויסטאהן פון זיך די שיך, דאס הייסט די אויסזייטיגע אומ־ריינע געפיהלען געלד פאר דעם צוועק צו באזארגען אייער רוהע לאחר מאה ועשרים שנה. „של נעליך מעל רגליך", טהו אויס דיינע שמוציגע געפיהלען פון דיין געוואוינהייט, „רגליך" — פון דיינע רגילות, געוואוינהייט, ווארום דארפסטו אזוי טאהן? ווייל „כי המקום", דען דער ארט „אשר", וועלכער „אתה", דו, „עומד עליו", שטעהסט אויף איהם, אדמת קודש הוא", דער „איז דער הייליגער, ריינער הייליגער ארט".

(יעצט ווערט פארקויפט דער עפענונג).

געבענשט זאלען זיין די לייטע, וועלכע רעספעקטירען דעם ארט און פוצען איהם אוים, געוועהנליך ניט מיט אן איסור... מיט א שווארצען פאס אויפ'ן האנד, ווי א רוסישער פעלדפעבעל קריגט צום צווייטען דיענסט. דאס איז „חוקות העמים". אדער אוועקשטעלען אין א מצבה פון א פרוי איהר פיקטשע, ווי עס ווערט יעצט פאטאגראפירט, די הארץ אפען, פארפוידערט, מיט'ן בלויזען קאפ. די וואס גלויבען אין השארת הנפש, די מוזען צוגעבען אז עס איז שרעקליך, זעהר שרעקליך אזא סארט פיקטשע...

אבער אויף דעם אידישען ארט, ווער עס ספענדעט צו פארפוצען דעם הייליגען ארט, איז זעהר געשעצט און דארף געאכטעט זיין ביי אלעמען. אומגעפעהר, איהר געהט מאכען א „חנוך הגדר", וואס שעהנער איהר מאכט איהם, אלס מעהר מצוה איז עס, ווייל דאס צייגט אויף תחיית המתים, דאס ווייזט אז איהר גלויבט אין „השארת הנפש", ווארום ווען ניט, וואס איז דער אונטערשיעד וואו מען באהאלט דעם „בר"מנן"?

פריינדע, ווען אברהם האָט געדאַרפט מקבר זיין זיין פרוי שרה'ן, קענען מיר דאָך פרעגען: סטייטש, אברהם! וואָרום דאַרפסטו צאָהלען פיער הונדערט דאָלער, אַז דו קריגסט אַ קבר אומזיסט, ווי זיי האָבען בעפאָר געזאָגט: במבחר קברינו קבור את מתיך"? ניין, זאָגט אברהם, איך וויל ניט ליגען מיט אייך אין איינעם, איך וויל אַ גראָב פאַר מיין פרוי און פאַר מיר, נאָר וואו עס ליגט, „אדם וחוה", „ויתן לי את מערת המכפלה", און ווייל עס איז אַ מצוה, אַ שעהנעם אָרט לעבען אַ שעהנעם מענשען, און אַ בית עולם וואו מען קען מאַכען אַ שעהנעם גדר, דערפאַר וויל איך בעצאָהלען עטליכע הונדערט דאָלער.

פריינדע, איהר האָט היינט געטאָהן ווי אברהם אבינו, און ניט ווי אברהם, ווי אברהם האָט איהר געטאָהן, איהר האָט אָבגעזונדערט אייער סעמעטערי מיט'ן גדר פון אַנדערע סעמעטערי.

ניט ווי אברהם, האָט איהר געטאָהן, ווייל אברהם האָט אַליין געספּענדט אַזוי פיעל געלד באַלד וויפיעל אייך קאָסט אינגאַנצען דער גאַנצער גדר.

פריינדע, נאָך איין זאַך זאָלט איהר טאָהן ווי אברהם אבינו. ער האָט געוואָלט אַז זיין נאָמען זאָל זיין אויף דער שטיקעל קרקע וואָס ער האָט געקויפט, ווי עס רופט זיך „אדם וחוה", „אברהם ושרה", און זאָ ווייטער. אַזוי טהוט יעצט אויך. קויפט אַ סלופּקעלע, אָדער גיט אַזוי אַ נדבה, וועט זיין פאַרשריבען אין אייער בוך אַז איהר האָט געטאָהן אַזאַ שעהנעם טהאַט, טהוט נאָך אברהם אבינו, וועט השי"ת געבען, אַז אייער נאָמען זאָל זיין אויף אימער ווי זיינער, אָמן.

## לחנוכת בית הכנסת

(פסחים, דף ל"א)

„לא כאברהם שקראו הר, „בהר ד' יראה", ולא ביצחק ביצחק שקראו שדה, „ויצא יצחק לשוח בשדה", אלא ביעקב שקראו בית, „ויקרא למקום בית אל".

עס זיינען פאַראַן אידען, וואָס זיי געהן דריי מאָהל אַ טאָג אין שוהל, אין רעגען און שניי, אין בלאָטע, אין ליים, זיי קומט ניט אָן שוועהר צו געהן אין שוהל אַריין, ביי זיי איז די שוהל וויכטיג אַזוי ווי זייער אייגענע היים. זיי קומען פאַרטאָג, זיי האַלטען זיך אויף אין שוהל, ווי נאָר מעגליך עס איז פאַר זיי. זיי דאַרפען קיין חזנים,

זיי דארפען מוזיק... זיי ווייסען נאר אז זיי זיינען אידען און א איד דארף דאוונען, און דאוונען דארף מען אין שוהל, לערנען דארף מען אויך אין שוהל, ווי אויך הערען דעם רב זיין דרוש, און האבען פארגעניגען. איהר האט פיעלייכט באמערקט, ווי א איד איז געזעסען אין א רוסישען אדער פוילישען בית המדרש, אויף דער ווארעמער לעזאנקע און האט געלערענט מיט א שעהנעם קלינגענדיגען ניגון, ווען איהר וואלט איהם געפרעגט, וואס איז „גן עדן", וואס פאר א באגריף האט ער פון גן עדן? ער וואלט אייך באלד געאנטווארט, אז „גן עדן" איז, אז מען זאל יעדען אידען געבען, וויינטער, אזא ווארעמען ליכ־טיגען „בית המדרש" און די ווארעמע לעזאנקע, און געבען איהם א גמרא ער זאל קענען רוהיג לערנען.

א צווייטער קלאס, אין גאנצען דער היפוך פון דעם ערשטען. זיי איז שוועהרער צו געהן אין א שוהל, א סאך שוועהרער ווי קריכען אויף דעם גרעסטען בארג, ער וועט גרינגער קלעטערען אויף א בארג ווי געהן אין א שוהל.

אין אברהם אבינו'ס צייטען, איז געווען, די שוהל געגליכען צו א בארג, אזוי ווי אויף א בארג איז שוועהר צו געהן, אזוי איז געווען שוועהר צו געהן אין שוהל אריין. זאגט די גמרא: „לא כאברהם", ניט ווי אין אברהם'ס צייט, וואס דאן איז איהם געווען שוועהר אריינ־צונעהמען מענשען אין א שוהל, אז ער האט אזש די שוהל גערופען בארג, „שקראו הר", ניט אזוי ווילען די חכמים, אז זי די שוהל זאל זיין ווי דער „הר".

איז געקומען יצחק דער בעל עבודה און האט געהייסען מאכען שעהנע שוהלען, פיעלייכט וועלען זיי געהן, עס זאל זיין א פארגעניגען צו פארברענגען אין אזא שוהל, — „לא כיצחק שקראו שדה", א פאר־געניגען־פלאץ, אזוי ווי מען געהט אין א פעלד שפאצירען, כאפען פרישע לופט. — ניין עס טויג ניט, אז דאס איז די גאנצע זאך מיט וואס מען קען אריינציהען דעם עולם, מיט'ן חזן, מיט די זינגערס, און אז דער פלעזשור איז ניטא, איז א גאנצע וואך, אדער דעם שבת וואס דער חזן זינגט ניט, פוסט די שוהל. אלזא איז אויך „לא כיצחק שקראו שדה" ניט ווי יצחק וואס ער האט גערופען דעם פלאץ „שדה" פלעזשור פלאץ, „אלא כיעקב", עס וועט זיין ווי יעקב האט געזאגט, אז די שוהל דארף זיין „בית" ווי א הויז, ווי נעטהיג עס איז פאר דעם מענשען די הויז, ווי ער דארף האבען די הויז פאר זיין געברויך, אזוי מוז ער האבען די שוהל, אין פריידען און ליידען, אין אלע פארגע־ניגענס ווי אויך אויף אלע טאג צו דאוונען און צו לערנען, ניט די

וואָס פּוצען אויס די שוהל, און נאָר ביי דעם חנוכת הבית איז גע־פּאַקט, און פאַר אַ חופּה איז ווייטער פּול, און ח"ו ביי אַ טויטען פאַל פון אַן אָנשטענדיגען מעמבער, אַז מען ברענגט איהם אריין אין שוהל, איז דאָן אויך געפּאַקט און אויף דאַוונען אַז עס האָט ווער יאָהר־צייט, מאַכט דער שמש אַ מנין. אַ יאָהר צייט איז קיין מנין, שבת קוים אַ פּאָר מנינים, ביז עס קומט אַ יום טוב און מען דאַרף זאָגען יכור, איז ווידער פול די שוהל. דאַרף מען טאַקע אַ שוהל בלויז פאַר יזכור, פאַר יאָהר־צייטען פאַר הספדים און פאַר אַ חתונה, און דאַרויף דאַרף מען פאַרשווענדען אוצרות מיט געלט? ניין! ניין! טויזענד מאָהל ניין! פאַר דער „כתה" וואָס זיינען ווי אין אברהם'ס צייטען, וואָס זיי איז שוועהר צו געהן אין שוהל ווי אויף אַ בארג, זאָל מיט אייער שוהל ניט זיין אזוי, „לא כאברהם שקראו הר" — און בויען אַ שוהל, און פּוצען די שוהל, און מאַכען רייך די שוהל, און זינגען אין שוהל, ניין! „לא כיצחק שקראו שדה" נאָר וואָס דען, פאַרלאַנגט גאָט? אַז מען זאָל האָבען אַ שוהל, אַ ריינע, און אַ שעהנע אָבער וואָס העלפט די ספר תורה מיט די גלעקלעך, מיט'ן קרוין, מיט די געפּוצטע שוהל, אַז מען דאַוונט ניט, מען לערנט ניט מען לייענט ניט אין דער „ספר תורה". „אלא כיעקב שקראו בית.

---

# לחנוכת בית הכנסת

„כשבנה שלמה את בית המקדש בקש להכניס את הארון לבית קדשי הקדשים, דבקו שערים זה בזה, אמר שלמה כ"ד רננות ולא נענה, פתח ואמר שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד, רהטו בתריה למבלעיה, אמרו מי הוא זה מלך הכבוד, א"ל ד' עזוז וגבור, ולא נענה, כיון שאמר זכרה לחסדי דוד עבדיך, מיד נענה.

מיינע טהייערע, ליעבע ברידער און שוועסטער! איהר האָט זיך היינט דאָ אַלע פאַרזאַמעלט אין דעם יעצטיגען הייליגען פּלאַץ, אין דעם מקום קדוש אין דעם שעהנעם „בית המקדש מעט", וואָס די מעמ־בערס פון דיעזער שוהל, האָבען יעצט אויסגעבויט פאַר זיי און פאַר אייך אַלעמען. זיי האָבען אויך מקיים געווען דעם „זה אלי ואנוהו", „התנאה לפניו במצות" — און אויסגעגעבען אַ סאַך טויזענטער אויס־

צופוצען די שוהל, און זיי האבען טאקע געמאכט די שוהל פאר אן אמת'ן „בית המקדש", און זיי האבען פאראנשטאלט דיעזען טאג פאר „חנוכת הבית". אויך דערביי האבען זיי ניט געזשאלעוועט קיין געלט, מיט רעפרעשמענטס, מיוזיק, און איהר פארברענגט זעהר שעהן. פיעלע זיינען אזוי פרעהליך אז זיי טאנצען פאר שמחה.

איך פון מיין זייט פארשטעה גאנץ גוט, אז די שמחה איז נאך ניט פארפולט, כאטש עס שפיעלט מיוזיק, אבער די קלאנגען קלינגען אין דעם פרעזידענט'ס אויערען, און אויך ביי פיעלע בעאמטע פון דיעזער שוהל... ווייל זיי ווייסען וואס מארגען וועט זיין, זעהר אן אומעטיגער טאג פאר זיי, אזוי פיעל און אזוי פיעל, דארפען זיי געבען דעם בילדער. און נאך און נאך... טא ווי קען זיי איינגעהן די שמחה, פון שפילען מיט זינגען... אז זיי ווייסען די מארגעדזשעס, מיט אלע חובות, אפילו די ערד איז ניט קיין אייגענע, און „איך נשיר את שיר ד' על אדמת נכר", ווי קען מען זינגען אז אפילו די ערד, אויף וואס די שוהל שטעהט, איז פרעמדע „ערד".

דארום האבען זיי ארגאניזירט אט דעם חנוכת הבית מיט אלע קליפערלעך: מיוזיק צו שפיעלען, געטראנקען צום טרינקען. אלע סארטען עסענווארג צום עסען, מיט דעם געדאנק אז איהר זאלט זעהן, אז מען זאל האבען כאטש די ערד אייגענע, און קענען באצאהלען די קליינע געלטער פון די ארבייטארער, וועלכע האבען קיין צייט צו ווארטען. איהר פארשטעהט עס אליין, און איהר זייט געקומען דערויף. און ווען איז נאך די צייט, וואס איהר קענט באווייזען צו בויען א בית המקדש, ווי היינט, יעדער וואס ספענדעט איינינע צעהנדליגע דאלער, האט ער א חלק אין דעם בית המקדש, אלע שוהלען וועלען אוועקגעהן אין ארץ ישראל „לעתיד לבא" און איהר וועט דארט אויך זיין, ווי אזוי וועט איהר קענען האבען א חלק אין דעם בית המקדש, וועלכען גאט אליין וועט בויען, אז די שטיינער פון דעם מקדש מעט, וועלען עדות זאגען, וועמעס זיי זיינען, און אייערע ניט....

איהר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז השי"ת צאהלט מדה כנגד מדה, דארום האבען זיי — די מעמבערס פון דעם מקדש מעט, געמאכט אזא שעהנעם אבענד, חזנים זינגען, מיוזיק שפילט, און איך גיב זיי גרויס קרעדיט, ווייל ווען גיבען אידען, ווען עפענען זיי דעם פאקעט, אז מען מאכט זיי פרעהליך. „פתחת שקי" ווען האסטו אויפגעעפענט מיין זעקעלע, דאס הייסט מיין פאקעט, איז — „ותאזרני שמחה", אז דו האסט מיר געמאכט פרעהליך, לוסטיג.

„כשבנה שלמה את בית המקדש" ווען שלמה האָט געבויט דעם בית המקדש" און ער איז שוין פאַרטיג געוואָרען מיט דעם הייליגען „בנין" „בקש להכנים את הארון לבית קדשי הקדשים" און ער האָט שוין געוואָלט אַריין ברענגען דעם „ארון קודש" אינווייניג, „דבקו שערים זה בזה" זיינען געקומען די גרויסע באַנקירען, די וועלכע עס האָבען געליהען געלט צו שלמה'ן „דבקו שערים זה בזה", אַט די גרויסע לייט, האָבען זיך צוזאַמען גענומען, אַלע אין איינעם, און ניט געלאָזען, איידער מען וועט זיי באַצאָהלען, וואָס זיי קומט.

שלמה האָט געזעהן אַז עס איז שלעכט, איז ער געפאַלען אויף דעם אַמעריקאַנעם סטייל, צו מאַכען אַ פּרעהליכען אָבענד, מיט די גרעסטע חזנים, מיט די גרעסטע רעדנער, מיט אַבענד „מיוזיק", דאָס הייסט, „ואמר כ"ד רננות" האָט ער געמאַכט, פיער און צוואַנציג סאָרטען געזאַנג פאַר'ן פּובליקום, מקיים צו זיין „פתחת שקי ותאזרני שמחה", אָבער עס איז נאָך אַלעמען, נאָך אַלע נדבות ניט גענוג געווען, צו אַנטוואָרטען אַלע בעלי חובות ... „ולא נענה" ער איז נאָך ניט געענטפערט געוואָרען.

„פתח ואמר שאו שערים ראשיכם והנשאו פתחי עולם ויבא מלך הכבוד" הייבט אויף אייערע קעפּ, איהר מיליאָנערן, איהר דאַרפט זיך ניט זאָרגען,די איבעריגע וועלען מיר אייך אין גיכען באַצאָהלען, און לאָזט אַריין דעם מלך הכבוד. זיי האָבען געמיינט, אַז ער רופט זיך אַליין מלך הכבוד, זיינען זיי אין כעס געוואָרען, „רהטו אבתריה למבלעיה", האָבען זיי געוואָלט איהם איינשלינגען און געזאָגט, „מי הוא זה מלך הכבוד", ווערמען רופסטו דאָס מלך הכבוד? — „א"ל ד' עזוז וגבור" — דאָך „ולא נענה", זיי זיינען נאָך ניט צופריעדען, זיי האַלטען פון גאָט, אָבער מזומנים דאַרף מען אויך.

און וויפיעל האָבען מיר יעצט אַזעלכע אידעלאַך וואָס גלויבען אין גאָט, און אַז איהר בויט זיי אויף אַ שעהנע שוהל, וועלען זיי אייך אַטובה טאָהן ... און קומען דאַווענען, און דערלאַנגע אַ שפּיי צו עלינו, אַז זיי קענען אימעצען דערטרענקען אין די שפּייעכץ, אָבער אַ פּעני וועט איהר ניט קריגען פון זיי ... געוועהנליך זיינען צום גליק ניט פאַראַן אַ סאַך אַזעלכע, אָבער די וואָס זיינען יאָ דאָ, אסור אויב מיר קענען מיט זיי שטאַלצירען.

איך קען אַזאַ אידען, אַ גביר, און אַ גרויסער פּרומאַק, וואָס איהר קענט ניט קריגען ביי איהם אַ סענט, אָבער ער געהט אין שוהל אַריין דריי מאָהל אַ טאָג, און איך פלעג הערען, אַז יעדען מאָהל, וואָס ער עפענט די טיהר, און געהט אַריין, זאָגט ער דעם פּסוק „אני בצדק

אחזה פניך אשבעה בהקיץ תמונתך" און גלעט די הענטעלעך זיינע, און זאָגט עם מיט אפּעטיט. איינמאָל האָב איך איהם געטראָפען און איך פרעג איהם: זייט אזוי גוט מיסטער לעבען, איהר ווייסט וואָס דער פּסוק מיינט, אז איהר האָט אויסגעקליבען דעם פּסוק דוקא אריינגעהענדיג אין שוהל? זאָגט ער צו מיר, רבי לעבען, איך וויים ניט, נאָר איך זאָג עס ווייל אין סידור איז אזוי, טאַקע פאַרטייטשט מיר עס, איך וועל אייך דאַנקבאַר זיין. יאָ, מיסטער לעבען, איך וועל אייך טייטשען: „אני" איך — „בצדק" איז אַ ראשי תיבות ב׳ צ׳ ד׳ ק׳ ביז — צו — דער — קעשענע, — „אחזה פניך" קום איך זיך זעהן מיט דיר רבש"ע, אַבער אז איך זאָל דאַרפען געבען געלט, דאָס וויל איך ניט, „אני" איך „בצדק" נאָר ביז צו דער קעשענע" „אחזה פניך.

„כיון שאמר זכרה לדוד עבדך", איהר קענט זיך פאַרלאָזען, אויף די אוצרות פון מיין טאַטען דוד, וואָס ער האָט איינגעזאַמעלט אוצרות, פאַר'ן „בנין בית המקדש" און איהר גיט מאַרגעדזש אויף די אוצרות, „מיד נענה... (צו פאַרברייטערען נאָך מיט פיעל רייד... יעצט קומט דער אַפּיעל).

# אינסטאַליישאַן פאַר אַ הייטיגען רב — אַ משכיל

(כתובות, דף י"ז)

ר׳ אבהו כי הוה אתי ממתיבתא לבי קיסר, נפקו אמתתא דבי קיסר לאפי׳ ומשריין ליה הכי, רבא דעמיה ומדברנא דאומתיה בוצינא דנהורא בריך מתייך לשלם.

די זאַכען וואָס לייכטען, דאָס הייסט די וואָס גיבען ליכט, אין דער בריאה פון זיי זיינען פאַראַן צוויי סוגים. די ערשטע בריאה איז די ליכט וואָס גאָט ב"ה האָט באַשאַפען אויף דער וועלט איז די „ששת ימי בראשית". די צווייטע בריאה איז דאָס פייער, ווען מען איז דערצו מצרף, די זאַכען וואָס גיט ליכט, איז די ליכט פונ׳ם פייער, אויך אַזעלטענע גוטע זאַך.

נאָר אַז מיר זאָלען גוט באַטראַכטען דעם אונטערשייד פון די ליכט וואָס גאָט האָט באַשאַפען בששת ימי בראשית, און צו די ליכט

די וועלכע זיינען פון פייער, וועלען מיר זעהן אז די ערשטע איז פיעל ליכטיגער און נאָך גאָר אַ גרויסען אונטערשייד האָט די ערשטע, פון די צווייטע. דען די צווייטע דער פייער, כאָטש אין דער נאַטור פון דעם איז אויך פאַראַן ליכט, אָבער מען מוז זעהר פאָרזיכטיג זיין, מיט דעם פייער־ליכט, ווייל בטבע איז פייער אַ גרויסער מזיק. פייער איז איינע פון די ארבעה אבות נזיקין ווי די גמרא זאגט אין בבא קמא דף יו"ד, אַז פייער איז אַ מועד צו פאַרברענען בין ראוי ובין אינו ראוי, דאַרום דאַרף דער מענש היטען זעהר שטאַרק, אַז ער זאָל ניט מזיק זיין קיינעם, און ער אַליין זאָל ניט ווערען ניזוק. ער טאָר ניט איבערלאָזען דעם פייער־ליכט אַליין אין אַ חדר, און ניט צו־פיעל, צו שטאַרק, לאָזען ברענען, ווייל „דרכה להזיק".

אָבער ניט אַזויאיז די אמת'ע ליכט, דאָס קען קיינעם קיין שאַדען ניט ברענגען, ניט איהם ניט אַנדערע.

אַזוי איז אויך „בגדולי ישראל". עס זיינען פאַראַן ביי אונז גדולים, וואָס מען קען, ניט מען קען נאָר מען מוז זיי צו גלייכען צו די ליכט פון פייער. זיי זיינען גדולים טאַקע, גרויסע „משכילים" וויכטיגע פערזאָנען, זיי קענען קומען צווישען די שרים ומלכים, זיי קענען טאַקע טאָהן פיעלע טובות דעם כלל ישראל, אָבער מען האָט ניט צו זיי קיין צו־גרויסען צוטרויען, ווייל על פי רוב זיינען זיי אין פיעלע זאַכען מזיק אויך, דאַרום מוז מען פון זיי זיין אָפּט געהיט, ווייל זיי האָבען אַליין קיין אמונה, און גלויבען ניט אין גאָט מיט זיין תורה.

אָבער מיר האָבען אַזעלכע גדולים, וואָס זיי קענען קומען צו מלכים ושרים און זיינען אַליין אויך צדיקים, און מופלגי תורה און האָבען שפּראַך, און זיינען אויך באַוואוסט פאַר גרויסע משכילים, דאָס זיינען אונזערע ליכט, די ליכט וואָס איז געגליכען צו דער זון... זיי קען מען פאַרגלייכען צו דער זון. זיי זיינען ניט מזיק, נאָר גוטעס קען דאָס איד־ישע פאָלק פון זיי ערוואַרטען... זיי זיינען טאַקע קרובים למלכות, אָבער דערצו ווי גליקליך זיינען זיי אַז זיי זיינען אויך צדיקים. אויף זיי קען מען זאָגען „בוצינא דנהורא", זיי זיינען זיך קיינמאָהל ניט משנה פון גוטעס אויף שלעכטעס, אפילו זייער גאַנג איז אויך דער אידישער, דאָס הייסט, זייער קליידונג, די קליידער וואָס דער גדול האָרף טראָגען צווישען זיינע אידען, דאַרפען זיי די זעלבע מיט וועלכע ער געהט צום מלכות.

„רבי אבהו כי הוה אתי ממתיבתא", אַז רבי אבהו פלעגט געהן פון דער ישיבה, דאַרום זאָגען זיי עס ווען ער פלעגט געהן, פון בית

המדרש, פון תורה, גלייך צום קיסר, פון ישיבה גלייך צום מלכות, אפילו ניט געהן אהיים, און איבערטאהן זיך „בגדי מלכות", ניין, נאר, כי הוה אתי ממתיבתא — גלייך לבי קיסר אהוא שינוי — פלעגט ער זיך שרעקען ווי קען מען אין די זעלבע בגדים געהן צום קיסר, פלעגען דאס די פרינצעסינס ארויסגעהן קעגען איהם, און זאגען: טהייערער געטליכער פירסט, האב קיין מורא ניט, דו ביסט דאך „רבא דעמיה", דער גרויסער פון זיין פאלק ישראל, — האסטו געוויס רעכט צו געהן אין די קליידער, און ווייל דער קייסער דארף דיך האבען, מעגסטו גאר אזוי ווי דו געהסט, ווייל דו ביזט דאך אויך דער פיהרער פון פאלק ישראל, ומדברנא דאומתיה אין די קייסערליכע הנהגה, אזא מאן ווערט גערופען „בוצינא דנהורא", די ריכטיגע שטראהלענדע ליכט, מיט דיר דארפען דיין פאלק ניט מורא האבען דיך צו שיקען אין זייערע באדערפענישען וואס זיי באדארפען „פועל" זיין ביי דעם קיסר — „בריך מתייך" דער פלאץ פון וואנען דו קומסט, פון דער ישיבה הייסט עס, איז געבענשט, ווייל דיינע רייד ווערען געוויס ווירקען.

דאס זעלבע מיינע פריינדע, דעם רב וחכם, דעם גדול בתורה און אין חכמה, וואס איהר האט ערוועהלט ביי אייך, ער איז איןביידע זאכען פארפאלקאמט, וועט געוויס זיין אייך מדריך אין ריכטיגען וועג. (דא האב איך מאריך געווען, אין שילדערונג די גרויסקייט פון זייער רב. און יעדער קען נאך זיין טאלאנט, רעדען און רעדען..)

# לשמחה של מצוה

(שבת, דף ל')

„כתיב ושבח אני את השמחה וכתיב ולשמחה מה זו עושה, כאן בשמחה של מצוה וכאן בשמחה שאינה של מצוה".

פון יעדען פארגעניגענד, וואס די יונגע חברה נעהמען זיך, אויף מארגען האבען זיי „חרטה", אמאהל נאך דעם זעלבען טאג, פארדריסט זיי פאר די גאנצע פלעזשור וואס זיי האבען געהאט, האט ער אדער זי געטאנצט, ביז דריי פארטאג, טהוט וועה די פיס, אין דער פריה קענען זיי ניט אויפשטעהן, זיי זיינען פארמאטערט, און אפט אויף עטליכע טעג מיט קאפ־וועהטאג שטארקע. איך קען ניט אויסרעכנען אלע פארגעניגענדס זייערע, נאר איהר קענט אליין וויסען אין כלל

פון אַלע וואָהלטאָג זייערע, איז חרטה נאָכדעם, מיט שמערצען דערצו, ווייל בשעת מעשה, הייסט עס פאַרגעניגענד, אָבער נאָך דעם ....

איהר האָט אָבער קיינמאָהל ניט געזעהן, דאָס בין איך אייך ערוב, אז איהר האָט ניט געזעהן דאָס — אז איינער פאַרברענגט אין אַ מצוה־זאַך, איז זיין אָדער איהר פאַרגעניגען, נאָכהער, נאָך דעם באַל, נאָך דעם פלעזשור — מעהר פרייד, מעהר שמחה, מעהר פאַרגעניגענד. און איך הער אָפט, ווי זיי זאָגען אויף מאָרגען, „גאָט צו דאַנקען, וואָס איך האָב זיך אַמוזירט אין אַזאַ שמחה, וואו עס איז אַ מצוה, און מען האָט געהאָלפען די און די משאַריטי“ ....

די חכמים פרעגען: סטייטש, שלמה איז זיך אַליין סותר! אין איין אָרט זאָגט ער „ושבח אני את השמחה, איך לויב און פרעה זיך אויף דער שמחה וואו איך האָב פאַרבראַכט, און באַלד זאָגט ער „ולשמחה מה זו עושה“ איך האָס די פאַרגעניגענדס מיט אַלע פריי־ליכקייט? איז דאָך אַ פראַגע, וואָס מיינט ער דערמיט וואָס ער איז זיך סותר זיינע אייגענע ווערטער?

ניין, — זאָגען זיי, — עס איז קיין פראַגע, אָבער גאָר ניט קיין פראַגע, לא קשיא, „כאן“ דאָ וואו ער זאָגט „ושבח אני את השמחה“ איך לויב די שמחה, די פלעזשור, מיינט ער „בשמחה של מצוה“, ווייל דאָ איז גאָט ניט פאַראַן, אז ער זאָל חרטה האָבען פון דער שמחה, אדרבה ער לויבט נאָכדעם, נאָך דער שמחה, די שמחה, און — „כאן“ דאָ וואו ער זאָגט „ולשמחה מה זו עושה“ און צו די שמחה וואָס האָט זי אויפגעטאָהן, און ער האָט חרטה, דאָס איז „בשמחה שאינה של מצוה“, וואָס עס איז ניט קיין מצוה, זאָגט ער נאָכדעם, מיעדער־הייד, נאָך די תאוה, אַ קלאָג צו מיר, אַ בראָך צו מיר, ולשמחה מה זו עושה, ודו״ק.

# לצדקה

(תענית, דף ט׳)

„אשכחיה ר׳ יוחנן לינוקא דר״ל א״ל אימא לי פסוקיך, א״ל עשר תעשר. א״ל ומאי עשר תעשר? א״ל עשר בשביל שתתעשר. א״ל ומנא לך? א״ל זיל נסי. א״ל ומי שרי לנסוי להקב״ה, והא כתיב לא תנסו את ד׳? א״ל הכי אמר ר׳ הושעיא חוץ מזו, שנא׳ הביאו את המעשר וגו׳ ובחנוני נא בזאת וגו׳ והריקותי לכם ברכה עד בלי די.

דער ראש כל הדרשנים, הגאון ר׳ יעקב מדובנא זצ״ל, האט גע־שריבען אין ספר „כוכב מיעקב״, אויף דער הפטרה פון שבת הגדול, אויף דעם פסוק „ובחנוני נא בזאת״ וגו׳, ווארום האט גאט גראדע אויסגעקליבען דווקא איהם צו פרובירען ביי געבען מעשר, און ניט ביי אנדערע מצות, ווארום איז דאס אזוי?

זאגט ער זעהר א שעהנעם פאסענדען משל: א גרויסער סוחר איז געקומען אין א שטאדט מיט א גרויסען וואגען אנגעלאדען מיט וואלענס, אלערליי קאלירען ווארע, שטיקער געוועבטע וואל, יעדער שטיק ווארע, אלע שטיקער ווארע זיינען אין מאס, צו זעכציג יארד א שטיק, די שטאדט סוחרים זיינען ארוים אויף דעם מארק ביי איהם קויפען די מלבושים ווארע, איינער קויפט צעהן שטיק, איינער קויפט צוואנציג שטיק און יעדער פרעגט אויף די מאס פון יעדער שטיק, איילען האלט עס? האט ער יעדען געאנטווארט, אלע זיינען אין מאס, צו זעכציג יארד א שטיק.

דער קונה וויל דאך ניט גלויבען, אבער עס איז דאך אוממעגליך צו מעסטען דרייסיג שטיקער ווארע וועלכע ער קויפט. קלייבט דער סוחר אוים איין שטיק, און געוועהנליך, קלייבט ער אוים די שטיק ווארע, וואס עס דוכט זיך אז זי איז דינער, און ער מעסט אב די איינע שטיק, און אז עס האלט די מאס פון דער שטיק, צווייפעלט ער מעהר ניט און ער פארשטעהט, אז אלע האלטען די ריכטיגע מאס

אזוי אויך דער רבש״ע, ער איז געקומען צו אונז אידען מיט א סאך שטיקער ווארע, זעקס הונדערט און דרייצען שטיקער, און ער האט אונז געזאגט, אז יעדער שטיק ווארע (יעדער מצוה), איז א סגולה פאר אלעס, צו אלעם גוטען, צו הצלחה צו ברכה. יעדער שטיק ווארע (יעדער מצוה) א באזונדערע סגולה, אבער עס זיינען דא

פיעלע, וואָס עס גלויבט זיך זיי אַזוי ניט, ווי קען עס זיין, ווער ווייסט אויב עס איז דאָ די מאָס וואָס עס איז צו געזאָגט געוואָרען, אויף די שטיקער וואָרע.

נאָר וואָס זאָל דער קונה טאָהן (דער אידעלע הייסט עס), קען ער דען מעסטען זעקס הונדערט שטיקער וואַארע, איז דאָס מעגליך? איז דאָך נאָר ראוי צו מעסטען איינע, און אַז איינע דאַרף מען דאָך אויסקלייבען די דינסטע שטיק... און די דינסטע שטיק וואַארע, איז נאָר מעשר, צדקה, גמילות חסדים. פאַרוואָס איז דאָס די דינסטע שטיק, מעשר? ווייל אָט לאָמיר זעהן, אַז ער האָט טויזענט מאָס קאָרן ווייסט דער גביר אַז ער איז דיק... עס הייסט ער איז רייך, אַז ער גיט מַעשר גיט ער אַוועק הונדערט מאָס, ווערט ער דינער, דאָס הייסט די מעשר מאַכט איהם דינער, איז דאָך די דינסטע שטיק, מצות צדקה!

האָט דער סוחר הקב"ה געזאָגט, אויב איהר ווילט מעסטען, מעסט די דינסטע שטיק, בחנוני נא בזאת, און אַז עס וועט אויסהאַלטען די מאָס אויף דער איין שטיק, וועט איהר שוין גלויבען אויף די אַנדערע שטיקער, (מאריך צו זיין וואָס מעהר, דאָס איז שטאָף פאַר צוויי שטונדע ריידען).

# לצדקה

(שבת, דף קכ"ג)

בעי מיניה ר"א מרב, איזהו בן עולם הבא, א"ל ואזניך תשמענה דבר מאחריך זה הדרך לכו בה וכו'.

די פראַגע פאַרשטעהן מיר, דעם אַנטוואָרט אָבער גאָר ניט. קוקט אַליין אין מאמר און זעהט.

נאָך איין מאמר, פון עירובין וועלען מיר דאָ ברענגען און אַרום רעדען דעם מאמר, וועלען מיר דורך איהם פאַרשטעהן דעם ערשטען מאמר, „פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהם ק"ו ממזבח הזהב, מה מזבח הזהב שאין בו אלא כעובי דינר זהב, והאור עומד בו כמה שנים ולא שלט בו, פושעי ישראל שמלאים מצות כרימון על אחת כמה וכמה".

מיר דאַרפען ניט פאַרשטויסען קיין אידען, דייטליכער צו פאַר־שטעהן, די פרומע, וואָס זיי דוכט זיך אַז זיי זיינען פרום, און די

ריכטיגע פרומע, זאָלען ניט אבשטויסען פון זיך די ניט פרומע, אין נענעטייל, האַלט זיך מיט זיי נעהענטער. אַ ליכט איז געווים אַ טריפה זאַך, דורך און דורך טריפה, זי האָט אַ כשר'ן פּאָדעם אין זיך, דעם קנויטעל, נאָר אַז דער פּאָדעם איז אינווייניג אַרום געריגעלט מיט די חלב, איז ער אויך טריפה, ווי די ליכט אַליין, דאָך נעהמט אין דער פינסטער און צינדט אָן די ליכט, וועט זי אייך שיינען, עס ווערט אייך ליכטיג אין די אויגען, איהר קענט לערנען פאַר די שיין פון ליכט, איהר קענט טאָהן אַלע מצות, דאָס איז אַלץ גערעדט, אויב איהר האַלט די ליכט ווי עס געהערט צו האַלטען איהר, גלייך מיט דעם פייער ארויף, דאַן איז ליכטיג... זי ברענט נאָרמאַל, און אהר האָט אַ הנאה...

צינדט אָן די ליכט, און האַלט אָבער דעם פייער אראָפּ, וועט זי אייך פאַרשמעלצען און פאַרפלעקען אייערע בגדים. איהר בלייבט גלייך אין דער פינסטער און די ליכט לעשט זיך אויס.

וואָס אייך דוכט זיך אַז יענער איז ניט אַזוי כשר ווי איהר, דענקט ניט מיינע טהייערע, אַז איהר טרעפט, עס קען זיין אַז איהר האָט אַ טעות... אין יענעם ברענט דער נר דאָס איז נשמת אדם, האַלט עס גלייך, וועט ער אייך שיינען, האַלט ניט מיט די פייער אראָפּ, דאָס הייסט מיינט ניט אַז ער איז איבערגעקעהרט, האָן ווען איהר דענקט אַזוי, קענט איהר איהם נאָר פאַרלעשען... ער וועט זיך דער־ווייטערען פון אייך און איהר קענט דערביי קיין מצוה געווים ניט האָבען.

מיינע טהייערע! פילייכט איז דער פשט ווי דער מן־דאמר, וואָס זאָגט, „ופערה פיה לבלי חוק" דער גיהנם קען נאָר זיין מויל עפענען צו דעם יעניגען וואָס האָט קיין איין חוק ניט, קיין מצוה ניט, אָבער אַז ער האָט יאָ איין מצוה, קען שוין אויף איהם דער גיהנם ניט שולט זיין... קענט איהר זאָגען אַז דער און דער האָט קיין איין מצוה ניט? ניין! אויב איהר זאָגט עס, מוז איך אייך רופען ליגנער, עס איז אַ גרויסער ליגען, ווייל די גמרא זאָגט אין עירובין אַז — „פושעי ישראל מלאים מצות כרימון" (נאָר אָהן פשט'לעך און אָהן דריידלעך, ווייל אין הדבר יוצא מדי פשוטו). איך דער פער־פאַסער פון דיעזען ספר, פלעג אימער גערופען ווערען צו מאַכען אַ הספד, און די וועלט האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ קינסטלער אין דעם פאַך. איך האָב אימער געפונען די גוטע זייט, אָבער ניט מיט דריידלאַך, נאָר איך פלעג אויפווייזען, אַז יעדער וואָרט וואָס איך זאָג, פאַקטיש, אַז זיי פלעגען מיר מודה זיין אַז איך האָב רעכט.

דאָ ניט לאַנג צוריק בין איך גערופען געוואָרען צו זאָגען אַ הספּד פאַר אַ נפטר, וואָס איך האָב געוואוסט און אַלע האָבען געוואוסט, אַז ער איז געוועזען אַ ריכטיגער „פּושע ישראל", דעם אמת אייך זאָגענדיג, האָב איך קיין חשק ניט געהאַט צו געהן, נאָר זיי האָבען ממש מיר ניט אָבגעלאָזען, האָב איך זיך באַרעכענט, איך וועל געהן און הערען וואָס מענשען רעדען, מקיים צו זיין, „ואזניך תשמענה דבר מאחריך" ודו"ק, אָבער איך האָב אָבגערעדט מיט זיי אַז איך וויים ניט אויב איך וועל איהם מספּיד זיין, מיט דעם תירוץ, ווייל איך פּיהל ניט גוט, איך וועל זעהן ווי איך וועל פּיהלען.

אַז איך בין צוגעגאַנגען צו דעם הויז וואו דער מת איז געווען, האָב איך געטראָפען אַ גרויסען עולם, וועלכע זיינען געקומען איהם „גומל חסד של אמת" זיין. צווישען דעם עולם האָב איך געטראָפען מיינע קאָלעגען, אַ צעהן משולחים און נאָך און נאָך. זאָגט צו מיר איין משולח, ער איז געקומען זאָגען אַ פאַאר ווערטער, ער פלעגט געבען פאַר זיין ישיבה פינף הונדערט דאָלער יעהרליך מיט אַזאַ מין רעם־פּעקט, מיט אַ דאַנק אַז מען פלעגט נעהמען געלט ביי איהם. אָט אַזוי האָב איך געהערט פון אַלע משולחים. אין אַלע צדקה אַנשטאַלטען האָט ער געגעבען מיט אַן אמת'ע ריכטיגע אָפענע האַנט.

— יעצט קען איך זאָגען אַ הספּד, — האָב איך געזאָגט, — מיינע טהייערע! דער פּושע ישראל האָט געהאַט אַ מצוה, אַ גוטע אין זיין האַנט, ווייסט איהר אַז איך האָב גאָר געמאַכט פון דער איינע מצוה, הונדערטע מצות, וואָס ער האָט אויפגעטאָהן, אַז פון זיין געלט האָבען געלערענט אַזוי פיעל יונגע לייט, הייסען זיי קינדער דאָס איז געווים, און די מצות וואָס זיי האָבען מקיים געוועזען האָט ער אַ חלק אין דעם.... (אליין מעהר צו פאַרשטעהן).

יעצט גאָר פּשוט לאָמיר פאַרשטעהן, דעם געדאַנקען, אַז קוים איז ער אַ איד, נאָך צוגעבונדען צו אונז, ווען עס זאָל זיין ח"ו „גזירת השמד" — נו ווי דענקט איהר, וועט זיך דער איד ניט מוסר נפש זיין דעם לעבען זיינעם געבען אויף קידוש השם? — ווייסט איהר וועניג פון אַזעלכע אין אונזער היסטאָריע? איך וויים פון צעהנדליגער טויזענטער אַזעלכע, וואָס עס האָט זיך געדוכט אַז זיי זיינען גאָר קיין אידען ניט, ווען עס איז אָבער געוועזען אַ גזירת השמד, זיינען זיי געוועזען די ערשטע צו געהן אויף דעם אויטאָ־דע־פע, און אַלע יסורים פון אינקוויזיציע האָבען זיי דורכגעמאַכט און געשטאָרבען מיט דעם שמע ישראל אויף זייערע ליפּען.

ביי דעם לעבען זייערען האבען זיי אויסגעהאלטען, אלע צדקה־אנשטאלטען, דאס איז גערעכט דער מאמר יעצט פון עירובין, „פושעי ישראל אין אור של גיהנם שולטת בהם" די פושעי ישראל קען אויף זיי דער פייער פון גיהנם ניט געוועלטיגען, „ק"ו מזבח הזהב", א ק"ו פון מזבח הזהב, מה מזבח הזהב שאין בו אלא כעובי דינר של זהב", דער מזבח הזהב האט נאר געהאט גאלד אויף זיך מעהר ניט ווי די גרעב פון א דינר זהב, דאך איז ער ניט פארברענט געווארען פון דעם שטענדיגען פייער, „והאור שלט בו כמה שנים ולא שלט בו, פושעי ישראל שמלאים מצות כרימון על אחת כמה וכמה", די פושעי ישראל וואס זיינען פול מיט מצות ווייל זיי שטיצען מיט זייער געלט אלע ישיבות און ז. וו., און יענע וואס לערנען זיינען געווים מקיים אלע מצות, האבען זיי דאך אויך א חלק אין זיי.

דער מזבח הזהב האט גאלד אויף זיך נאר די גרעב פון א דינר זהב, און זיי האבען אויף דער וועלט פארשפרייט מיט זייער צדקה, געווים מעהר ווי טויזענט מאהל אזוי פיעל, ווי די גרעב פון א דינר זהב... זיי האבען זיך בארעקט מיט מעהר גאלד ווי די גרעב פון א דינר זהב, זיי האבען זיך אויסגעבעט א גוטע גאלדענע בעט, טא ווי אזוי וועט קענען געוועלטיגען אין זיי דער פייער פון גיהנם, (באטראכט גוט רבותי, דעם „ק"ו פון מזבח הזהב" ווי דאס קלינגט, און ווי אזוי זיי האבען תרי"ג מצות, אז זיי זיינען פושעי ישראל).

יא, רבותי! מיט איין זאך טהוענדיג קען שוין האבען דער פושע ישראל אויך עולם הבא, (דאס מיינט ניט אז מיר זיינען פטור שוין פון אלעס צו טאהן, נאר צדקה געבען, ווייל נאר אז דער אש של גיהנם קען ניט געוועלטיגען אויף זיי, אבער ווי גרויס דער עולם הבא איז זייערער ווייסען מר ניט), אמוועניגסטען „אין אור של גיהנם שולט בו", ווייל זיי האבען מעהר, ווי מיט איין דינר זהב זיך בארעקט...

נאך א מאהל, מיט איין זאך, — מיט צדקה איז א באוויז אז מען האט עולם הבא, דאס איז וואס ר' אליעזר פרעגט פון רב, „איזהו בן עולם הבא" ווער איז א בן עולם הבא? דאס פארשטעהט מען, אז ער פרעגט ניט אויף די געווינסע, דאס הייסט, אויף א אידען וואס זיצט און לערנט און איז מקיים אלע מצות התורה, אויף דעם דארף מען ניט פרעגען, דאס פארשטעהט איהר געווים, נאר ער פרעגט איהם, ווער איז א בן עולם הבא, וואס מיר דענקען אז אויף געווים איז ער ניט קיין בן עולם הבא, אזוי ווי אך האב געדענקט, אויף דעם פושע ישראל, אויף וועלכען איך האב אייך דערצעהלט אז מען איז

געקומען מיך רופען איהם מספיד זיין און איך האָב ניט געוואָלט געהן, און נאכהער וואָס איך האָב געהערט רעדענדיג, „א"ל ואזניך תשמענה" און דיינע אויערען וואָס זיי הערען „דבר" איין זאַך — „מאחריך" הינטער דיר, וואָס מען רעדט פון די לעבעדיגע, נאָר „דבר" זאָלסטו וויסען „זה הדרך לכו בה", דער איז א בן עולם הבא.

פיליכט פרעגט יעמאַנד, אָבער פון וואַנען ווייס איך, אַז „דבר" די איין זאַך מיינט „צדקה דווקא"? אַלזאָ פרעג איך אייך ווידער, פון וואַנען נעהמען זיי זיך אַז פושעי ישראל מלאים מצות כרימון? ער האָט דאָך גאָר ניט מקיים געווען קיין איין מצוה, האָב איך אייך ערקלעהרט גענוג, אַז מיט צדקה ווערט ער מלא מצות כרימון, ודו"ק.

# לצדקה

(ברכות, דף ו').

„כיון שנצטרך אָדם לבריות פניו משתנות ככרום".

דער גביר דאַרף ניט קוקען אויף דעם אָרימאַן אַזוי ווי אויף אַ פאַרשאָלטענע בריאה, אַזוי ווי פיעלע דענקען, אַז דער אָרימאַן איז גאָר אַן אַנדער סאָרט באַשעפעניש. ער איז ניט קלוג, ניט געבילדעט, ניט פעהיג — אַ „שלומיאל", ער טויג צו גאָרניט. ניין, טויזענד מאָל ניין! עס איז גאָר פונקט דער היפוך — דער אָרימאַן איז אָפט קליגער, געבילדעטער און פרימער פאַר דעם גביר.

נאָר פאַר וואָס איז דאָס אַזוי, דאָס דו גביר, דיר איז גוט און ער, דער אָרימאַן, איז נעבאָך אויף צרות? איז דאָס באַשטימט ווי דער תלמוד דערצעהלט (בבא בתרא דף יוד) „שאל טרנוסרופוס הרשע את ר"ע, אם אלהיכם אוהב את העניים מ"מ אינו מפרנסם, א"ל כדי שניצול אָנו מדינה של גיהנם". אָט האָט איהר אַ לעבעדיגען פאַקט, אַז דער אָרימאַן איז ניט אומגליקליך, אַז ער איז ניט אַן ערגערע באַשעפעניש ווי איהר רייכע לייטע. ניין! ער איז ניט קיין אָרימאַן, ווייל ער איז זינדיג, נאָר כדי אייך, גבירים, צו רעטען פון דינה של גיהנם — ווייל איהר זינדיגט; איהר, גבירים, זינדיגט גענוג אויף דער וועלט, איז כדי אייך צו רעטען פון גיהנם, האָט דער רבוש"ע באַשאַפען אַזעלכע מענשען אויף דער וועלט, וועמען עס זאָל אין קיין זאַך קיין הצלחה ניט קומען, אום איהר זאָלט האָבען עולם הבא דורך דעם, וואָס איהר וועט זיי מיט כבוד מפרנס זיין.

אַלזאָ, ניט איהר זייט נויטיג פאַר די אַרימע לייט, נאָר די אַרימע לייט זיינען נויטיג פאַר אייך, איהר קענט גאָר אָהן זיי ניט לעבען אויף דער וועלט. און דער אַרימאַן וועלכער ווייסט דערפון, ווערט נעבאך זיין פנים פאַרענדערט, ווען ער איז מקבל פון אייך אַ נדבה, ווייל ער פאַרשטעהט, אַז ער איז ניט ערגער פון אייך, ער איז דער־זעלבער מענש; ער איז אַבער אַן אומגליקליכער צוליעב אייערע עונות, כדי אייך מזכה צו זיין. און אפילו דער וואָס ווייסט עס ניט, „אעפ״י הוא לא חזא, אבל מזליה חזא״.

„כיון „שנצטרך״ אדם לבריות״, ווי באַלד אַז דער מענש איז נויטיג פאַר דער מענשהייט, הן בעולם הזה והן בעולם הבא, און ער שפּירט עס, ווערט נעבאך זיין פנים פאַרענדערט ווי יענע חיה, וואָס הייסט „כרום״, וואָס „כיון שחמה זורחת עליו נשתנית לכמה גוונין״, ווייל ווי נאָר די זון שיינט אַרויף אויף איהר, ווערט זי פאַרענדערט צו אַ סך, זעהר פיעל קאָלירען. אזוי איז מיט דעם אַרימאַן, אַז אַ גביר, אויף וועמען די שמש ההצלחה שיינט, און אַז דער אַרימאַן קומט צו איהם, דאָס הייסט צו די זון, דעם גביר, ווערט ער נעבאך פאַר־ענדערט צו אַ סך קאָלירען... ודו״ק.

# לצדקה

(ברכות ב׳ ע״ב).

„מאימתי קורין את שמע בערבית משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן. וי״א משעה שהעני נכנס לאכול פתו בערבית, וי״א משעה שבני אדם נכנסין לאכול פתן בערבי שבתות.

שטאַרק, זעהר שטאַרק דאַרף אַ מענש זיין געהיט אין מצות צדקה. וויפיעל די תורה הקדושה האָט אָנגעזאָגט פון דעם ענין צדקה, איבערהויפּט האָט די תורה אָנגעוויזען, אַז דאָס איז אונזער גליק, „בגלל הדבר הזה יברכך ד׳״. די חכמים האָבען דעם גרעסטען פאַראַד געמאַכט פון דער „מצות צדקה״. איבער דריי הונדערט מאָל האָבען זיי דערמאָנט די מצות צדקה, ווי גליקליך מיר זיינען אויב מיר זיינען מקיים מצות נתינת צדקה ווי געהעריג איז (יעדער רב אָדער דרשן קען אליין געפינען די מאמרים).

מיינע טהייערע ברידער! ניט דער דאַווענען איז דער עיקר. אמת, מיר מוזען דאַווענען, איבערהויפּט ק״ש, וועלכע איז דאָך מדאורייתא,

און מיר מוזען דאָך די מצוה מקיים זיין. אָבער ווען אַ איד איז פרום און ער מעג דאַוונען מיט די גרעסטע כוונות און ער איז אַן אכזר אויף דעם אָרימאַן, ער האָט זיינע אויערען אין זיינע פיס, ניט אין קאָפּ, ווייל ער הערט ניט צו דעם אָרימאַן, ביז ער פאַלט איהם צו די פיס, איז דאָך אַ סימן, אַז מן הסתם זיינען זיינע אויערען אויף די פיס... דעם פרומען אידען זאָג איך, און אַלע זאָגען אַזוי, אַז דער גוטער גאָט, וואָס ליעבט דעם אָרימאַן, הערט געוויס צו זיין דאַוונען.

מיין טייערער! בעפאָר דו געהסט דאַוונען מעריב, וואָס דאָס איז שוין די לעצטע תפלה פון טאָג. דער טאָג איז שוין אוועק, און דו, צדיק, האָסט צוויי מאָל געגעסען און דו הייליגסט זיך אַ דריטען מאָל, כדי דו זאָלסט געהן עסען אַ דריטען מאָל... און עס קען זיין, אַז דער אָרימאַן האָט נאָך היינט אפילו איין מאָל ניט געגעסען. אַלזאָ, ווייסטו, מיין ליעבער פרומער אידעלע, דיין מעריב איז ניט ווערט אַ פּעני, דיין מעריב טויג ניט.

אַז דו געהסט דאַוונען מעריב, ווייסטו ווען דאָס איז די צייט, אַז דו מעגסט שוין געהן דאַוונען. „מאימתי קורין את שמע בערבית", פון ווען איז די צייט, וואָס דו מעגסט דאַוונען מעריב, „משעה שהכהנים נכנסין לאכול בתרומתן", פון דער צייט וואָס „כהנים" רבנים, דרשנים, מחברים און אַלע כלי קודש האָבען צו עסען, דאַן מעגסטו דאַוונען. איבערהויפּט דאַרפסטו אַכטונג געבען אויף די תלמידי חכמים, די כהנים הייסט עס, אויב דו האָסט זיי געגעבען „תרומה", אויב דו גיסט זיי גענוג אויף צו מאַכען אַ לעבען.

ויש אומרים, און אַנדערע זאָגען, אַז ניט אויף די תלמידי חכמים אַליין מוז מען אַכטונג געבען. אמת, זיי זיינען פריהער, פריהער, גאָר פריהער, אָבער דו טאָרסט נאָך ניט דאַוונען, מיין ליבער אידעלע, זאָגען אַנדערע חכמים. ווען מעגסטו שוין דאַוונען מעריב? משהעני נכנס לאכול פתו... ווען, ווען, ווען מעגסטו שוין דאַוונען מעריב? ווען דער אָרימאַן געהט עסען זיין אָבענד־ברויט; דער אָרימאַן, וואָס האָט קיין ליכט ניט, פאַר איהם איז פינסטער די וועלט, פינסטער, פינסטער. דו האָסט שוין צוויי מאָל געגעסען, ער נאָך קיין מאָל ניט. צדיק מיינער, געה ניט דאַוונען מעריב ביז דער אָרימאַן האָט וואָס צו עסען. „פּתו" — זאָל ער כאָטש האָבען „פּת במלח", ווען כאָטש זיין גענוג, דאַן געה דאַוונען, מיין טייערער.

„ויש אומרים", צו אַן אַנדער קאַרגען, צו אַ גרעסערען ווי דער פון וועלכען מיר האָבען יעצט גערעדט, „בשעה שבני אדם נכנסין לאכול פתן בערבי שבתות", ווען דו האָסט אַ גאַנצע וואָך ניט מקיים

געוועזען. דאס וואס מיר לערנען דיר, און דו האסט אנגעקלאפט דעם רבוש"ע א פולע קאפ (דברה תורה כלשון בני אדם) מיט דיינע תפלות און דו אליין האסט ניט געקוקט אויף דיין ארימען ברודער, זיי כאטש א מענש איין מאל א וואך, „שבת קודש" גיב אכטונג אויב דער ארימאן האט וואס עסען, ודו"ק.

# לגמילת חסדים

(פסחים, דף קי"ז)

אמר רשב"ל, ואעשך לגוי גדול זהו שאומרים אלהי אברהם, ואברכך זהו שאומרים אלהי יצחק, ואגדלה שמך זהו שאומרים אלהי יעקב, יכול יהיו חותמין בכולם ת"ל ותיה ברכה, בך חותמין ואין חותמין בכולן.

דער תנא זאגט, „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים" די דריי עמודים, דאס זיינען אונזערע אבות, אברהם יצחק ויעקב, די גרינדער פון אונזער רעליגיאן. אברהם איז דער „עמוד גמילות חסדים", איבערהויפט איז ער איבערגעגעבען געוועזען צו דעם עמוד. אויף אברהם האבען די חכמים געזאגט, „קיים אברהם אבינו כל התורה כולה, אפילו ערובי תבשילין", נאר „גמילות חסדים" האט ער מקיים געוועזען איבערהויפט, מיט מעהר ענערגיע, מיט מעהר איבערגעבענהייט, מיט זיין גאנצען לעבען, אזוי ווי די חכמים דערצעהלען, אז איינער פון די תנאים פרעגט דעם אנדערן, „אביך במאי זהיר טפי" ודו"ק.

יצחק איז דער „עמוד העבודה", מעהר פאר אלעם. יעקב איז דער „עמוד התורה". זאגאר יצחק האט מקיים געוועזען גמילות חסדים און תורה, יעקב האט אויך אזוי מקיים געוועזען אלעם, ווי ער זאגט: „עם לבן גרתי ותרי"ג מצות שמרתי" אבער דאך איז ביי איהם די תורה געוועזען העכער פאר אלעם, פערצעהן יאהר ניט געשלאפען און נאר געלערענט. עס איז געוועזען צייטען אז מיר זיינע קינדער האבען אלעם מקיים געוועזען אלע דריי עמודים, אבער יעצט, ליידער, ווייניג איז ביי אונז פאראן, וואס זיינען אלע דריי עמודים מקיים. נאר נייינציג פראצענט פון אונזערע ברידער, זיינען מקיים גמילות חסדים און אין כלל צדקה. פאר צדקה און גמילות חסדים, זיינען יעצטיגע צייט אלע איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען.

אין אַנדערע דורות, איז געווען צייטען, וואָס זיינען מעהר איבערגעגעבען געווען צו תורה. נאָך צייטען זיינען געווען, וואָס זיינען איבגעגעבען געווען מעהר צו עבודה, היינטיגע צייטען מעהר צו „גמילות חסדים".

אברהם מיין טהייערער, „ואעשך לגוי גדול, זהו שאומרים אלהי אברהם" אַז אידעלעך, דיינע קינדער וועלען זאָגען, מיר מוזען מקיים זיין „גמילות חסדים" מעהר פאַר אַלעס, „ואברכך, זהו שאומרים אלקי יצחק", דאָס איז, דיינע קינדער וועלען מקיים זיין עבודה, האָסטו שוין גמילות חסדים און עבודה. „ואגדלה שמך, זהו שאומרים אלקי יעקב, זיי וועלען אויך האָבען התמדה צו דער תורה, זיי וועלען מקיים זיין אַלע דריי עמודים, אָבער מיין טהייערער, זיי וויסען דאָס עס וועט קומען אַ צייט, אַז אידעלעך וועלען זיין פויל אין עבודה און אין תורה, נאָר זיי וועלען האַלטען גמילות חסדים, בעפאָר די גאולה וועט קומען, וועט אַזוי זיין, מיין טהייערער אברהם, אָבער גמילות חסדים וועלען זייי טאָהן אויף דעם העכסטען גראַד. „יכול יהיו חותמין בכולם", איך וואָלט וועלען מיינען, אַז ביי דער ענדע פון גלות, בעפאָר משיח צדקנו וועט קומען, וועלען זיי אַלע דריי עמודים האַלטען, ניין, זיי וועלען האַלטען ביי דער ענדע „בך חותמין" גמילות חסדים „ולא בכולם", מגן אברהם וועט אימער זיין, און אַז די גאולה וועט קומען במהרה בימינו, וועלען זיי אַלעס האַלטען.

# לגמילת חסדים

(סוטה, דף י"ד)

„תורה תחלתה גמילות חסדים וסופה גמ"ח, תחלתה גמ"ח דכתיב ויעש ד"א לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם וסופה גמ"ח דכתיב ויקבור אותו בגי מול בית פעור.

עס איז פאַראַן צווייערליי „גמילות חסדים" ביידע האָבען דעם זעלבען נאָמען. די ערשטע איז, אַז אַ מענש נויטיגט זיך צו הילפע, איהם געהט נעבאַך ניט גוט, אין זיין ביזנעס, ווי די תורה זאָגט, „כי ימוך אחיך ומטה ידו והחזקת בו" האָט די תורה פאַרזאָגט, אַז דיין ברודער ווערט אָרעם, און ער האַלט ביים פאַלען, דאַן מוזטו איהם אונטערשפּאַרען, איהם שטאַרקען, אַז ער זאָל ח"ו ניט פאַלען, נאָר דו זאָלסט זעהן איהם שטאַרקען מיט געלט, איהם אויסלייהען, און

ער זאָל זיך קענען שטעלען אויף זיינע פיס, דאָס הייסט, ער זאָל קענען ווייטער אָנגעהן מיט זיינע געשעפטען, לאָז איהם ניט פאַלען — איז דער אָנזאָג פון דער תורה. דאָס הייסט גמילות חסדים.

נאָך אַ סאָרט גמילות חסדים איז פאַראַן. ווען איינער שטאַרבט, און מען דאַרף איהם „מקבר" זיין, און אַלעס וואָס מען דאַרף טהאָן מיט דעם נפטר, איהם צו ברענגען צו קבר ישראל, די „לויה" א. ז. וו. דאָס הייסט אויך „גמילות חסדים". אויף די צווייטע איז פאַראַן זעהר פיעל די וואָס זיינען מקיים — באַגראָבען איז די העכסטע מצוה אין אַמעריקא, די הונדערטע צערעמאָניעס, געוועהנליך, ניט פון אידישען „שלחן ערוך", נאָר פון חוקות העכו"ם, ביי דער קבורה, און נאָכהער ביי די אבלים, מיט'ן שוואַרצען פאַס אויפ'ן האַנט, די אַלמנה מיט איהר שוואַרצען סוט און וואוּאַל, א. ז. וו. אין „כלל" פאַרהייליגט מען די סעמעטערי, אָדער זיי פאַרהייליגען עס גאָר ניט, נאָר סתם אַזוי, זעהר פיעל נייע מנהגים, מיט חנוך הקרקע, נאָכהער א גדר אַרום דער סעמעטערי און תשעה באב קומען און מאַכען הזכרה, נעהמען די אבלים עפּעס אין מויל אריין, און די אַלע זאַכען זיינען געבליבען איינגעוואָרצעלט אַזוי ווי די טייערסטע מנהגים, אָדער גאָר מצות.

אַלזאָ, מיר ווייסען, אַז די גרעסטע „גמילות חסד" וואָס אמעריקא־נער זיינען מקיים, איז נאָר פאַר די טויטע, אָבער פאַר די לעבעדיגע, דער גמילות חסדים, איז צום באַדויערען ניטאָ. אין פיעלע סאָסייעטיס אָדער שוהלען איז פאַראַן אַ „גמילות חסדים" און אויב עס איז פאַראַן, איז עס אויך צו באַדויערען וויפיעל די הילף איז. דער הימעלשער פאָטער האָט אונז געוויזען, אַז עס דאַרף זיין פונקט פאַרקעהרט. דער אָנפאַנג פון גמילות חסדים דאַרף זיין צו לעבעדיגע, דאָס איז דער עיקר, ניט דער גמילות חסדים פאַר טויטע. „תורה — תחלתה גמילות חסדים", די תורה לערענט אונז, אַז דער אָנפאַנג גמילות חסדים דאַרף זיין, דאָס הייסט, דער עיקר גמילות חסדים, פאַר לעבע־דיגע, ווי גאָט האָט געטהאָן צו אָדם וחוה. זיי שעהמען זיך וויל זיי זיינען נאַקעט — „ויעש אד' לאדם ולאשתו כתנות עור וילבישם", און „וסופה", די ענדע, דאָס הייסט, די קלענערע גמילות חסדים, האָט די תורה געשטעלט ביי דער ענדע, ווען משה שטאַרבט, „ויקבור אותו בגי מול בית פעור", און דאָס אַלעס. אָבער תחלתה, דער עיקר פון גמילות חסדים דאַרף זיין צו לעבעדיגע. און נאָך עטוואָס קענען מיר זיך לערנען פון די גמילות חסדים וואָס גאָט ב"ה האָט געטהאָן צו „אדם וחוה".

ביי אונז איז דער מנהג, אַז עס געפעהלט ניט דער אָרימאַן אַזוי גוט, ער איז אַן עם הארץ, אָדער ער איז ניט קיין פרומער, אָדער סתם עפּעס, אַז מען האָט אויף איהם אויסצוזעצען, קריגט ער גאָרניט. דער רבוש"ע האָט געוויזען אונז, אַז ניט אַזוי דאַרף מען האַנדלען, מען זאָל באַטראַכטען, ווי ער האָט געטהאָן, „גמילות חסדים" גראָדע אין דער צייט, וואָס אָדם און חוה האָבען געזינדיגט, און טאַקע אַ גרויסען פאַרברעכען האָבען זיי אָפּגעטהאָן, און השי"ת האָט ערשט דאַן מיט זיי געטאָן גמילות חסדים. (די איבעריגע אַליין ארומצו־רעדען.

# לגמילת חסדים

(ברכות, דף ה׳).

„לעולם ירגיז אָדם יצר הטוב על יצר הרע, אם נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה, וא"ל יקרא קריאת שמע וא"ל יזכור לו יום המיתה".

דער תנא זאָגט: „על שלשה דברים העולם עומד, על התורה ועל העבודה ועל גמ"ח". אַלזאָ, ווייסען מיר, אַז אויף די דריי „עמודים" שטעהט די גאַנצע וועלט. אין אַמעריקא זאָגען זיי, אַז די וועלט שטעהט גאָר אויף אַנדערע דריי עמודים און דאָס זיינען — „געלט, געלט און געלט, און אַז זיי האָבען די ערשטע געלט — פאַרלאָזט מען דעם ערשטען „עמוד", און דאָס איז די תורה; אַז זיי האָבען שוין דעם צווייטען מאָל געלט, דאָס הייסט, נאָך מעהר אביסעל, פאַרלאָזט מען שוין דעם צווייטען „עמוד" — עבודה, מען דאַוונט שוין ניט און מען איז שוין ניט מקיים קיינע פון די מצות, נאָר „שלש רגלים" געהט מען נאָך בלומרשט אין שוהל אַריין, נאָך דעם עסען... נאָר איין זאַך טהוען זיי נאָך, פון גמ"ח האַלט מען. דאָס איז אויך גוט. זאָלען זיי כאָטש געלט געבען.

און דאָס איז די טייטש פון מאמר „לעולם ירגיז אדם יצר הטוב על יצר הרע" — אימער זאָל אַ מענש מאַכען דעם הערשער דעם יצר טוב אויף דעם יצר הרע. דער יצר טוב זאָל ביי איהם זיין דער בעל־הבית און דער יצר הרע דער שקלאַף. ער זאָל מקיים זיין אַלע דריי עמודים, „ואם לאו" — און אויב ח"ו ניט, ער קען שוין ניט באַהערשען זיך, ער האָט שוין איינמאָל געלט, דאָס הייסט „זיין עמוד" און ער

האט שוין ניט קיין צייט צו לערנען, דער יצר הרע האט שוין צו־גענומען פון איהם דעם עמוד, די תורה!

זאל ער כאטש זעהן, ער זאל איהם ניט אוועקגעבען דעם צווייטען עמוד, יקרא ק"ש, דאס איז „עבודה"... אבער ח"ו „ואם לאו" — ער האט שוין נאך אמאל געלט... און ער האט שוין ניט קיין צייט צו דאווענען און טהאן מצות מעשיות. דער יצר טוב איז שוין ביי איהם כמעט אין גאנצען שוואך, און דער בעל־הבית ווערט שוין דער יצר הרע... ער האט שוין צופיעל געלט... דער יצר הרע מיט די געלט האבען איהם שוין פארפיהרט, ווי דער בוטשער פארפיהרט אין שלאכט־הויז דעם אקס — מיט א בינטעל היי.

האלט כאטש מיין טייערער, האלט כאטש מיין ליעבער פון טויט, פון „גמילות חסדים של אמת", געוויס פאר די לעבעדיגע, דעם טויט מיינען זיי ניט, דאס איז ביי די חברה לייט, די וועלכע האלטען שוין פון גאר ניט, ביי די זעלבע איז דער טויט גאר ניט, זיי לערנען זיך ניט קיין מוסר פון טויט; ביי זיי איז דאס גארניט — אריינגעשאסען זיך אין הארצען, און שלאף ברודער... נאר דאס מיינט גאר פשוט „גמילות חסדים", אז דו ביזט שוין יא אוועק פון וועג, אז דו ביזט שוין יא עובר אויף כל התורה, טא האלט כאטש פון גמילות חסדים, שטיץ ארימע, העלף געדריקטע, שטיץ די געפלאגטע. קומסטו שוין אמאל אין שוהל, גיב כאטש געלט; קומט מען ביי דיר בעטען — עפען דיין האנט; לערען פון טויטע גמילות חסדים... עס זאל כאטש כדאי זיין וואס דו לעבסט אויף דער וועלט. אויב ניט, מיין טייערער, אויף וואס טויגסטו?... וואלט דען ניט גלייכער געוועז, אז דו זאלסט ניט געבארען ווערען?

ווייסטו וואס, דו שעהנער מענשעלע, איך וועל דיר זאגען, אז אויב עס העלפט דיר ניט כאטש עפעס, מוז איך דיר אנזידלען. איך האב געוואלט דיר לערנען א שעהנערען פשט אויף „יזכור לו יום המיתה", אז דאס איז דער דריטער „עמוד" — אויב עס העלפט דיר ניט, וועל איך דיר טייטשען, מיין טייערער, דעם ריינעם פשט. אויב דו ביזט אזא גביר, וואס דו האסט שוין געלט און געלט און געלט און דו ביזט שוין איינגאנצען פארפרוירען, א קאלטער, קאלטער איך און אויך א קאלטען מענש צו דעם צווייטען, דאן, ברודערל, לערען איך פאר דער דעם פשט אזוי:

„יזכור לו יום המיתה", דערמאן זיך דיין טויט. אז אויף דער וועלט איז ניטא קיינער וואס האט זיך מיט דער געפרעהט — ניט גאט, ניט לייטען, וועלען כאטש מיט דיר זיך פרעהען די ווערים...

זיי וואַרטען אויף דיר, אויף דיין גראָבער בייכעל, מיין טייערער... אַז מען וועט דיר אַרויסנעהמען פון דיין ליכטיגען פּאַלאַץ און אַריינטהאָן אין דעם פינסטערען קבר און עס וועלען זיך צוכאַפּען צו דיר די אויבענדערמאָנטע ווערים און מאַכען פון דיר אַ צימעס, דערמאָהן דיך אַן דעם.

און דו קענסט גאַרניט וויסען, מיין ליבער, אַז ווען דו זאָלסט גוטעס טאָן די ליידענדע און זיי וועלען ווינגען נאָך דיין לעבען, אַז דו פעהלסט זיי — און די ווערים וועלען זיך דאַן פאַר דיר דער־שרעקען און דיר קיין שלעכטס ניט טהאָן... פאָלג, מיין טייערער, און זאָל דיר טאַקע גוט זיין דאָ און דאָרט.

# די מצוה פון לערנען תורה

(שבת, דף ל"א)

בשעת שמכניסין אדם לדין אומרים לו, נשאת ונתת באמונה, קבעת עתים לתורה, וכו'.

תוספות אין קדושין און אין סנהדרין פרעגען: סטייטש! מיר האָבען דאָך געלערענט אַז תחלת דינו של אדם אלא על דברי תורה? איך האָב געזעהן אין אַ ספר, אַז די פראַגע נשאת ונתת באמונה, איז טאַקע די צווייטע פראַגע, אויך צוליעב דער תורה, ווייל דער יצר הרע איז אַ גרויסער העלד, ער געפינט ווי אַזוי צו צו־ריידען אַ מענשען צו אַן עבירה, אויסגעפינען אַ טריק מיט וואָס מנצח זיין דעם מענשען, איבערהויפט ביי תורה לערנען. אַז דער מענש זאָל „קובע עתים לתורה" זיין, דאָס איז פאַר איהם ניט קיין געשמאַקע זאַך. ער וויל עס ניט ווייל די תורה שוואַכט אָב דעם כח פון דעם יצר הרע, אַזו ווי זיי זאָגען, אם פגע בך וכו' משכהו לבית המדרש, אם אבן הוא וכו'.

אָגט צו איהם דער יצר הרע, אמת לערנען איז גוט, אָבער אַז דו וועסט עס טאָהן, וועסטו ניט האָבען פון וואָנען צו לעבען... און עושה צדקה בכל עת, זה הזן אשתו ובניו הקטנים... דו ביסט אַ גזלן, אויף דיר מיט דיין פרוי און דיינע קינדער! מערדער איינער! איז דאָ אין אַמעריקאַ צייט צו לערנען? אין דער פרי, וואָס שנעלער צו דער אַרבייט, אין אָבענד ביזטו דאָך פאַרמאַטערט, אַז דו וועסט זיך אויס־רוהען און היטען זיך, וועסטו קענען מאַכען אַ לעבען, אַז ניט ביזטו אומגליקליך.

אבער דו מענשעלע לאז זיך ניט פארפיהרען, אז דו וועסט שבת אפהיטען און לערנען דעם טאג שבת, און אין מיטען וואך דאווגען, און אז עס נעהמט דיר א האלבע שטונדע מעהר, טרוי דעם רבש"ע, אז ער קען דיר אוועקגעבען. מיין ניט ליבער אידעלע, אז דו וועסט זיך דארט פטר'ן מט דעם וואס דער יצר הרע רעדט דיר איין. אין דער אמת'ן פרעגען זיי דארט אין אנפאנג אויף דער תורה, אבער אז זיי פרעגען, ענטפערט דער מענשעלע, יא, רבוש"ע! איך האב זיך געאיילט צו געהן גיכער אין ביזנעס, ווייל מען דארף לעבען, מען מוז דאך מפרנס זיין א ווייב מיט קינדער.

פרעגט מען איהם, מיין טהייערער, ווי האסטו געפיהרט דיין ביזנעס, אלעס פאר קעש אדער אויף קרעדיט, דו האסט זיי געגלויבט דיינע קונים, אז זיי וועלען דיר באצאהלען, האסטו זיי געבארגט, אז דו וואלסט ניט געהאט אין זיי אמונה, וואלסטו ניט געגעבען, היינט זעה מיין טהייערער, מיר ווילען דיר פרעגען בעפאר אלעס, אויף תורה, אבער מיר ווייסען וואס דו וועסט זאגען, אז דו האסט זיך געאיילט צו ביזנעס, שבת האסטו ניט געהאלטען, ווייל דו האסט מיר ניט גע־גלויבט, אין מיר האסטו קיין אמונה זאג־זשע מיר „ונשאת", אז דו האסט געטראגען ווארע פון דיינע קרעדיטארס, „ונתת" אז דו האסט געגעבען ווארע צו דיינע קאסטימער, איז דאך געוועזען ניט קעש, זאגסטו, נאר „באמונה" אויף גלויבען. דיר האבען דיינע קרעדיטארס געגלויבט, און דו האסט דיינע קאסטימער געגלויבט, דאס הייסט, אז „נשאת" און „ונתת" איז דאך געווען „באמונה", יעצט וועלען מיר דיך פרעגען, טהייערער אידעלע, צאצקעדיגער מענשעלע, אז אלע דיינע ביזנעס איז געווען באמונה, „קבעת עתים לתורה" א ווייל לערנען? וואָרום האסטו מיך ניט געהאלטען אזוי ווי דיינע קרעדיטארס האלטען דיך, און אזוי ווי דו האסט געהאט אמונה אין דיינע קאסטימער, אזוי כאטש האסטו געדארפט א האלבע שטונדע פאר מיר טאהן און האבען אמונה.

טאקע עס איז תחלת דינו של אדם על דברי תורה, אבער אז מען פרעגט על דברי תורה, מוז מען פריהער פרעגען „נשאת ונתת באמונה" וואס דאס איז אויך צוליעב דער תורה.

# חכמת שלמה

(שבת, דף ל׳)

שלח שלמה לבי מדרשא, אבא מת ומוטל בחמה, וכלבים של בית אבא רעבים, מה אעשה, שלחו ליה חתוך נבלה והנח לפני הכלבים, ואביך, הנח עליו ככר וטלטלו.

רשי זאָגט, אַז עס זיינען צוויי באַזונדערע פראַגעס, ער האָט ביידע געדראַפט וויסען אויף ריכטיג, אָבער וואָס איז דאָס, פאַר אַזאַ צוזאַמענפאַרען? דער טאַטע איז געשטאָרבען און ליגט אויף דער זון, און דעם טאַטענס הינט זיינען הונגעריג, וואָס זאָל איך טאָהן? זעהר אַ שעהנע שייכות, דער טאַטע מיט הינט!

דאָ ליגט אַ פּאָליטישע פראַגע, און זיי האָבען געענטפערט פּאָליטיש און זעהר קלוג. ווי באַוואוסט האָט דוד געהאַט זעהר פיעל שונאים, אפילו אבשלום זיין זוהנעלע, דאָס ווייסט איהר דאָך .... אַ פּשיטא שוין זיינע פרעמדע שונאים, וואָס זיי זיינען געוועזען אָהן אַ צאָהל. בעפאָר זיין פטירה, האָט דאָך מורד געוועזען אין איהם זיין זוהן „אדוניהו“ און ער האָט געזאָגט „אני אמלוך“.

יעצט באַרעכענט, שלמה איז אַ יונגער קינד, דער פאָטער זיינער דוד, האָט אַ צוואה געלאָזען אַז שלמה זאָל זיין מלוכה־שטוהל פאַר־נעהמען, און יעצט איז שלמה אַלט עפּעס מעהר ווי צוועלף יאָהר, און דער פאָטער שטאַרבט אַפּ פּלוצלונג און די שונאים זיצען זיך יעצט און ווילען געוויס אדוניהו פאַר׳ן קעניג, און נאָך אַזעלכע ווי זיין גלייכען וואָס זיי וואָלטען אויסגעקליבען, נאָר ניט שלמה׳ן, ווייל דאָס איז זיין פאָטער׳ס פאַרלאַנג, און דאָס פאַרשטעהט מען, אַז אין דער צייט האָבען זיינע שונאים זיך צוזאַמען גערעדט אַז אַ בונט דאַרף געמאַכט ווערען וואָס שנעלער, און זיי האָבען טאַקע אַזוי געטאָהן.

נאָך אַמאָהל, פאַרשטעהט גאַנץ גוט, די לאַגע פון דעם יונגען קינד. „שלח שלמה לבי מדרשא“ האָט שלמה אַוועק געשיקט פרעגען ביי די חכמים, זאָגט מיר וואָס זאָל איך יעצט טאָהן: „אבא מת“ דער טאַטע איז פּלוצלונג געשטאָרבען, און ער ליגט נאָך „בחמה“ — און איהר ווייסט דאָך ווי מיין טאַטע האָט אין זיין תהלים אָנגערופען זיינע שונאים „סבבוני ככלבים, עדת מרעים הקיפוני“... הערט, חכמים, „מה אעשה“ וואָס זאָל איך טאָהן אין אַזאַ צייט, דער טאַטע איז פּלוצ־לונג געשטאָרבען, „וכלבם של בית אבא“ — די שונאים פון מיין טאַטענס הויז „רעבים“ זיינען הונגעריג.... זיי ווילען יעצט געוויס

מאַכען אדוניהו פאַר קעניג, ווייל זיי זיינען זייער גאַנצען לעבען הונגעריג געווען, געוואָלט איינשלינגען דוד... אָבער יעצט קענען זיי דאָס טאָהן.

„שלחו ליה" האָבען זיי איהם אָבגעשיקט אַזאַ פּאָליטישען אַנט־וואָרט: שלמה! זיי וויסען, יעצט ניט צו פאַרזאַמען איין מינוט, שלאָף ניט! נעהם זיך שנעל! אדוניהו מיט נאָך אייניגע פון די שלעכטע מענשען, זיינע כלבים, „חתוך נבלה", צו שנייד זיי. טוים זיי אָב. מאַך פון זיי אַן ענדע. שנעל „חתוך נבלה" און דו זאָלסט עס טאָהן אַזוי, „והנח לפני הכלבים" און לייג די נבלה פאַר די כלבים, וועלען זיי שוין מורא האָבען. זיי וועלען זיך צולויפען וואו פעפער וואַקסט. און דאָס וואָס דו פרעגסט וועגען דיין טאַטען, „ואביך"? וואָס ער איז פּלוצלונג געשטאָרבען, און דו ביסט יונג, און ער דיין טאַטע האָט געהאַט אַ סאַך שונאים, און אַז דו ווילסט מען זאָל דיך ליעבען, באַלד היינט גיב אַרויס אַ מאַניפעסט פאַר אַלע אַרבייטער און אויך ביזנעסלייט, אַז דו וועסט גלייך זעהען, אַז אַלע זאָלען מאַכען אַ לעבען... דו וועסט פאַרגרעסערען דעם האַנדעל מיט דער וועלט, ניט ווי עס איז געווען ביי דיין טאַטען, אַז אַלע טאָג פלעגען קומען אידעלעך איהם באַדערען, „עמך ישראל צריכין פרנסה" (ברכות ד'), „ואביך" דאָס הייסט וועגען די מלוכה, „הנח עליו כבר" זעה מען זאָל מאַכען אַ לעבען, „וטלטלו" וועסטו איהם שון מטלטל זיין, דאָס הייסט דיין טאַטענס מלוכה, ודו"ק.

# גוף ונשמה

(תענית, דף ה')

„רב נחמן ור' יצחק הוו יתבי בסעודתא א"ל ר"נ לר"י לימא מר מילתא, א"ל הכי אמר רבי יוחנן אין משיחין בסעודה שמא יקדים קנה לוושט ויבא לידי סכנה, בתר דסעיד א"ל הכי אמר ר' יוחנן יעקב אבינו לא מת, א"ל וכי בכדי ספדו ספדייא וחנטו חנטייא, א"ל מקרא אני דורש, שנאמר ואתה אל תירא עבדי יעקב כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים, מקיש הוא לזרעו, מה זרעו בחיים, אף הוא בחיים".

עס זיינען פאַראַן יחידי סגולה, די וועלכע ווילען ניט האָבען קיין תענוגים אויף דער וועלט. זיי זוכען נאָר אָפּצוקומען, זיך פּלאָגען, ניט עסען, און אויב עסען — עסען זיי זעהר ווייניג אויפּשוט'ע מאכלים,

מען זאָל קיין הנאה האָבען, און ווען עס מאַכט זיך אַ תענית, זיינען זיי גליקליך, און אויב פון דעם תענית ביז אַ צווייטען נעהמט אַ צייט, דאַן מאַכען זיי זיך אַנדערע תעניתים, אייגענע הייסט עס, אומגעפעהר אַ מאָנטאָג אָדער אַ דאָנערשטאָג, אויף אַ תענית חלום, אַ יאָהר־צייט, וכדומה. און דאָס פלאָגען זיך, איז ביי זיי דער גרעסטער פאַרגעניגענד, ווייל זיי ווילען דיענען מיט אזא וועג דעם באַשעפער.

נאָך אַ כתה איז פאַראַן, אַ בעסערע אַ שעהנערע, וואָס זיי זאָגען דוקא, דיענען גאָט מיט עסען און טרינקען און אַלע אָרענטליכע כשר'ע פאַרגעניגענס. דער רבוש"ע וויל ניט האָבען, זאָגען זיי, אַז מען זאָל זיך פלאָגען, מען קען דיענען השי"ת מיט אַלע פאַרגעניגענס, „זו הדרך לכו בה" דאָס איז די גוטע וועג, די ריכטיגע וועג. דאַרום זאָגט די גמרא צו, „כל האוכל ושותה בערב יום הכפורים כאלו התענה תשיעי ועשירי", דער וואָס עסט ערב יום כפור פון גאָט'ס וועגען, ווייל גאָט האָט אַזוי אָנגעזאָגט, און אַזאַ זאַך איז ערגער, שווערער, ווי פאַסטען, ווייל פאַסטען איז דאָך געוויס לשם שמים, דער וואָס דיענט גאָט ערב יום כפור מיט עסען, מיט טרינקען, קריגט ער שכר פאַר דעם טאָג עסען ווי פאַר פאַסטען „תשיעי ועשירי" — ווייל פון דעם וועג האָט השי"ת נחת רוח, אַז זיין קינד פלאָגט זיך ניט.

דיענען השי"ת דוקא אין רייכקייט, אין לוקסוס, טהאָן גרויסע געשעפטען און געבען גרויסע צדקה, עסען אַ גוטען דינער, נאָר אַ ריכטיג כשר'ן נטילת ידים, ברכה ראשונה, ברכה אחרונה, געבען עסען צו אָרעמע, האָבען אַ שעהנעם וואָהנונג, און אָנקלאַפּען אַ שעהנע כשר'ע מזוזה, א. ז. וו., דאָס איז די ריכטיגע וועג, די טהייערסטע וועג, די שעהנסטע וועג, די בעסטע וועג. מען מעג עסען ווי אַ גוי — אַבי מאַכען אַ ברכה און אַלעס טאָהן, ווי אַ איד.

„יעקב" איז דער נאָמען זיינער קערפּערליך, „וידו אוחזת בעקב עשו", יעקב זאָגט צו זיין ברודער, אמת דו האָסט זיך גענומען עולם הזה, אָבער איך וויל אויך האָבען אַ גוטען טהייל צו עולם הזה, דורך געהענדיג די וועלטעלע, די עולם הזה וועלט, „וידו אוחזת בעקב עשו" — ווען יעקב טהוט ביזנעס, הייסט ער יעקב, ווען יעקב דיענט גאָט, הייסט ער „ישראל", — „כי שרית עם אלהים ואם אנשים".

ר' נחמן ור' יצחק הוו יתיבי בסעודתא" — זיי האָבען זיך ביידע געזעצט עסען, ר' נחמן זאָגט צו ר' יצחק, אין מיטען עסען, ווייסטו דען ניט, אַז דאָס איז גאָר ניט נעטהיג די גוטע מאכלים, ווייסטו אַז מען קען דיענען גאָט בעסער מיט די וועג פון ווייניגער תענוגים! „לימא מר מילתא", זאָג עפּעס אַ דבר תורה.

א״ל, זאגט ער צו איהם, „הכי אמר ר׳ יוחנן, אין משיחין בסעודה״ מען דארף ניט ריידען און עסען, אז מען עסט דארף מען עסען, און אז מען עסט, איז ווי א איד דארף ער עסען, און דאס אליין איז א גרויסע מצוה, אז מען עסט דארף מען הנאה האבען פון עסען, אז מען האלט אב פון עסען, דארף מען ריידען תורה, ווי דען אז מען זאל ניט עסען און זאגען אז דער גאנצער לעבען, איז נאר צו באפרידיגען די נשמה?

מיין טהייערער! דער מענש האט א „קנה״ פון וואנען עס געהט ארויס די „העברה״ דער קול, די רייד, דער מענש האט אבער אויך א וושט, וואו דורך וואנען עס געהט אריין דער עסען ... און אויב דער מענש וועט מקדים זיין דעם קנה פאר׳ן וושט, דאס הייסט, אז ער דארף עסען, וועט ער זאגען, ניין, איך וועל ניט נאכגעבען מיין ווילען, איך וועל דווקא נאר לערנען און ניט עסען, וועט ער לערנען אויך ניט קענען, זיינע קרעפטען וועלען אויסגעהן, און דאס אלעס.

ניין, מיין פריינד! דארום האט ר׳ יוחנן געזאגט, „אין משיחין בסעודה שמא יקדים קנה לוושט״, טאמער איז ער אזא סארט, וואס ביי איהם איז דער עיקר דער „קנה״ לערנען ווען מען וויל עסען, וועט ער מקדים זיין דעם קנה צום וושט, „ויבא לידי סכנה״ ער וועט קומען צום גרעסטען געפאהר, ער ווערט שוואך, און אז מען דארף לערנען קען ער ניט מעהר, זיינע קרעפטען זיינען ניטא...

א״ל, זאגט ער צו איהם, זעהסטו דען ניט וואס עס ווערט, „יעקב״ — דעם מענשען מיינט ער, — פון זיין קערפער, מען פאלמעסט, מען וויינט, מען קלאגט, מען נעהמט דעם קערפער, פון תענוגים און מען באגראבט אין דער ערד, א שעהנעם סוף האט דער יעקב, דער קערפער וואס ווערט גערופען יעקב. א״ל, זאגט ער צו איהם, הער זיך איין ... איך נעהם דאס ארויס פון א פסוק, אז ניט איך אליין זאג דאס, דאס זאגט די תורה, אז דער קערפער איז אויך דער העלפט פון מענשען, וואס ער מיט די נשמה צוזאמען, דיענען גאט, אומגעפעהר, דער מענש לאזט איבער קינדער, די קינדער זיינען צדיקים, טהוען זיי גוטעס מיט זייער דיענען גאט אזוי פיעל, דאס הייסט זייער קערפער מיט זייער נשמה דיענט גאט, אז דער פאטער זייערער הייסט גאר ניט געשטארבען, „שנאמר ועתה אל תירא עבדי יעקב״ און יעצט האב דאך קיין מורא מיין קנעכט „יעקב״, דו קערפער האב קיין מורא ניט אז דיין ארבייט אויף דער וועלט איז דער תכלית דיין קבר. ניין! דיין קערפער לעבט! „כי הנני מושיעך מרחוק״ איך וועל דיר העלפען פון וויטען, וואס דיר דוכט זיך, אז עס איז וויט צו פארשטעהן, אז „יעקב״

דער קערפּער זאָל זיין אַזוי טהייער ווי „ישראל" די נשמה. אַ משל
ווייז איך דיר, „ואת זרעך מארץ שבים" און דיינע קינדער וועל איך
העלפען מארץ שבים, „מקיש הוא לזרעו", קוים גלייך איך צו איהם
צו די קינדער, אַז די קינדער זיינען ווי ער, אידיש, גוט, פרום, איז
„מה זרעו בחיים אף הוא בחיים" און זיי מיט זייער קערפּער גיבען
צדקה, זייערע שווערע פאַרהאָרעוועטע געלט, מאַכען זיי לעבען זייער
פאָטער, אפילו נאָכ'ן טויט, דאָס טהוט אויף דער קערפּער, אַז דיינע
קינדערס קערפּער וואָלט ניט געווען נאָר די נשמה אַליין, דאָן וואָלט
עס גאָר ניט געווען, די נשמה אַליין קען גאָר ניט אויפטאָהן...

# ישראל בין העמים

(גיטין, י"א).

„ויקם מלך חדש על מצרים וגו', רב ושמואל, חד אָמר
חדש ממש, וחד אמר שנתחדשו גזירותיו וכו'.

איך האָב געזעהן אין ספרים זעהר אַ שעהנעם געדאַנק און „קרוב
לאמת", אויף דעם מאמר וואָס אויבערפלעכליך דאַכט זיך, אַז עס
איז גאָר אַ ווייטע פלוגתא צווישען „רב ושמואל", און טאַקע, ווי קען
דאָ זיין ווי אומעטום, וואָס די חכמים זאָגען ביי יעדער פלוגתא, אַז
„אלו ואלו דברי אלהים חיים", אַז איינער זאָגט „חדש ממש" און
דער אַנדערער זאָגט: ניין! עס איז ניט קיין נייער מלך געוואָרען,
נאָר דער פסוק וואָס זאָגט „ויקם מלך חדש" מיינט „שנתחדשו
גזירותיו", עס זיינען באַנייט געוואָרען זיינע גזירות נאָר, אָבער אין
דער אמת'ן איז עס געווען דער זעלבער — ווי קען דאָ זיין דאָס ביידע
זאָלען זיין אמת?

עס איז ידוע, אַז די אומות העולם וועלען אונז זוכען אימער
און אימער אָפּצושטויסען פון דער תורה און מצות, כדי עס זאָל
ניט דערמאָנט ווערען דער נאָמען איד. און דאָס דורכצופיהרען מיט
אונז האָבען זיי צוויי מעטאָדען. די ערשטע מעטאָדע איז: דורך
רדיפות און גזירות. אַנטהאָן די אידען אַלערליי צרות, און די מעטאָדע
גיט זיך זיי ניט איין קיינמאָל. וואָרים די נאַטור פון די אידען איז,
אַז גראָדע אין דער צייט וואָס זיי איז שלעכט לייקענען זיי ניט אין
זייער אמונה. נאָר אין געגענטהייל, זיי שטאַרקען זיך אין דער אמונה

זייערער מיט אַלע מעגליכקייטען, און דאַן זיינען זיי ערשט גוט און פרום און ווערען אַלע בעלי תשובה.

די צווייטע מעטאָדע איז גאָר דער היפוך פון דער ערשטער: זיי גיבען דעם אידען פרייהייט און זיי לאָזען זיי צו צו אַלע געשעפטען, אין כלל, אַלע בירגער פרייהייטען, אום זיי זאָלען זיך קענען אסי־מילירען. און אַט די מעטאָדע איז געפעהרליך פאַר דער נשמה, וואָרים ווי זיי באַקומען נאָר פרייהייט און זיי געניסען פון לעבען מיט אַלעמען צוגלייך די פרייהייט פון קערפּער, דאַן שטאַרבט אָפּ די נשמה. און דאָס איז די פּלוגתא זייערע. איינער זאָגט „מלך חדש“, טאַקע אַ נייער קעניג, ווייל דער שכל איז פאַר יעדען צו פאַרשטעהן: ווי קען עס זיין, אַז דער מלך, וואָס האָט געטהאָן אַזוי פיעל גוטעס און ער ווייסט די גוטעס וואָס די אידען האָבען אויפגעטהאָן אין מצרים, טאָ ווי קען זיין, אַז דער זעלבער קעניג זאָל אַזוי שלעכט ווערען פּלוצלונג, פון אַזאַ גוטען פריינד זאָל ווערען אַזאַ געפעהרליכער פריינד. דאָרום פאַרשטעהט ער, אַז דאָס איז געווען טאַקע אַ „מלך חדש“, דען דער ערשטער פּרעה איז געווען אַ אוהב ישראל, און דער צווייטער — אַ שונא ישראל...

אָבער דער צווייטער זאָגט, ווייל עס שטעהט ניט געשריבען „וימת מלך מצרים וימלוך אחר תחתיו“ — דאָרום גיט ער צו ער־קלעהרען, דעם מאַן דאָמר „מלך חדש ממש“: ניין, זיי ווייסען אַז דאָס איז געוועזען דער זעלבער, און זיי טאַקע ווייסען, אַז דער קעניג איז ניט אויסען געווען אַ טובה צו טהאָן אידען מיט דעם וואָס ער איז געוועזען צו גוט. זיין גוטסקייט איז גאָר געווען רשעות; מיט דער גוטסקייט איז ער אויסען געווען, אַז די אידעלאַך זאָלען אַראָפּ־געהן פון דרך הישר, דאַן וועט ער זיי קענען „אַסימילירען“, האָט ער דעם ערשטען מאָל געמאַכט מיט זיי, אַז דערפון, פון זיין גוטסקייט צו אידען זאָלען זיי ווערען אוים אידען. אָבער ווען ער האָט געזעהן אַז עס העלפט ניט, האָט ער זיך גענומען צו דער צווייטער מעטאָדע: דאָס איז מיט בייזען, אָבער אין דער אמת'ען איז זיין ערשטע טהאָט אויך געוועזען זיי דורכאוים צו פאַרניכטען, און דאָרום זאָגט ער חדש, ניט ווייל ער איז טאַקע געוועזען אַ נייער, נאָר ווייל „שנתחדשו גזירותיו“ — עס זיינען נאָר באַנייט געוואָרען זיינע גזירות, פון פריי־הייט צו צרות און רדיפות, אָבער דאָס איז דערזעלבער אַלטער מלך מצרים, ודו"ק.

# ישראל בין העמים

(ברכות ג׳, ע״א).

„שלש משמרות וכו׳ חמור נוער — כלבים צועקים — תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה״.

דריי פעריאָדען האָט דורכגעלעבט דאָס אידישע פאָלק, און פון די אַלע דריי האָט ישראל געליטען „בין העמים״, אין דעם פינסטערען גלות, וואָס ווערט גערופען „לילה״ — פינסטער ווי די פינסטערע נאַכט, וואָס כביכול קלאָגט אויף די אַלע דריי טהייל (פעריאָדען). שלש משמורות הוי הלילה — אין דריי טהייל (פעריאָדען) איז צוטהיילט די פינסטערע נאַכט, דער גלות, זייענדיג ביי די אומות העולם, אָדער בעסער געזאָגט „ישראל בין העמים״. גאָר די ערשטע צייט האָבען מיר געליטען פון ווילדע אַבערגלויביגע פעלקער, וועלכע זיינען געוועזן ווילדע מענשען, פשוט׳ע חמורים. זיי פלעגען זיך אָנ׳שכור׳ן און געהן מאַכען פאָגראָמען אויף דעם אידען; פלינדערן, טויטען, רויבען, בלוט פאַרגיסען, מענשען פאַרקריפּלען — דאָס איז געוועזן אין „משמורה ראשונה חמור נוער״, „הקב״ה שאג ישאג״ „על נוהו״ — אויף די ווילדע צייט.

נאָכהער זיינען שוין די מענשען געוואָרען געבילדעטער, אָבער אַ נייע צרה איז געקומען — דער אַנטיסעמיטיזם, בילען אויף אידען, הע־צען צו פאָגראָמען, עפענטליך רעדען און וואַרפען אַלערליי שמוץ אויף דעם אידישען פאָלק, דער איד האָט געליטען שרעקליך פון די חברה פון דעם צווייטען טהייל (פעריאָדע) — „משמורה שניה כלבים צועקים״ אַנטיסעמיטען.

דעם דריטען טהייל, האָבען מיר אַלע דריי צוזאַמען — „גלות אדום״, וואָס די מאַיאָריטעט זיינען קריסטען, פראָטעסטאַנטען, וואָס זיי גלויבען אין דעם „אותו האיש״, וואָס זיי זאָגען אַז גאָט ב״ה האָט אַריינגעלאָזען זיין גייסט אין דער בתולה מרים און זי איז שוואַנגער געוואָרען און זי האָט באַלד געבאָרען דעם נוצרי. אַי־אַי־אַי זיינען מיר זיך אויסגעשטאַנען פון זיי, פון דער „משמורה שלישית״, וואָס זיי זאָגען, אַז „תינוק יונק משדי אמו״, גאָר אָהן אַ מאַן, נאָר פון רוח... דאָ האָבען מיר געהאַט, און האָבען נאָך יעצט, אַלע דריי צוזאַמען: הוליגאַנעס, מאַכען פאָגראָמען מיט׳ן צלם אין האַנד, אי־זאַבעלאַ, פערדינאַנד און טאָרקוועמאַדאַ, מיט זייערע העלפער, מיט׳ן צלם אין האַנד, פייניגונגען, טויטען מיט אַלע מיתות משונות, אינקווי־

זיציע, מיט׳ן צלם אין האנד, האט מען פון פרויען די בריסט געשניטען, קעפ ארונטערגעהאקט און צוועקעס אין מענשליכע קעפ געהאמערט.

אויך אין דעם דריטען משמור האבען מיר די „כלבים צועקים״ — מיר האבען עס געהאט און מיר האבען עס יעצט, ווינד און וועה אין אלע צייטען, אבער נאך מעהר ווינד און וועה אין גלות אדום. פרעגט די גמרא „למאי נפקא מינה?״ — מיר וויסען דאס גאנץ גוט, וואס דער־צעהלען זיי אונז אט דאס?... אויף דעם דערצעהלען זיי אונז, אז דא איז נעווען „אשה מספרת עם בעלה״, פשוט — לערנען אונזערע קינדער, אז זיי זאלען וויסען, יענע קינדער אונזערע, וואס שלאפען „בבית אופל״, אין א פינסטערער הויז... מען לערענט זיי ניט, מען געוואוינט זיי ניט איין אין אידישקייט, זיי האלטען ניט שבת, זיי האל־טען נאך ז י י ע ר רוהע טאג, אלע מנהגים זייערע, קענען זיי דאך טאקע שלאפענדיג אין אזא פינסטערער הויז, דענקען, אז עס איז נאר די ריכטיגע וועג. נייז, וועקט זיי אויף פון פינסטערען שלאף, און לערענט זיי „למקרי ק״ש לידע״, זיי זאלען וויסען צו לייענען ק״ש, „שמע ישראל״. הערצו איד, עס איז ניטא א טאטע מיט א זוהן, און אויך א מאמע איז ניטא... נאר — ד׳ אלקינו ד׳ אחד!״...

# ישראל בין העמים

פסחים, קי״ח.

„גער חית קנה, א״ל הקב״ה לגבריאל, גער בחיה שכל מעשיה נכתבין בקולמוס אחד״.

אין דעם גאנץ קורצען מאמר ליגט דער אידישער גלות, ווי די אידען ליידען זייענדיג „בין האומות״ אויף אלע אופנים, אויף אלע צרות וואס זיי האבען געליטען ביז יעצט, אין דעם לעצטען יעצטיגען גלות איבערהויפט. דורך צוויי׳ערליי מיטלען ווילען זיי אונז פאר־ניכטען אין דער גאנצער צייט פון אונזער גלות. דעם ערשטען מיטעל האבען: פאגראמען, מיט רציחות און אלערליי רדיפות און דאס גלייבען, דורך גזירות השמד, דורך אינקוויזיציעס און מאטערנישען, כדי אונז צו פארניכטען, און כדי די אידען זאלען אוועקווארפען דעם דת היהדות און זיך אויסמישען מיט זיי, דאן וועט פון דעם אידען גארנישט ניט בלייבען. אמת, פיעלע פון אונזערע קינדער האבען זיי צונענומען, די שוואכע, וואס האבען ניט געקענט אריבערטראגען די

יסורים האָבען זיי אָפּגע׳שמד׳ט, אָבער ישראל איז געבליבען, ישראל געפינט זיך נאָך ביי זיין תורה, ביי זיינע מצות...

אַנדערע פעלקער האָבען זיך געשעהמט צו באגעהן אַזעלכע רדיפות אויף אונז, זיי האָבען זיך אָפּגעהאַלטען פון מאַכען פּאָגראָמען מיט אַלערליי שוידערליכע מערדערייען. די האָבען גאָר אַן אַנדער מיטעל אויסגעקלעהרט. פונקט פאַרקעהרט, זיי זיינען געגאַנגען מיט גוטען, געגעבען אונז פרייהייט, בירגער רעכט, צוגעלאָזען דעם אידען צו אַלער־ליי געשעפטען, מען מאַכט איהם פאַר אַ בירגער מיט אַלע בירגער צו־גלייך, ער געניסט פון אַלע פרייהייטען, און דורך דעם טויטען זיי אָפּ זיין נשמה; דער איד געהט אינגאַנצען אַראָפּ פון וועג. עס איז באוואוסט וואָס בלעם האָט געטהאָן מיט זיין עצה, און אַז זיי זעהען אַז עס זיינען דאָ אידעלאַך וואָס לעבען נאָך אין גייסט, און אַז זיי זעהען אַז די קליינע צאָהל קענען זיי מיט די עצות ניט אָפּטויטען זייער נשמה, באַנוצען זיי זיך ווידער מיט די ביטערסטע מעדיצינען.

אַרום און אַרום, אַזוי אָדער אַזוי איז זייער כוונה אַלץ די זעלבע, עס הייסט, דאָס די פעדער איז די זעלבע, גלייך זיינען דער אונטער־שריפט פאַר גזירות רעות פאַר אידען און דער אונטערשריפט פאַר פרייהייט צו אידען. די כוונה איז איינע און די זעלבע, אַזוי ווי איין פעדער וואָלט עס געשריבען. די אומה וואָס מאַכט גזירות רעות און די אומה וואָס גיט אַלע רעכטע צו אידען —ביידע האָבען איין כוונה. די גיט די סם־המות אין אַ ביטערען פּיל און די צווייטע לעגט עס אריין אין אַ זיסען פּיל, אָבער די כוונה איז איינס, אַזוי ווי איין פעדער וואָלט עס געשריבען. אַזוי איז דאָס.

„גער חית קנה", „א"ל הקב"ה לגבריאל, גער בחיה!" שריי אַן אויף די חיה, הן אויף די חיה פון גזירות ושמדות, הן די חיה פון אַלערהאַנד פרייהייטען. זיי זיינען אַלע אַלץ איינס. די צווייטע איז אויך אַ חיה רעה, פילייכט נאָך אַ ערגערע. ווייסטו פאַר וואָס דו דאַרפסט רופען די צווייטע אויך חיה? ווייל „שכל מעשיה נכתבין בקולמוס אחד", ווייל אַלע איהרע ארבייט איז געשריבען מיט איין פען, געמאַכט מיט איין כוונה. ודו"ק.

# שביל הזהב

(עירובין, י"ג).

„שתי שנים ומחצה נחלקו בית שמאי ובית הלל. הללו אומרים נוח לו לאדם שלא נברא יותר משנברא, והללו אומרים, נוח לו לאדם שנברא יותר משלא נברא, ועכשיו שנברא יפשפש במעשיו" וכו'.

עס זיינען פאראן צוויערליי סוחרים. איינער איז א גרויסער ביזנעסמאן און ער קען פאר איין מאל פארדינען איינינע טויזענד דאלאר, ער שטעלט איין און געווינט. איז אבער אויך פאראן א חסרון אין זיין געשעפט: אזוי ווי ער קען פארדינען אויף איין מאל טוי־זענטער, אזוי קען ער פארלירען אויף איין מאל טויזענדער, און עס טרעפט א מאל, אז ער בלייבט ארים, אהן א סענט.

א צווייטער ביזנעסמאן איז פאראן, דער וואס האנדעלט קליין, ער פארדינט ווענינ, ער מאכט אבער זעהר א רוהיגען לעבען, ער גיט אוים זיינע קינדער און ער פיהרט זיך ווי א מיטעלער בעל־הבית און אזוי פיעהרט ער אוים זיין לעבען און שטארבט ווי א שעהנער ארענטליכער מענש דארף לעבען און שטארבען, ער לאזט איבער א שעהנעם נאמען. אמת, ער קען ניט רייך ווערען, אבער א מעלה האט ער: ער קען ניט אנווערען.

אזוי איז אויך צו דיענען דעם אייבינען. עס זיינען פאראן צווייערליי: איינער א גרויסער העלד, א גרויסע בריה, א גרויסער תלמיד חכם. ער קען א מאל איינשטעלען זיך, דאס הייסט, זיך ברענגען צו א נסיון, אזוי ווי די חכמים דערצעהלען: „ניזול אפיתחא דבי זונות ונכיף את יצרו ונקבל שכר", זאלען מיר געהן אין די פלעצער פון די זונות און מיר וועלען זיך שטעלען אין געפאהר, אין דעם נסיון, אבער מיר וועלען זיך שטארקען און איבערבויגען דעם יצר הרע, דאס הייסט, איהם בייקומען און מיר וועלען א סך פארדינען. יא, אמת טאקע, זיי קענען פארדינען שכר, א סך, גאר א סך, אבער טאמער ח"ו וועלען זיי דורכפאלען, דאן ווערען זיי אן אין גאנצען זייער „עולם הבא", דאן בלייבען זיי אויסגעשטעלט.

דער צווייטער איז א איד א תמים. ער לערענט, ער דאווענט, ניט אלם גרויסער העלד; ער איז ניט אזא „בריה", ער האט מורא איינ־צושטעלען. ער זאגט: איך וויל דינען השי"ת מיט מיין גאנצען הארצען, און וואס איך וועל פארדינען עולם הבא, וועל איך פארדינען.

איך האָב מורא איינצושטעלען זיך געהן אין אַזעלכע פּלעצער פון בתי זונות, אָדער צו לעקטשורס פון אפיקורסים. איך וויל זיי ניט קענען. איך האָב מורא, ווי שלמה האָט געזאָגט: „כל באיה לא ישובון", איך וויל ווייכען פון די חברה. איך וויל ניט פיעל פאַרדינען, נאָר אויסצו־קומען איז מיר גענוג. איך האָב מורא איינצושטעלען איך זאָל ניט אָנווערען. וואָס דאַרף איך אָנווערען, בעסער זיין זיכער מיט דאָס וואָס איך האָב, איידער איינצושטעלען זיך.

דאָס איז די פּלוגתא פון שמאי והלל. צוויי אַ האַלב יאָהר האָבען זיי דעם דיספּוט אָנגעפיהרט. איינער זאָגט, אַז זיין אַ ביזנעסמאַן זאָל מען זיין גרויס, וואָס גרעסער. „נוח לו לאדם", עס איז בעסער פאַר דעם מענשען, „שנברא", ער זאָל זיין אַ נברא, ער זאָל ווייזען וואָס ער קען: איך בין אַ נברא, אַ בריה הייסט עס, און איך וועל מאַכען גוטע ביזנעס, איך זאָל פאַרדינען אַ סך עולם הבא. איך דאַרף ניט מורא האָבען. איך דאַרף וויסען צו מאַכען גוטע ביזנעס און איינצושטעלען מיט מיין פאַרמעגען און זיך לעבען גליקליך בעולם הזה, מיט גרויסע פאַרדינסטען, און אויך אויף עולם הבא דאָס זעלבע, ווי מיר האָבען שוין אויבען געשריבען: „נוח לו", עס איז בעסער, „לאָדם", פאַר דעם מענשען, „שנברא", ער זאָל זיך אַרויסווייזען פאַר אַ „נברא", ניט קיין „למך" — טרעף אָדער פעל.

דער צווייטער זאָגט: „ניין!" ניין, מיינע טייערע! גערט בעסער אויף אַן אייזערנעם בריק, זייט זיכער מיט דעם וואָס איהר האָט, מאַכט קליינע פאַרדינסטען, פון קליינע פּראָפיטען ווערט מען ניט בדלות, מיינע טייערע, אַבי נאָר אַ סך לייזען... „נוח לו לאדם", עס איז אַ סך גרינגער, פיעל אָנגענעהמער, פיעל טייערער, פיעל בעסער פאַר דעם מענשען, „שלא נברא", ער זאָל זיך ניט מאַכען פאַר קיין קנאַקער, איך בין אַ „נברא", אַ בריה, אַ העלד. געה אויף דעם „שביל הזהב", אויף דעם מיטעל־וועג, הייסט עס.

„נמנו וגמרו" — זיי האָבען דיעזע זאַך איבערגעגעבען צום אידי־שען קאָנגרעס, צו די גרויסע לייט, זאָגענדיג, אַזוי ווי מיר דיספּוטירען שוין צוויי און אַ האַלב יאָהר אין דעם און איינער פון אונז וויל זיך ניט אונטערגעבען, דאַרום גיבען מיר אייך איבער, די וועלכע מען קען זיך אויף אייך פאַרלאַזען, זייט וויסען, אַז דער דיספּוט איז וויכטיג און טראָגט אַרוים אייער באַשלוס. קיינער פון אונז, הן מיר אַליין, הן אונזערע תלמידים וועלען ניט פּראָטעסטירען אויף אייער באַשלוס.

זאָלען מיר אָננעהמען, אַז עס זיינען אויסגעקליבען געוואָרען הונ־דערט לייטע, פון די גרעסטע מענשען אין דער וועלט, און זיי האָבען

אויך צווישען זיך דיספוטירט, און דאס קען מען פארשטעהן, אז איז זייער דיספוט זיינען א סך געווען אויף שמאי׳ס זייט און א סך מיט דער מיינונג, אז הלל איז גערעכט. „נמנו״ — האט מען געצעהלט, וואו איז מעהר שטימען, פאר הלל אדער פאר שמאי, „וגמרו״, און אז מען האט געענדיגט צעהלען האט מען געזעהן, אז א סך מעהר האבען געשטימט ווי דער וואס זאגט „נוח לו לאדם״, עס איז א סך גלייכער פאר דעם מענשען „שלא נברא״, אז ער זאל זיין ניט אזא העלד, ווי מיר האבען אייך דערקלעהרט, נאר „ועכשיו שנברא״, יעצט האבען מיר א סך אזעלכע, וואס ווילען זיין א „נברא״, „יפשפש במעשיו״, זאל ער גוט אכטונג געבען, ער זאל ניט אנווערען אין גאנצען, אנווערען מיט איינמאל... ודו״ק.

# שביל הזהב

ברכות, ל״ג.

„האומר מודים מודים משתקין אותו״.

אימער זאל דער מענש געהן אין מיטעל־וועג, ניט שלעכט און ניט צו גוט זיין. זיי ניט צו ביטער, מען זאל דיר ניט אויסשפייען, זיי ניט צו זיס — מען זאל דיך ניט אויפעסען... דער מענש וואס איז א בעל גאוה, מוז מען איהם פיינט האבען... חוץ וואס דאס איז א שענדליכע מדה אזא מדה, וואס דער רבוש״ע האט עס פיינט, ער פארהאסט דעם בעל גאוה, און מדת הכנעה, אונטערטעניג צו זיין, איז א גוטע מדה, אבער מיט דער מאס, אויב ער איז פאר אלעמען נכנע, עס האט ביי איהם קיין גרענעץ ניט, וואו און פאר וועמען, נאר ער בויגט זיין קאפ פאר אלעמען, אויף יעדער זאך איז ער מסכים און ער האלט נאר אין איין שרייען „מה אני״ — דער טויג ניט! זאל ער זיין ווער ער איז, טויג ער ניט, ער קען ניט עקזיסטירען. „האומר מודים מודים״ — ער זאגט נאר מודים, ער בוקט זיך צו יעדען לומפ, נאר מודים מודים, ער בויגט דעם קארק, פאר יעדען, דעם דארף מען לערנען, אז ער דארף נאר זאגען איין מאל מודים... אז עס איז גוט הכנעה, אבער מיט דער מאס, אבער „מודים, מודים״ — משתקין אותו... ודו״ק.

# פרומקייט באַצאָהלט זיך

(עירובין, דף כ"ב)

„היום לעשותן ולמחר לקבל שכרם".

היינטיגע ווילען ניט וויסען פון שפּעטער. זיי ווילען נאָר דעם יעצט. יעצט דאַרף מען לעבען. עס קומט די צייט פון עסען — דאָס איז דער יעצט, מעג עס זיין טריפה אויך, זאָג זיי נאָר אַז מען טאָר ניט, ענטפערט ער דיר גלייך: איך קוק ניט וואָס שפּעטער וועט זיין. יעצט וויל איך עסען, דאַרף איך עסען. אַנדערע היינטיגע זאָגען גלייך, ניט געשעהמט זיך: שפּעטער? אויף דעם דאַרף איך ניט זאָרגען, ווייל איך גלויב ניט אין דעם, איך גלויב ניט אין אַ יענער וועלט, איך גלויב דאָס וואָס איך זעה און דאָס אַלעס, כאָטש אַ סך פון די היינטיגע יונגע חברה ווערען באַלד גיך, גאָר גיך, פאַרצייטיגע, ווייל צו פערציג יאָהר איז ער שוין אַן אָפּגעלעבטער. די אַלע וואָס ווילען לעבען אַזאַ לעבען, לעבען אָפּ שנעל, פאַרלירט ער אויך דעם יעצט. אָבער איינער קוקט ניט אויף דעם אַנדערען און ער געהט כסדר נאָך זיינע תאוות.

דער ניט־היינטיגער, דער איד, דער אמת־ריכטיגער מענש, דער וואָס לאָזט זיך ניט אַוועק נאָר אויף דעם יעצט, און ער ווייסט אַז עס איז דאָ אַ מחר, אַ „מחר לקבל שכרם", דער מיידט אויס אַלע יעצטיגע תאוות. ער לעבט זיך רוהיג און געזינטער געוויס פון יענעם „בעל־תאוה׳ניק" און לעבט אָפּט לענגער פאַר דעם היינטיגען. נאָר עס טרעפט, אַז עס שטעהט איהם אין וועג דער שבת קודש צו זיין לעבען מאַכען, און עס קען אַ מאָל טרעפען, אַז עס מאַכט איהם שווערער זיין פאַרדינסט, און ער איז צוליעב דעם אָרימער. אין כלל זעהען מיר, אַז עס זיינען פאַראַן אַ סך אידען, פרומע און גוטע, און זיי לעבען אויך גוט אין אידישען וועג. אָבער, טאָמער טרעפט זיך אַזאַ איינער, וואָס זיין לעבען איז ניט אַזוי גלענצענד, פאַר איהם וועל איך שרייבען דעם משל, וואָס אין רוסלאַנד האָבען מיר עס אַליין געזעהן.

איהר געדענקט, אַז איינער האָט זיך געוואָלט מאַכען אַ גאַרניטור אָדער אַ מאַנטעל, פלעגט ער שיקען רופען דעם שניידער, ער זאָל איהם אַ מאָס נעהמען. דער שניידער פלעגט איהם זאָגען וויפיעל וואָרע ער זאָל קויפען. פלעגט דער בעל־הבית קויפען די וואַרע און געבען דעם שניידער. ווען פלעגט דער בעל הבית באַצאָהלען? ווען

דער שניידער האט געבראכט דעם גארניטור אדער מאנטעל און עס האט איהם געפאסט, אז אלעס איז געווען ריכטיג געמאכט, דאן האט ער איהם באצאהלט.

דער שניידער פלעגט אבער זאגען צום בעל־הבית, נעהמענדיג די װארע, זייט וויסען, רבי קרוב, איהר דארפט מיר צאהלען שכר מלאכה אז עס וועט געבראכט ווערען פארטיג די שטיקעל ארבייט, אבער הוצאות גיט מיר דערוויילע. הוצאות האט דאן געהייסען ביי די שניי־דער דער אונטערשלאג (ליינינג), די קנעפלאך (באטאנס) און פאר א שפול קאטען. דאס האט געהייסען הוצאות... וואס דער בעל־מלאכה האט געדארפט קויפען צוצופאסען צו די װארע.

אלזא, מיין טייערער, דער רבוש״ע באצאהלט געוויס די „שכר מלאכה״, אבער שפעטער, שפעטער, ווען דו וועסט נאך דיין לעבען ברענגען די ארבייט און ווייזען, אז דאס האסטו אויפגעטהאן, און אפט גיט ער ניט דא אויף דער וועלט ,נאר ער גיט א ביסעל, אויף די הוצאות, צו קענען טהאן די מלאכה, זיי דו געטרייסט, מיין ברו־דער, אז דאס וואס דו האסט ניט גענוג וואס דער פאדערט, איז א סימן אז דיין שכר וועט זיין גרעסער. ער גיט דיר נאר „היום לעשותם״, היינט צו קענען טהאן די מלאכה, „הוצאות״... „ומחר לקבל שכרן״, ודו״ק.

# להחזקת התורה

(פסחים, כ״ב).

„שמעון העמסוני ואמרי לה נחמיה העמסוני הי׳ דורש כל אתין שבתורה, כיון שהגיע לאת ד״א תירא פירש. אמרו ליה כל אתין שבתורה מה תהא עליהם, א״ל כשם שקבלתי שכר על הדרישה כך אקבל שכר על הפרישה, עד שבא רבי עקיבא ודרש לרבות ת״ח״.

דער תנא זאגט „ולא קרדום לחפור בה״. דער ברטנורא פרעגט, ווי אזוי טארען רבנים, דרשנים, נעהמען געהאלט? ענטפערט ער: דאס איז ווי די חכמים זאגען: „והכהן הגדול מאחיו״ „גדלוהו משל אחיו״, דעם ת״ח דארף מען רייך מאכען, אום עס זאלען זיינע רעד געהערט ווערען. אט אזוי זאגט דער רב ברטנורא אויף די רעד פון די חכמים, אז כאטש דער ת״ח איז אנגעזאגט געווארען „ולא קרדום

לחפור בה״, אָבער דאָך מעג ער נעהמען, און די בעל בתים זיינען אנגעזאָגט, אין געגענטהייל, צו צאָהלען גוט דעם ת״ח, אום עס זאָלען זיינע רעד געהערט ווערען, מען זאָל מורא האָבען פאַר איהם, ווייל די וועלט האָט רעספּעקט פאַר א רייכען.

יעצט קען מען זאָגען, אז שמעון העמסוני איז געווען א גרויסער ארימאַן, אז ער איז געקומען צום „ואהבת את ד״א״ האָט ער געווים גע׳דרש׳ענט „לרבות ת״ח״, כדי מען זאָל איהם באַצאָהלען פאַר׳ן דרש׳ענען, אָבער אז ער איז געקומען צום פּסוק „את ד׳ אלקיך תירא״, האָט ער מורא געהאַט צו דרש׳ענען דעם פּסוק לרבות ת״ח, ווייל מען וועט דאָך יעצט וויסען, אז מען דאַרף ממילא מורא האָבען פאַר דעם תלמיד חכם, און אז מען האָט מורא מוז דאָך זיין „דבריו נשמעין ממילא״ פאַלט דאָך אַראָפּ דער „גדלהו משל אחיו״, כדי מען זאָל מורא האָבען פאַר איהם, אז אין דעם „גדלהו משל אחיו״ איז דאָך אויך דאָ א צווי, אז מען מוז מורא האָבען פאַר איהם.

נו, וועלען זיי יעצט לערנען די רעד פון דעם תנאי „ולא קרדום לחפור בה״, וועט ער נאָך אָנווערען זיין שטיקעל ברויט דעם אָרימען וואָס ער האָט יעצט.

פרעגען זיי: רבי, וואָס וועט זיין פון אַלע „אתין״ וואָס דו האָסט גע׳דרש׳ענט? זאָגט ער זיי: זעהר ריכטיג וואָס פרעגט איהר, אז איך זאָל דרש׳ענען „את ד״א תירא לרבות ת״ח״, דאַן קען איך ניט נעהמען מעהר קיין שכר פאַר מיינע דרשות, „כשם שקבלתי שכר״ ביז יעצט „על הדרישה״. פאַר מיינע דרשות האָב איך געקראָגען אַן אָרימען געצאָהלט, ווייל „גדלהו משל אחיו״, יעצט, אז איך האָב זיך דאָ ביי דעם את ד״א תירא אָפּגעשיידט, וועל איך כאָטש מיין אָרימען שכר קריגען, „כך אקבל שכר על הפרישה״ — אזוי וועל איך יעצט ווייטער קענען שכר באַקומען, ודו״ק.

עד שבא ר״ע, ר״ע איז א מיליאָנער, ר״ע האָט קיין מורא ניט, אז ער זאָל ניט קריגען באַצאָהלט, ווייל ער דאַרף זייערע ניט נעהמען, קען ער דרש׳ענען, לרבות ת״ח.

# להחזקת התורה

ברכות, י"ז.

ראשית חכמה יראת ד' שכל טוב לכל עושיהם, ללומדיהם לא נאמר, אלא לעושיהם — לעושים לשמה, וכל העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא.

תוספות פרעגט (אין פסחים דף נ'): „אמר רב יהודה לעולם יעסוק אדם בתורה ומצות אפילו שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה". די קשיא איז פאסיג טאקע פאר די בעלי התוספות. אויף דעם תירוץ וואס זיי זאגען, אז עס קען זיין, דאס דער „שלא לשמה" וואס דא אין ברכות איז געזאגט געווארען, מיינט עס, אז ער לערענט על מנת לקנטר, דאס איז נאר תוספות קען עס זאגען. עס זיינען געווים הייליג זייערע טייערע ווערטער, אבער אין די ווערטער איז ניטא וואו צו געפינען, אז דער שלא לשמה איז „על מנת לקנטר" — די תורה הקדושה איז געגעבען געווארען צו דרש'ענען פאר אלעמען.

זאלען מיר זעהן דעם מאמר אין ברכות: „העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא". דארט ווערט ארויסגעזאגט דאס ווארט „העושה", און אין פסחים (נ') „לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה" וכו', דארט איז דער הויפטווארט „יעסוק", ניט „העושה", און אט דער אונטערשיד אין די ווערטער וועט אונז געבען דעם וועג צו פארענטפערען ריכטיג און לאגיש. ווען איינער זיצט און לערענט און ער טהוט מצות, דאס הייסט ער אליין טהוט, ער אליין לערענט — אויף איהם קען מען ניט זאגען ער איז עוסק, נאר ער טהוט, ער איז דער טהוער פון דער מצוה, ווייל ער אליין איז דער למדן, און ער טהוט טאקע די מצוה, הייסט עס ער טהוט, דארום איז אין ברכות: „העושה שלא לשמה נוח לו שלא נברא".

אבער אין פסחים רעדט זיך וועגען א סארט אידען, וואס ער קען ניט לערנען, און ער לערענט ניט, און אפטמאל קען ער קיין מצוה ניט טהאן, ווייל ער איז פאריאגט אין ביזנעס, און אפילו אז ער האט צייט לערענט ער ניט, ווייל ביזנעס געהט איהם ניט זעהר גוט, שטיצט ער די תלמידי חכמים און ישיבות. ער טהוט עס אפילו שלא לשמה אפטמאל, זאל זיין צוליעב גאוה, אדער אנדערע אורזאכען. וואס ארט עס דעם תלמיד חכם ווי זיין מחזיק דענקט. דער מחזיק קען דענקען שלא לשמה אבער פון זיין געלד לערענט מען דאך לשמה.

זיין 'החזקת התורה", דאָס הייסט זיין תורה, איז ניט גערופען „העושה", נאָר „עסק", ער איז זיך מתעסק אין דער תורה, דאָס מיינט ער פיהרט גאָר ביזנעס, און אין אמת'ען לערענט ער, אָבער ניט לשמה, אין פסחים מיינט ביי דעם צוווייטען סאָרט, זאָגט דאָרט די גמרא „לעולם יעסוק" אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה", צדקה איז אימער גוט, אפילו „שלא לשמה", ער לערענט ניט, נאָר ער שטיצט לומדי תורה, און דאָס ווערט גערעכענט אַזוי ווי ער וואָלט אליין לערנען, דער מעג שלא לשמה אויך „עוסק" זיין בתורה, אפילו „שלא לשמה". און זעהט ווי די חכמים ערקלעהרען ווייטער, „שמתוך שלא לשמה בא לשמה", זיי זאָגען ניט „יבוא לשמה", ער וועט קומען צו „לשמה", נאָר זיי זאָגען „בא לשמה" — דאָס איז די באַדייטונג ער איז זיך „מתעסק" אין תורה, וואָס ער טהוט אפילו שלא לשמה, אָבער זיין געלט וואָס ער גיט דעם תלמיד חכם און ער לערענט לשמה, „שמתוך שלא לשמה" זיינע „בא לשמה", ודו"ק.

# יעקב און די שבטים

(פסחים, נ"ו).

„ביקש יעקב לגלות את הקץ ונסתלקה ממנו שכינה. אמר שמא ח"ו יש פסולת במטתי וכו׳, אמרו ליה בניו שמע ישראל ד"א ד׳ אחד, כמו שאין בלבך אלא אחד, כך אין בלבנו אלא אחד. באותה שעה פתח יעקב ואמר ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד. אמרו רבנן היכי נעבוד נימרונהו לא אמר משה לא נאמרינהו אמר יעקב. התקינו שיהא אומרים בחשאי, משל לבת מלך שהריחה ציקי קדירה, אם תאמר יש לה גנאי לא תאמר יש לה צער. התחילה עבדיה להביא בחשאי.

איך האָב געזעהן אין „יערות דבש", ווי ער רעדט דעם מאמר „על דרך החידוד", די חכמים האָבען געזאָגט. „חביבין ישראל יותר ממלאכי השרת, דמלאכי השרת מזכירין את השם אחר ג׳ תיבות וישראל אחר ב׳ תיבות, ישראל פעמים בכל יום, ומלאכי השרת פ"א ואמרי לה פעם א׳ בחודש, ואמרי לה פ"א בשנה, ואמרי לה פ"א ביובל. דער ענין איז אַזוי, ווי די נאָהענטשאַפט פון יעדען מלאך צו גאָט אַזוי איז זיין דערמאָהנונג דעם שם, אָבער ישראל איז דער נאָהענטסטער צו גאָט ב"ה, דארום האָט ער דעם רשות צו דערמאָנען דעם

שם נאך צוויי ווערטער, און צוויי מאל א טאג, און די מלאכים זיינען ניט אזוי נאהענט, איז נאך דריי ווערטער, און די וואס זיינען נאך ווייטער, איז געגוג פאר זיי איין מאל א וואך, א. ז. וו. דארום, אז יענער האט געזעהן, אז די שכינה האט זיך פון איהם אפגעטהאן, אלזא האט ער געזעהן, אז זיי זיינען ווייט פון דער שכינה. די שבטים האבען ניט געוואוסט פון דער זאך, אז נסתלקה ממנו שכינה, אזוי ווי אלע מאל אזוי איז די שכינה יעצט אויך ביי זיי, האבען זיי געזאגט „שמע ישראל ד׳״, האבען זיי דערמאנט דעם שם נאך צוויי ווערטער. אז יעקב האט דאס דערהערט, אז זיי האבען נאר צוויי ווערטער געזאגט דעם שם, האט יעקב זיך געטראכט, פיליכט האבען זיינע קינדער ניט געזאגט דעם שם כדין. און דער דין איז דאך, אז מען זאגט דורך א טעות ברוך אתה ד׳, לבטלה, דארף מען באלד זיגען „ברוך שם כבוד וגו׳ דארום ווי יעקב האט דאס דערהערט האט ער געזאגט „ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד״, ווי דער דין איז.

אבער אין דער צייט פון משה איז די שכינה געוועזען זעהר נאהענט צו די אידען, „וכבוד ד׳ במחנה״, האבען זיי געקענט דער־מאנען נאך צוויי ווערטער און ניט זאגען „ברוך שם כבוד וגו׳״, און מיר אין גלות ווייסען ניט אויב די שכינה איז נאהענט צו אונז אדער ניט, זאגען מיר ברוך שם כבוד, אויב די שכינה איז ווייט פון אונז, זאגען מיר כדין ב׳ש׳כ׳מ׳ל׳ו׳, אבער עס קען דאך זיין אז די שכינה איז נאהענט צו אונז אויך אין גלות, אבער מיר ווייסען ניט, זאגען מיר בחשאי, שטילערהייט, און דא פאסט זייער משל צו די ציקי קדירה, הביא לה בחשאי...

# מזונותיו של אדם

פסחים, קיח

„קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״.

וואס הייסט, אז ביי גאט איז „שווער״, ווי „קריעת ים סוף״, צו געבען מזונות דעם מענשען? דער באשעפער פון דער גאנצער וועלט,

מיט׳ן מאמר פון א ווארט נאר ווערט אלעס באשאפען, קען ער ניט מיט איין ווארט זיינעם געבען „מזונות״? היתכן? און „קריעת ים סוף״ אליין איז שייך זאגען ביי איהם „שווער״?

איך האָב געזעהן אין ספר „שיחת חולין של תלמידי חכמים“ זעהר אַ שעהנעם וואָרט, ווי אַזוי עס געהט צו די מזונות פון מענשען, ניט עס איז שווער פאַר דעם רבוש"ע, אונזער באַשעפער, נאָר דער מענש איידער ער קריגט זיינע מזונות, אַן אָרימער ארבייטער, ווי אַזוי ער מאַכט אַ לעבען.

זאָלען מיר זעהן ריכטיג ווי עס איז צוגעגאַנגען מיט די „יוצאי מצרים“, שטעהענדיג ביים ים. מיט'ן פנים שטעהען זיי אַנטקעגען דעם רוישענדען ים סוף. פון הינטען שטעהט פרעה און קלאַפּט מיט זיינע האַרמאַטען, די וועלכע עס זיינען געווען אין יענער צייט, אין דער רעכטער זייט זיינען די פלשתים און אין דער לינקער זייט איז דער מדבר „ציה ושממה“. זיי האָבען גאַנץ זיכער געוואוסט, אַז דער רבוש"ע וועט זיי העלפען, זיי האָבען געווים געקלעהרט אַז אויף איינינע וועגען וועלען זיי געהאָלפען ווערען. זיי האָבען גערעכענט, אַז גאָט ב"ה וועט הייסען זיי אומקעהרען זיך צו די מצרים „פנים אל פנים“ און געבען קלעפּ, וועלען זיי פטור ווערען פון די מצרים, אָדער גאָט ברוך הוא וועט הייסען געהן אין דעם וועג פון „פלשתים“, נאָר טאָמער מלחמה, אַז גאָט וועט ניט הייסען וועט קיין מלחמה ניט זיין, אָדער ער וועט הייסען געהן צום מדבר, גלייך דורכגעהן און אין ארץ־ישראל אריין.

אָבער אַז גאָט זאָל הייסען געהן אין ים — דאָס האָבען זיי ניט גערעכענט פאַר קיין פאַל. ווי דענקט איהר, לעזער, ווי האָבען זיי דען געקענט דענקען, אַז גאָט וועט הייסען געהן אין ים! געווים ניט! אָט אַזוי זיינען דעם מענשען זיינע מזונות. ער געהט אַרום זונטאָג אַ גאַנצען טאָג זוכען פּרנסה, ניטאָ. ער געהט מאָנטאָג, אומעטום, אין אַלע שעפער, ניטאָ. דאָס זעלבע דינסטאָג, דאָס זעלבע מיטוואָך, און ער איז זיך מייאש אין גאַנצען. שוין היינטיגע וואָך, ער געהט שוין אַהיים זעהר אומעטיג, ער טרעפט אַן פלוצלונג אַ באַקאַנטען מאַן, וואָס ער האָט איהם שוין ניט געזעהן אַ פּאָר יאָהר, מען רעדט זיך דורך, דער באַקאַנטער מאַן גיט איהם באַלד ארבייט. און ער פאַרדינט דאָנערשטאָג און פרייטאָג, ווי די גאַנצע וואָך, ער וואָלט געאַרבייט, נו, וואָס זאָגט איהר, ער האָט ניט גערעכענט שוין אינגאַנצען עפּעס צו פאַרדינען, ער האָט ניט געדענקט פון דעם מאַן, און צו פאַרדינען, ווי די אידעלאַך האָבען ניט געדענקט אויף קריעת ים סוף. נאָר דער מסבב כל הסיבות, ער שיקט איהם צו פלוצלונג, פּונקט אַזוי ווי פלוצלונג, ניט גערעכענט פון קריעת ים סוף. „קשין מזונותיו של אדם“, אָפט מאָל איז אַזוי שווער די מזונות, איהם

דוכט זיך שלעכט, שוין ניטאָ, זונטאג האָט ער גערעכענט, אז דער בורא וועט איהם צושיקען פון דעם וועג, מאָנטאג פון דעם וועג, אָם ענדע איז דאָ געווען ווי ביי קריעת ים סוף, פון אַ וועג וואָס האָט זיך איהם ניט גע׳חלומ׳ט. איהם דוכט זיך, אז עס איז שוין „קשין מזונותיו של אדם", אבער אין אמת׳ען איז עס „כקריעת ים סוף", ער קריגט ניט גערעכענטערהייט, בקרי״ס, ודו״ק.

# פרנסה און קריעת ים סוף

פסחים, קיח

„קשין מזונותיו של אָדם כקריעת ים סוף".

נאָך אַ ביאור, און זעהר אַ גוטער ביאור, אַ פאַקט פון אונזער לעבען. די וועלט זאגט אז דער גוי איז „טריפה" אבער זיין גראשען איז כשר. זעהר אַ ריכטיגער וואָרט. טאַקע „קול המון כקול שדי", צו מאַכען אַ לעבען פון אַ קריסט איז אַ זיסער לעבען, זיי רייסען ניט אראָפּ די הויט, זיי דינגען זיך ניט, מען קען עפּעס פאַרדינען. ניט גוט איז צו מאַכען אַ לעבען פון אַ אידען, געזונט זאָלען זיי זיין, אבער עס איז ניט גוט צו מאַכען אַ לעבען פון זיי. איבערהויפּט איז פינסטער און ביטער די יעניגע אומגליקליכע, די „כלי קודש"-אידען, די וואָס מוזען אָנקומען צו אידען. אונזערע אידעלאָך האָבען נאָר ליעב צו שאַצען דעם שמש, דעם חזן, דעם רב, דער דרשן, ווי רייך זיי זיינען געוואָרען פון זיי. דער שמש פאַרמאָגט צעהן טויזענטער, דער חזן דאָס זעלבע, דער רב פופציג טויזענד, און אַזוי געהט עס מעהר און מעהר. וואָס קלעהרט איהר, רבותי, געזונד זאָלט איהר זיין, נחת פון קינדער זאָלט איהר האָבען — און אַ מסדר קידושין זאָלט איהר נעהמען אַז אַנדערען, איך וויל ניט מעהר, אַז די חתונה קאָסט אייך פינף טויזענדער און אַז מען בעט ביי אייך צעהן טאָלער פאַר סדור קדושין, און מן הסתם וועל איך זיך דאַרפען רייסען מיין האַלז, און זאָגען דרשות אונטער דער חופה, און ביי דעם סאַפּער, באַט איהר מיר פינף טאָלער; אַז איהר שטעלט אַ שטיין נאָך איינעם פון אייערע געליעבטע און טייערסטע, און דער שטיין קאָסט אייך אַ פּאָר הונדערטער, און נאָכ׳ן שטיין-אויפרעקען נעהמט איהר אריין דעם גאַנצען עולם אין רעסטאָראַן און איהר פרעסט זיך אַן ווי עשו

מיט די לינדזען. דער אונטערשייד איז: עשו האָט געפרעסען אַ בשר מאַלצייט, וואָס יעקב דער רעסטאָראַטאָר האָט געקאָכט, און איהר פרעסט אַליין און מאַכט פרעסען אַז עדה אידען טריפה, און דאָס קאָסט אַ פינף און זיבעציגער, און אַז איהר קומט צו מיר, איך זאָל אייך באַשיינען דעם יום-טוב אייערען פון אויפדרעקען דעם שטיין, איך זאָל רייסען מיין האלז און איך בעט אייך צוואַנציג דאָלאַר, זאָגט איהר: צעהן. געזונד זאָלט איהר זיין און אַ לעבען זאָל איך מאַכען פון ביזנעס און האנדלען מיט דעם פּוּער איידער מיט אייך.

די גמרא זאָגט: „אתם קרואים אָדם ולא אומות העולם נקראין אדם". אַלזאָ ווייסען מיר, מיינע טהייערע, אַז אידען ווערען גערופען „אדם". דאָס זאָגט אונז די גמרא: „קשין מזונותיו", די מזונות, דער סאָרט מזונות איז זעהר שווער, זעהר ביטער און פינסטער. וועלכען סאָרט מיינען זיי, אָט די „מזונותיו של אָדם", די מזונות פון צו מאַכען אַ לעבען, וואָס ווערען גערופען אדם, פון אַ אידען צו מאַכען אַ לעבען איז „קשין", ודו"ק.

# פרנסה און קריעת ים סוף

פסחים, קיח

„קשין מזונותיו של אָדם כקריעת ים סוף".

די חכמים זאָגען „תנאי התנה הקב"ה עם הים שיקרע לפני בנ"י. יעצט ווילען מיר פרעגען, אַז אַזוי ווי השי"ת האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם „שר של ים", אַז ער זאָל זיך שפּאַלטען פאַר די אידען, וואָרום האָט ער ניט געוואָלט האַלטען דעם אָפּמאַך, ווען די אידען זיינען גע־קומען ביי דעם ים און ער וויל זיי ניט אריבערלאָזען. דאָס וואָלט גיכער זיין פּאַסיג פאַר אַ ביזנעס מאַן און ניט קיין אָרענטליכער מאַן, ניט צו האַלטען וואָרט, און אויך אַ „בשר ודם", ווי פאַלש ער זאָל ניט זיין, וואָלט ער געהאַלטען דעם אָפּמאַך, ווען הקב"ה אַליין מאַכט איהם אַן אָפּמאַך?

נאָר עס פאַרשטעהט זיך, אַז אַזוי איז עס פאָרגעקומען ווען גאָט האָט מיט איהם אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל אידען אריבערלאָזען דעם ים און די מצרים דערטרינקען, האָט געוויס דער „שר של ים" גע־זאָגט צו איהם: רבש"ע, איך קען נאָך דערווייל ניט די אידען, איך קען נאָך דערווייל ניט די מצרים, ווייז מיר ווי עס דאַרף אויסזעהן

א איד ,האט געווים השי״ת געזאגט, ווארט א פאר טעג, איך וועל דיר ווייזען ווי עס דארף אויסזעהן א איד, און אז גאט ב״ה האט באשאפען אדם הראשון „בצלם אלהים״, געווים מיט דעם פנים, ווי עס דארף זיין א איד, ווי השי״ת האט עס פארגעשטעלט „אדם הראשון צו דעם מלאך״, יעצט ווייסט דער מלאך, ווי עס דארף אויסזעהן א איד.

יעצט וועלען מיר באטראכטען, ווי אזוי עס קומט פאר ראש השנה און יום כפור אין שוהל, מיט דעם סארט אידען, וואס א גאנץ יאהר קען מען זיי גאר ניט דערקענען אז זיי זענען אידען, אבער ראש השנה און יום כפור שטעהען זיי אין שוהל און קלאפען זיך אין הארצען על חטא... און זאגט „שלא אחטא עוד״, און רבש״ע, גיב פרנסה, גיב, גיב, איך דארף א סך, פאר מיר און פאר מיין ווייב און פאר מיינע קינדער, און פאר מיין ווייב די קעטסקיל מאונטיינס, גיב, טאטע זיסער. שיקט מען דעם מלאך, ער זאל דעם און דעם געבען פרנסה, דער מלאך וואס איז ממונה אויף פרנסה (די חכמים זאגען אפילו אין תענית, אז מפתח של פרנסה בידו של הקב״ה, אבער דאך געהט עס נאכדעם דורך א מלאך), דער מלאך זעהט און קוקט זיך איין אויף ר׳ יחזקאל בן יקותיאל (דער מלאך האט געהערט אז מען האט איהם גערופען עולה לתורה צו זיין...) ער זעהט, אז ער איז זעהר אן ערנסטער מענש, ער קוועלט פון איהם אן...

צוריק צו דעם ים. ווען אידען געהען ארויס פון מצרים האבען זיי געווים ניט געהאט די צורה, מיט דעם צלם אלקים, אזוי ווי השי״ת האט געוויזען דעם מלאך, ווי א איד דארף זיין, ווי ער דארף אויס־זעהן. זאגט דער מלאך, דער שר של ים, רבוש״ע, יעצט שטעהען צוויי מחנות ביי דעם ים, איין מחנה שטעהט אנגעשפארט צום ים און זיי זאגען, אז זיי זיינען די „בני ישראל״. קוקענדיג אויף זיי און אויף די אנדער מחנה, די מצרים, קען איך ניט אויסקלייבען ווער עס איז א איד און ווער עס איז א מצרי, רבש״ע, איך וועל זיי ניט אריבערלאזען, „הללו והללו עובדין עבודה זרה״, די און דיביידע גלייך, אידען און מצרים דינען עבודה זרה, ווילסטו איך זאל אריבער־לאזען, די מחנה וואס רופט זיך „בני ישראל״, וועל איך די אריבער־לאזען, און אויב ניט איז ביידען ניט. איך זעה קיין אידען ניט, אלזא ביי דעם ים איז אויסגעקומען א גאנצע קריגעריי: השי״ת הייסט איהם אריבערלאזען, ווייל ער האט אפגעמאכט מיט איהם א „תנאי״ — דער מלאך זאגט ער האט טאקע אפגעמאכט, אבער פאר אזעלכע ווי ער האט איהם געוויזען. א גאנצע נאכט האט זיך געצויגען די דין

תורה, ביז השי"ת האָט איהם געזאָגט, „שמא אתה דן שוגג כמזיד, אונס כרצון". טאַקע מיינע קינדער, די יחסנים בני אברהם, זיי האָבען געדיענט ע"ז, אָבער עס איז דאָך באונס, אז ווי באַלד באונס, גע־צוואונגען, איז דאָס שוגג, אומגערען, און זיי האָבען ע"ז געדיענט ברצון, אין אונס, און דער מלאך האָט געמוזט נאָכגעבען און די אי־דעלאך זיינען ניצול געוואָרען.

יעצט זאָלען מיר צוריקגעהן צו די וואָס בעטען פרנסה ר"ה און יום כפור, און ווי דער מלאך זעהט זיי יעצט, אז זיי זיינען צדיקים, מען דאַוונט, מען וויינט, מען גיסט טרעהרען, צייכענט ער זיך איין גוט, „ר' יחזקאל ב"ר יקותיאל", ווי ער זעהט אוים. אויף מאָרגען נאָך יום כפור, דער מלאך געהט איהם צושיקען מזונות, דער מלאך זוכט ר' יחזקאל, אויף דעם פלאַץ איז גאָר א טשארלי, וויל ער איהם מעהר זיין פרנסה ניט צושיקען, ווערט דאָרט אין הימעל א גאַנצע קריעגעריי. שטייטש, זאָגט ער, דער „יחזקאל ב"ר יקותיאל", ער איז דאָך גאָר ניט קיין כשר'ער איד, און איהם האָט מען ניט פאַרשריבען צו פרנסה. ווערט דאָרט א גאַנצע קריעגעריי, ביז מען געפינט א זכות אויף דעם יום־כפור'דיגען יחזקאל, דעם איצטיגען טשארלי. נו, ווי געפעהלט עס אייך? איז ניט דערוועלבער עסק ביי קריעת ים סוף און ביי טשרלים מזונות — „קשין מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", ודו"ק.

---

# פרנסה און די יולדת

פסחים, קיח

„קשין מזונותיו של אדם כפלים ביולדה".

ווען די מעוברת דאַרף האָבען איהר קינד, זיינען איהרע יסורים געפעהרליך. אָבער דאָך איז זי מקבל די יסורים אין איהר האַרצען מיט שמחה, ווייל זי וויל דאָך האָבען א קינד, און זי ווייסט דאָך, אַז באַלד־באַלד, נאָך א פּאָר שטונדען צייט, וועט שוין ליעגען נעבען איהר דאָס קינד איהרס און זי קריגט דעם נאָמען מוטער. אַזוי איז זי געבאָרען געוואָרען און זי טרייסט זיך, די יסורים קומען איהר אָן, אָבער זי טראָגט עס אַריבער. זי איז צופרידען און זי ווייסט, ווי אַלע איהרע באַקאַנטע פרויען פיהלען זיך גליקליך ווען זיי געהען אין גאַס מיט'ן קערידזשעל. זי ווייסט פון פיעלע איהרע באַקאַנטע,

וועלכע זיינען קינדערלאָז, אַז עס קאָסט זיי אַפּ אוצרות געלד פאַר די דאָקטורים, פּראָפעסאָרען, אום זיי זאָלען קענען האָבען קינדער.

אָבער דער אָרימער אַרבייטער — ער זוכט אַרבייט און מאַכט קוים אַ לעבען ווען ער אַרבייט און איהם איז דאָס פינסטער און ביטער נעבאַך, און מיר ווייסען, אַז דער וואָס שטעהט אין דער פינסטער, זעהט אין דער ליכטיגקייט וואָס טהוט זיך אין דרויסען, אין דער ליכטיגקייט, און דער וואָס שטעהט אין אַ פינסטערען צימער, זעהט ביי יענעם דעם ליכטיגען צימער, דורך זיין פענסטער קוקט ער אין יענעמס ליכטיגען פענסטער. דער אָרימאַן, דער פאַרפינסטערטער מענש, ער זעהט ווי די רייכע, וואָס ביי זיי איז ליכטיג, ער זעהט ווי זיי פאָהרען זיך אין זייערע אויטאָמאָבילען צו קריגען מעהר לופט, און ער זיצט אין דער פינסטער. דאָס איז דער מיין פון די חכמים, „קשין מזונותיו של אדם כפלים כיולדה", טאַקי די יולדת האָט יסורים, אָבער זי טרייסט זיך, אַז באַלד וועט זי זיין ווי אַלע מאַמעס, ווי גליקליך זי וועט זיין מיט איהר קינד וואָס זי געהט האָבען. אָבער דער מזונות זוכער דער אָרימער, זעהט די רייכע, אָבער ער זעהט ניט זיין הילף. ווען, ווען? ווען וועט ער זיין ווי אַלע מענשען? ניין, ער זעהט ניט, זיינע יסורים ווערען איהם אַלץ גרעסער און גרעסער, ודו"ק.

# די הייליגקייט פון שוהל

ברכות, כ"ו.

אַברהם תיקן תפלת שחרית, שנאמר וישכם אברהם בבקר, אל המקום אשר עמד שם, ואין עמידה אלא תפלה.

פיעלע זאָגען: אמת טאַקע, מען איז מחויב צו דאַווענען אַלע טאָג, אָבער צו וואָס דעם טראָבעל זיך צו מאַכען און געהן דוקא אין שוהל. איז דען גאָט דאָ בלויז אין שוהל און ניט אין הויז? איז דאָס מעגליך?...

מיינע טהייערע, די שוהל איז דער „מקום קדוש", וואו די שכינה רוהט. ווען דער מענש קומט אין שוהל דאַווענען, דאָרט איז דער פּלאַץ וואו די כוונה איז ריינער, ווי אין הויז — וואו ער ווערט געשטערט פון אַנדערע, אָדער ער אַליין איז ניט רוהיג פון „מחשבות זרות", פון ביזנעס, פון אַלערהאַנד געדאַנקען. ער הערט וואָס עס טהוט זיך אין

הויז, דעריבער לויפען אַרום זיינע מחשבות, אָבער אין שוהל זיינען זיך מתאחד אַלע געדאַנקען אין איין געדאַנק: אין דאַווגען און דאָס אַלעס, און דאַרום זאָגען זיי: „אין עמידה אלא תפילה", ביים דאַווגען דאַרפען די געדאַנקען שטעהן, רוהען. אין הויז הייסט עס „הולך", געהען אַרום די געדאַנקען ביי איהם.

„אברהם תיקן תפילת שחרית"—אברהם האָט מתקן געוועזען, אַז אַ מענש מוז דאַווגען שחרית, אָבער אַז יאַ דאַווגען, זאָגט אברהם וואו מען זאָל דאַווגען, ווי מען זאָל דאַווגען. ניט אין הויז, נאָר אין שוהל, שנא׳ „וישכם אברהם בבקר", דוקא „אל המקום אשר עמד שם",—„המקום", דער באַוואוסטער פּלאַץ, מיט אַ „הא הידיעה", וואָס מיינט דער באַוואוסטער פּלאַץ צום דאַווגען, און דאָס איז דאָך נאָר אין שוהל. פאַר וואָס אין שוהל דוקא? ווייל „אל המקום", דאָס איז די שוהל, „אשר עמד שם", וואָס דאָרט אין שוהל הייסט „עמידה", ניט אַרומלויפען אין זיינע געדאַנקען...

# תורה עם דרך ארץ

ברכות, ד׳.

„כל האומר תהלה לדוד בכל יום מובטח לו שהוא בן עוה"ב וכו׳. אלימא משום דאתיא באלף בית, לימא אשרי תמימי דרך, דאתיא בתמניא אפין. אלא משום דאית ביה פותח את ידיך, נימא הלל הגדול, דכתיב ביה נותן לחם לכל בשר, אלא משום דאית ביה תרתי".

מיין מאַמע האָט מיר דערצעהלט, דאָס אין יעדער שוהל קומען ביי דער נאַכט, און מן הסתם אין מיטען נאַכט, טויטע—זיי קומען מתפלל זיין. געוועהנליך, קליינערהייד האָב איך געגלויבט, און ביי דער נאַכט האָב איך מורא געהאַט פאַרבייציוגעהן אַ שוהל. ווען איך בין געוואָרען בר מצוה האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז עס קען ניט זיין. ווייטער און ווייטער האָב איך אויפגעהערט צו גלויבען אין אַזעלכע זאַבאָבאָנעס. צו וואָס דאַרפען טויטע געהן אין אונזערע שוהלען? און דאַן האָב איך שוין געלערענט, אַז „במתים חפשי"— „כיון שמת נעשה חפשי מן המצות". איך האָב אַזוי לאַנג ניט גע־גלויבט, ביז איך בין געקומען קיין אַמעריקא, האָב איך געזעהן מיט די אויגען, אַז מתים געהען דאַווגען.

די חכמים זאגען, אז „רשעים בחייהם נקראין מתים“, און מיר זעהען צייטענווייז אין די ימים נוראים און צו „יזכור“ שלש רגלים און צו יאהרצייט אלע טאג קומען אין די שוהלען אזעלכע מתים, פונקט ווי די טויטע טאקע — „במתים חפשי“, „חפשי מן המצות“. די לעבעדיגע מתים זיינען פארנומען נאר מיט'ן עגל הזהב, דער עגל הזהב וואס צוברעכט די לוחות, דער עגל הזהב צוברעכט דעם שבת, דער עגל הזהב צוברעכט, צורייסט, צופליקט, צוטראמפעלט, פאר־ברענט די גאנצע תורה.

מיר האבען נאך א כתה, די וועלכע זיינען זעהר פרום, טראגען קיין נאז־טיכעל ניט אום שבת, צדיקים גמורים, אבער די זיינען שוין אויך טויטע. ווי די חז"ל זאגען: „עני חשוב כמת“ — זיי ארבייטען שוין ניט; זיי זיצען שוין על שלחן בניהם, זיי מאכען א פרומען קידוש אויף די חלות, וואס ווערען געקויפט פון שבת פארדינטע געלד... זיי רעדען ניט, זיי פראטעסטירען ניט.

מיר האבען א דריטע כתה, די וועלכע פיהרען נאך ביזנעס, און זיי זיינען אלרייטניקעס, מזונות — און אפילו לוקסוס — פעהלט זיי ניט, נאר אידישקייט, און אפילו מענשליכקייט, פעהלט זיי אינגאנצען. זיי זיינען אפגעשטארבענע, זיי שטיצען קיין חכמה ניט, כאטש זיי שטיצען האספיטעלער, קריפעל־אנשטאלטען און אזוי ווייטער.

א גאנץ קליינע כתה האבען מיר, די בעסטע און די טייערסטע, דאס איז דער מיטעל־קלאס מענשען. טאקע פראסטינקע און ניט קיין רייכינקע, אבער גוטע אידישע לייט זיינען זיי, זיי פיהרען ביזנעס, אדער ארבייטען, און זיי געהען אין שוהל און האלטען אין כלל אידיש־קייט, און זיי שטיצען די ישיבות, תלמוד תורה'ס און אלע הייליגקיי־טען. די הייסען אונזערע ריכטיגע בעלי תורה. דער וואס זיצט אליין און לערענט איז נאך ניט אזוי טהייער ווי די „מחזיקי לומדי תורה“ — זיי הייסען טאקע תורה מיט דרך ארץ, ביזנעס הייסט עס, מיט תורה צוזאמען.

„כל האומר תהלה לדוד ג"פ בכל יום“ — ער דאווענט טאקע דריי מאל א טאג, פרעגט די גמרא, וואס עפעס כאפט מען אן „אשרי“ דריי מאל א טאג, אז מען זאגט, איז ער „מובטח“ אז ער איז א „בן עולם הבא“, וואס עפעס תהלה לדוד“? „אילימא משום דאתיא באלף בית“, זאל מען זאגען, אז עס קומט אוים אלף־בית, אין אשרי, און דאס איז אונזער גאנצע תורה, דער „אלף בית“, דאס זיינען די אותיות התורה, איז תורה ליעבער פאר אלעס, דער בעל תורה איז עס אפילו אהן דרך־ארץ, אהן ביזנעס, און דאס זאל הייסען דער עיקר, און נאר

די זיינען צוגעזאָגט, אַז זיי זיינען זיכער מיט עולם הבא. און דאָס איז דער עיקר, „לימא אשרי תמימי דרך דאתיא בתמניא", אין „אשרי תמימי דרך" זיינען דאָך אַכט אלף־בית'ן פאַראַן, וואָלט דאָס גיכער געלערענט זיין דערפון, אַז די אותיות האלף־בית זיינען דער עיקר?

און פיליכט איז אשרי דער יחסן, ווייל עס איז דאָ אין אשרי „מזונות", און דאָס ווייזט, אַז דער פאַרדינער, דער ביזנעס־מאַן, אָדער דער אַרבייטער, וואָס מאַכט אַ לעבען און שפּייזט זיין הויז, דער איז דער עיקר, אפילו אַז ער האָט קיין תורה און אמונה ניט איז ער אַ יחסן, „אילימא משום דאית ביה פותח את ידך", דאָס איז מזונות? אַלזאָ ,אויב דאָס איז דער עיקר „לימא הלל הגדול", וואָס דאָרטען איז מזונות דייטליכער: „נותן לחם לכל בשר"?

ענטפערט די גמרא: ניין, דער ערשטער איז ניט דער עיקר, דער צווייטער טויג גאָר ניט. אַז מען זאָל זאָגען „אשרי תמימי דרך" וועט מען מיינען, אַז דער עיקר איז צו טהאָן ווי רבי שמעון בן יוחאי — זיצען אין אַ הייל און לערנען, און ווייטער, אויב מען קוקט אויף דער וועלט — ברענט זי... ניין, דאָס איז טאַקע גוט, תורה, געווים — נאָר ניט דער עיקר איז דאָס, נאָר דאָס איז גוט — „אשרי" „דאית ביה תרתי" — „אשרי" האָט ביידע: אלף־בית, תורה, און מזונות. דאָס איז דער מיטעלער קלאַס אונזערער, די עהרליכע ריכטיגע אידען. זיי אַרבייטען אויף מזונות און זיי לערנען תורה, זיי דאַווענען און היטען די גאַנצע תורה און שטיצען די תורה „דאית ביה תרתי", און דאָס איז ניטאָ אין „אשרי תמימי דרך". דאָרט געפינען זיך ניט ביידע זאַכען. זי האָט נאָר תורה — און דאָס איז ניטאָ אין הלל הגדול, עס האָט נאָר מזונות. אָבער אין „אשרי" זיינען פאַראַן ביידע...

# רייכקייט און אידישקייט

ברכות, י"ד.

„כל ברכה שאין בה שם ומלכות אינה ברכה".

יעדער וואָס ווערט געבענשט פון השי"ת מיט רייכקייט, מיט אַל־דאָס גוטס, און ער האַלט זיך מיט אידישקייט, אַלץ איינס, כאָטש מיט זיין אָרימקייט, ער געהט ניט אַראָפּ פון אידישען וועג, הייסט עס, אַז גאָט ב"ה האָט איהם געגעבען אַ ברכה ביי איהם אין הויז. איהם איז גוט און דאָס אידישקייט איז גאַנץ. דאַן הייסט עס אַ ריכטיגע ברכה,

ווייל ער פארלירט ניט צוליעב זיין רייכקייט, צוליעב דער עולם הזה, די קורצע, נארישע וועלט, יענער וועלט, די אייביגע וועלט.

אבער אז השי"ת גיט איהם עולם הזה, און „וישמן ויבעט", פארלירט ער עולם הבא. צוליעב די קורצע וועלטעלע זיינע — הייסט עס א קללה אבער ניט קיין ברכה. דאס האבען די חכמים אנגעוואונקען, חוץ דעם דין פון דעם מאמר, אויך דעם מוסר: „כל ברכה, יעדע ברכה וואס השי"ת גיט דעם מענשען, אבער „שאין בה שם ומלכות", ער האט דורך די רייכקייט פארגעסען גאט'ס נאמען, „שאין בה שם"... אז מען פרעגט איהם: „ווי געהט עס אייך, ר' טרייטעל?" ענטפערט ער: „עס איז אלרייט... איך מאך א לעבען" — ער דערמאנט שוין ניט גאט, נאר ער מאכט א לעבען. זאל ער וויסען זיין, אז ער מאכט זיך א טויט, ניט א לעבען — „אינה ברכה", דאס הייסט קיין ברכה ניט... ניין, ניין, טויזענד מאל ניין. „ומלכות", ער ווארפט אראפ דעם גאנצען עול מלכות שמים פון זיך, „אינה ברכה"...

# די אידישע נאטור

ברכות, כ"ח.

„כתיב השמים שמים לד' והארץ נתן לבני אדם וכתיב לד' הארץ ומלואה? לא קשיא! כאן קודם ברכה, כאן לאחר ברכה".

דעם מאמר האב איך גענוג ארומגערעדט אין מיין ספר „דברי יהודה", און די זעלבע זאך וועל איך שרייבען דא, נאר זעהר בקיצור. די נאטור פונ'ם אידען איז, אז ער איז ארים און ער האט נאך גארניט, קיין ברכה פון גאט אין זין פון רייכקייט, דאן וואס ער פארדינט, זאגט ער, אז גאט גיט איהם, און ביי אלע זיינע רעד איז נאר גאט, גאט און גאט און ער פיהרט זיך אידיש אין אלע הינזיכטען.

קוים קריגט ער שוין די ברכה פון גאט, איהם פעהלט שוין גארניט, דאן זאגט ער, אז ער איז דער קנאקער, ניט גאט גיט איהם, און ער פיהרט זיך שוין ניט אידישלאך. אויב ער געהט שוין א מאל אין א שוהל, געהט ער אין טרעמפעל (טעמפעל, צ"ל), און דאס איז אויך איינער פון די געדאנקען, וואס איז אנגעוואונקען אין דעם מאמר „כאן קודם ברכה", וואס עס שטעהט „לד' הארץ ומלואה", אז אלעס און אויף אלעס זאגט דער מענש, אז עס געהערט צו גאט אלעס,

דאָס איז „קודם ברכה", בעפאָר ער קריגט די ברכה פון גאָט ב"ה, ער איז נאָך אָרים, און ער האָט ניט פון וואַנען צו לעבען, „כאן לאחר ברכה", דאָס וואָס דער פסוק זאָגט „והארץ נתן לבני אדם", אַז דער מענשעלע איז שוין דער בעל־הבית אויף אַלעס, ניט גאָט ב"ה — דאָס איז „לאחר ברכה", נאָכדעם ווי גאָט גיט איהם אַלעס, אַ פולע הויז מיט גוטעס, דאַן איז שוין ביי איהם ניטאָ גאָט, נאָר ער איז דער גאַנצער קנאַקער...

# דונער און שטורם

ברכות, נ"ט.

„לא נבראו רעמים, אלא כדי לפשט עקמומיות שבלב".

די רעמים, און דאָס מיינט מען אויך די פּאָגראָמען, די בלוט־פאַר־גיסונגען, די איבערקעהרעניש פון דער וועלט, אַזוי ווי די לעצטע „בלוט מלחמה", וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויף דאָס אידישע פאָלק, איז עס נאָר דאָס באַשאַפען, נאָר צו פאַרגלייכען אונז אויף און אויף אַ גוטען וועג אַוועקצושטעלען. אויב עס קומט פאָר אַ פאַרקרימעניש ביי אונז אין האַרצען, צי מען דאַרף דיענען גאָט אָדער ניט, דאַן שיקט מען אויף אונז די „רעמים", אונז איבערצושרעקען, אויסצוגלייכען ביי אונז די עקמומיות שבלב, און דאָס שטימט מיט דעם מאמר: „אין פורעניות באה לעולם אלא בשביל ישראל", אַז מיר פאַרגעסען אַז גאָט ב"ה, שיקט ער אונז דערמאָנער גוטע, אַז מיר מוזען שרייען: „גאָטעניו, דו ביזט גערעכט און דיין משפט איז גערעכט!"

# קול יעקב וידי עשו

ברכות, ס"ג.

„בשמך אשא זו תפלה".

אין פסוק איז געזאָגט „הקול קול יעקב והידים ידי עשו", זאָגען די חכמים, אַז די אומות העולם האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען ביי בלעם און זיי האָבען איהם געפרעגט: מיט וואָס קען מען מנצח זיין

יעקב׳ן. האט ער זיי געזאגט, געהט קוקט נאך אין די בתי מדרשים, אויב יעקב דאווענט און לערענט, דאן קענט איהר זיי ניט מנצח זיין, ווייל ער איז געזאגט געווארען: „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״, „בזמן שקולו של יעקב נשמע בבתי כנסיות ובבתי מדרשות, אז אין הידים ידי עשו״.

פרעגען אלע ספרים: אין פסוק זיינען דאך ביידע צוזאמען, „הקול קול יעקב והידים ידי עשו״ — דער „ואו״ פון „והידים״ געהט דאך אויף דעם „קול יעקב״ און „והידים ידי עשו״?

נאר מיט דעם אויבענדערמאנטען מאמר ווערט עס זיין זעהר ריכ־טיג, אז עס געהט טאקע צוזאמען, דער „קול יעקב״ און „והידים ידי עשו״. ווען דער איד האט בטחון אין השי״ת און ער לערענט די תורה און ער היט די מצות התורה, דאן דארף ער קיין מורא ניט האבען פאר די „ידי עשו״, דאן, מיט זיין אמונה און בטחון, מיט זיין גרויס האפנונג ווערט ישראל אזוי שטארק, אז „אחד ירדוף אלף״, ווי עס האט שוין פאסירט פיעלע מאל. אלס ביישפיעל: אין דער צייט פון אנטיוכס עפיפאנוס, ווען די קליינע צאהל אידען מיט די מאקאבייער אין פראנט האבען קלעפ געגעבען דעם גרויסען חיל פון דעם שונא — אז „הקול קול יעקב״, ווען דער „קול יעקב״ איז דא, איך אויך ביי יעקב׳ן „והידים״ ידי עשו, ודו״ק, צוזאמען ביי איהם, ביי יעקב׳ן זיינען ביידע זאכען — „בשמך״, מיט דיין נאמען, ווען איך רוף צו דיר, דאן „אשא כפי״, קען איך אויך אויפהויבען מיינע הענט און געבען קלעפ. ווען איז דאס? זאגען די חכמים „זו תפילה״ — דאס איז, ווען עס הערט זיך דער קול יעקב, ודו״ק.

# אמאליגע גדולים

שבת, י״ד.

„בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצאת ב״ק
ואמרה: „בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני״, —
ואומר: „חכם בני ושמח לבי ואשיבה חורפי דבר״.

די היינטיגע הגדה חכמים, די וועלכע שטעהען נעבען דעם רשע אין דער הגדה, זיי זאגען, אז רעליגיאן איז געמאכט נאר פאר נארישע מענשען, והראי׳, אז די, וועלכע זיינען משכילים, די האלטען ניט פון רעליגיאן. ווי נאר א געבילדעטער מענש — איז ער ניט רעליגיעז.

אזוי זאָגען זיי און אזוי פּלאָפּלען זיי, ווייל עס איז ניט מעהר ווי גע־פּלאָפּעלט. ווייסען זיי דען ניט, אז דער רמב"ם איז געווען מעהר געבילדעט פון זיי, פון די היינטיגע משכילים (לייענט מיט א שי"ן ימין, ניט מיט א שי"ן שמאל...) אויב זיי זיינען געבאָלבעט, טאַקע אויף אַן אמת, זאָלען זיי אַליין רעכענען די אַלע גרויסע מענשען אונ־זערע, ווי געבילדעט זיי זיינען געווען, און דאַד זיינען זיי צדיקים, בני תורה געווען. זאָלען זיי אזוי גוט זיין און רעכענען פון די תנאים ואמוראים און זעהן וועלכע גרויסע מענשען אונזערע זיינען געווען געבילדעט אין אַלע שפּראַכען פון דער וועלט. איך קען ניט רעכענען, ווייל מיר קאָסט דרוקען, אָבער זיי ווייסען אַליין. גענוג פאַר מיר, אז איך האָב דערמאָנט דעם שטערען דעם גרויסען, דעם רמב"ם.

שלמה איז געווים געווען העכער אין חכמה און בילדונג פון דער גאַנצער וועלט, פון בעפאַר איהם און ביז היינט, און וועלכע עס דאַרפען נאָך קומען, עד סוף כל הדורות, און שלמה האָט געזאָגט: „סוף דבר הכל נשמע את האלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם".

„בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים" — ווען דער חכם מכל אדם, וואָס אַלע קיסרים זיינען געקומען לערנען פון איהם חכמה, אַזאַ פּערזאָן, ווען ער האָט מתקן געווען די צוויי זאַכען, וואָס דאָס איז נאָר אמונה: „עירובין", איז צו דערוויטערען ניט ארויסצוטראָגען אפילו א נאָז־טיכעל אום שבת, וואָס דער שכל שטימט ניט מיט דעם, און „נטילת ידים" — דאָס איז א הרחקה לטהרת קדשים, וואָס דאָס איז אויך פון די ענינים פון אמונה, וואָס דער שכל פאַרשטעהט עס ניט, ווער האָט עס מתקן געווען? ניט אַזאַ מענשעלע, וואָס איז ניט קיין משכיל (ווי דענקט איהר, איהר וואָלט רעכענען שלמה'ן פאַר א „משכיל"?).

דאַן, ווען דער גרעסטער חכם פון דער וועלט אין זיין צייט און אין אַלע צייטען, אז ער האָט מתקן געווען עירובין ונטילת ידים, דאַן „יצאה בת קול", איז ארויס א בת־קול, אַן אָפּקלאַנג אויף דער גאַנצער וועלט: „בני אם חכם לבך", אז דו חכם מכל אדם, קליגסט זיך צו פאַרשטאַרקען אמונה, רעליגיאָן — „ישמח לבי גם אני", וועל איך מיר אויך פרעהען, ווייל די משכילים פון אַלע דורות, אז מען זאָל זיי דאָס ערקלעהרען, וועלען זיי דאַך אזוי פיעל פאַרשטעהן, אז מען דאַרף אין גאָט גלויבען, „ואומר", נאָך א פסוק איז געזאָגט, „ואומר", א פסוק איז געזאָגט אויף דעם, און דאָס איז „חכם בני ושמח לבי", ווייסטו וואָרום איך פרעה זיך אזוי שטאַרק מיט מיין תקנה? ווייל — „ואשיבה חורפי דבר", איך וועל קענען ענטפערען מיינע לעסטערער,

די היינטיגע בהמות וואס רופען זיך חכמים, אז רעליגיאן איז נאר פאר נארישע מענשען, אבער ניט פאר געבילדעטע קלוגע, וועל איך זיי, די לעסטערער מיינע ענטפערען: זייט איהר קליגער פאר שלמה מלך ישראל?...

# טבע און נס

שבת, נ"ג.

„מעשה באדם אחד שמתה אשתו, והניחה לו בן לינק ולא הי' לו שכר מניקת ליתן, ונעשו לו נס ונפתחו לו דדין כשני דדי אשה והניק בנו. אמר רב יוסף כמה גדול אדם זה, שנשתנו לו סדרי בראשית. אמר אביי כמה גרוע אדם שנשתנו לו סדרי בראשית".

א מאדנע ווייטע פלוגתא פון רב יוסף מיט אביי. דער ערשטער זאגט ווי גרויס, ווי ערהאבען, ווי וויכטיג איז דער מאן, וואס צוליעב איהם האט גאט פארענדערט די סדרי בראשית, דער סדר איז פון זינט די וועלט איז באשאפען, אז א פרוי זויגט דעם קינד, דארום האט איהר דער בורא געגעבען איהרע דדים, און אז א מאן זאל קריגען אזוי ווי די דדי אשה, און עס זאל ווערען מילך, און ער זאל קענען זויגען א קינד, האט נאך פון ששת ימי בראשית אן ניט געטראפען, און דא האט עס יא געטראפען, איז דאך צוליעב איהם נשתנה גע־ווארען די סדרי בראשית, דארום זעהט מען, אז דער מאן איז ווערטה געוועזען צו אזא נס, טא ווי גרויס איז דער מאן! — אזוי זאגט רב יוסף. די רייד פון רב יוסף שיקט זיך, עס לאזט זיך גלויבען, אז ער איז טאקע א גרויסער מאן, מהיפוך אל ההיפוך, פונקט פארקעהרט, כמה גרוע אדם זה, ווי נידעריג איז דער מאן, ווייל „שנשתנו לו סדרי בראשית", פארשטעהט מען ניט, וואס מיינט אביי מיט דעם, אז גאט ב"ה מאכט א אזא גרויסען נס מיט א מענשען, אז ער איז גאר א נידעריגע פערזאן!

מיינע טהייערע לעזער, איך האב שוין דעם מאמר געשריבען אין איינעם פון מיינע ספרים, דאך וויל איך ניט איבערלאזען דעם מאמר ניט באמערקט, דאס הייסט איבערהיפען, ווייל עס געפינען זיך אין איהם גוטע געדאנקען, און ווען איך האב דעם מאמר גערעדט פאר'ן פובליקום האבען זיי מיט באגייסטערונג געהערט און חכמים האבען עס געלויבט.

פיעלע ספרים שרייבען, אַז דאָס וואָס דער רבוש"ע טהוט נסים מיט אונז, איז דאָס צוליעב צוויי זאכען: אָדער ווייל מיר זיינען זעהר הויך, גרויסע צדיקים, אָדער ווייל מיר זיינען זעהר נידעריג, מען מען קען שוין ניט לעבען מיט דער נאַטור, מוז ער מאַכען אַז מיר זאָלען לעבען מיט איבער־נאַטירליכע מיטלען, דאָס מיינט מיט נסים, אָבער אַזוי לאַנג ווי מיר קענען לעבען אָהן נסים, מאַכט ער ניט קיינע נסים. זיי טייטשען דערמיט דעם פסוק „ונתתי מופתים" ווען? אָדער „בשמים"— אַז מיר זיינען הימעל־מענשען, אָדער „בארץ", אַז מיר זיינען ערד־מענשען, גאַר נידעריגע. זיי ברענגען נאָך אַ באַ־וויז, אַז דער רבוש"ע אונזערער האָט ניט טרוקען געמאַכט דעם ים בעפאַר מע זאיז אַריינגעגאַנגען אין ים, אַז מען איז שוין געשטאַנען ביז'ן האַלז אין וואַסער, דאַן האָט פּאַסירט קריעת ים סוף.

רב יוסף זאָגט גאַנץ פּשוט: מן הסתם, אַז מען האָט געמאַכט אַזאַ נס פון הימעל צו דעם מאַן, רעכענט ער, אַז ער איז געווען אַ וויכטיגער פּערזאָן, אָבער ער קוקט ניט מיט אַ העכערען זין, נאָר די גוטע זייט רעכענט ער פון דעם מאַן. אביי האָט ווייטער געקוקט, מיט גאַנץ הויכע געדאַנקען: איך קען ניט זאָגען אַז ער איז אַ גרויסער מאַן, צוליעב דעם האָט איהם גאָט געמאַכט אַזאַ נס, ווייל דאָ האָט געקענט טרעפען עפּעס גאַנץ נאַטירליך, אַזוי ווי עס פּאַסירט טאָג־טעגליך מיט דער גאַנצער וועלט, ווייל מיר ווייסען, אַז דער רבוש"ע מאַכט ניט קיין נסים פאַר קיינעם, אַזוי לאַנג ווי מען קען לעבען מיט דער נאַטור און ביי דעם מאַן, מוז איך געוויס זאָגען, אַז דאָ האָט געקענט זיין אַלעס גוט, פאַר איהם און פאַר דעם קינד און ניט מאַכען אַזאַ נס. זאָלען מיר זעהן: די פרוי איז איהם אָפּגעשטאָרבען. יאָ, אמת! זי לאָזט איהם איבער אַ קינד, און ער איז אַ גרויסער אָרימאַן, ער פאַר־דינט ניט גענוג כדי צו קענען דינגען אַן אַם, ווי די גמרא דערצעהלט: „ולא הי' לו לתן שכר מניקה"—האָט דער רבוש"ע געקענט איהם געעבען מיט דער נאַטור, ער זאָל פאַרדינען עטוואָס מעהר, אַז עס זאָל זיין גענוג צו צאָהלען דער אַם. צו וואָס דאַרף מען האָבען אַ נס פאַר איהם אַזאַ גרויסען, צו מאַכען אַ שינוי אין די „מעשה בראשית"?

איז דאָס געוועזען זעהר ניט פאַרשטענדליך צו אביי, אַז עס איז דאָך פאַרט אַזוי, אַז מען מאַכט ניט קיין נס, אַזוי לאַנג ווי מען קען אויסקומען אָהן אַ נס, און דאָ האָט געקענט געוויס זיין אויסצוקומען, אַז דאָס קינד זאָל האָבען צו זויגען, אַז ער פאַרדינט מעהר, מוז איך זאָגען „ובארץ", ער איז אָבער געווען אַ זעהר נידעריגע פּערזאָן, אַז מען זאָל איהם געבען פאַרדינסט אפילו, צוואַנציג מאָל אַזוי פיעל, וועט

ער אויך ניט נעהמען קיין אם פאר זיין קינד, ער איז א שיכור געווען, אדער א קארטען־שפיעלער, והא ראי׳, אז מען וויל פון הימעל אז דאס קינד זאל האבען זיין חיונה, גיט מען איהם ניט מיט דער נאטור, זעהט מען, אז מען וועט איהם געבען, וועט ער אויך ניט האבען קיין איבעריגע צו נעהמען אן אם, מוז איך זאגען: כמה גרוע אדם זה...

# צדיק און רשע

שבת, נ״ה.

אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה, רבש״ע, מפני מה קנסת מיתה על אדם הראשון. אמר להם מצוה קלה צויתיו ועבר עליה. אמרו לו, והלא משה ואהרן שקיימו כל התורה כולה ומתו. אמר להם מקרה אחד לצדיק ולרשע.

דער תירוץ פון השי״ת: „מקרה אחד לצדיק ולרשע״ איז ניט אזוי פארשטענדליך, טאקי ווי אזוי קומט עס אז עס זאל זיין אזוי? „חלילה לך, השופט כל הארץ לא יעשה משפט?״ און דער אויסדרוק „מקרה אחד״ — דער ווארט „מקרה״, פיהרט זיך דען ח״ו די וועלט ניט מיט השגחה? וואס עפעס „מקרה״?

שלמה האט געזאגט: „אין צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא״, און אויב משה רבנו און אהרן הכהן וואלטען ניט געזינדיגט, וואלט עס שלמה המלך ניט געזאגט אין כלל, אז עס איז גאר ניטא איין מענש אויף דער וועלט, וואס זאל ניט זינדיגען, האבען זיי אויך גע־זינדיגט. געווים ניט במזיד, נאר בשוגג האבען זיי פילייכט געזינ־דיגט.

די ראיה איז פון דעם רשע. מיר זעהען, אז וויפיעל מאל א רשע האט הצלחה, נאר עס טרעפט דעם רשע אזוי ווי עס טרעפט דעם צדיק. דעם צדיק טרעפט אן עבירה בשוגג, ניט ווילענדיג; דעם רשע טרעפט ניט ווילענדיג א מאל א מצוה, באצאהלט מען איהם אויף דער וועלט. אזוי ווי די מצוה איז ניט קיין ריכטיגע, אזוי באצאהלט מען איהם אויף דעם עולם השקר דעם געצאהלט זיינעם. דעם צדיק באצאהלט מען אויף דער וועלט פאר זיין פאלשע עבירה, וואס ער האט געטאן בשוגג, אויף דעם עולם השקר.

די מלאכים פרעגען אַן דעם באַשעפער פון דער וועלט, וואָס ער האָט זיי געענטפערט אויף „אדם מצוה קלה וכו׳ ועבר עלה“, „והלא משה ואהרן שקיימו כל התורה כולה ומתו“, ענטפערט זיי גאָט: זייט וויסען, אַז עס איז גאָר ניטאָ אויף דער וועלט אַ מענש וואָס זינדיגט ניט און אויך אַז אַ רשע זאָל גאָר קיין מצוה ניט האָבען, נאָר דער צדיק דורך אַ מקרה, אַ צוטרעפונג, מאַכט זיך איהם אַז ער טהוט ניט ווילענדיג אַן עבירה, דאָס הייסט בשוגג, און ער ווייסט אַ מאָל אַליין ניט, ווייל עס איז דורך אַ מקרה נאָר, אָט אַזוי מאַכט זיך דעם רשע, דורך אַ מקרה, אַ צוטרעפונג אַז ער טהוט אַ מצוה. „מקרה אחד לצדיק ולרשע“, איין מקרה צום צדיק און צום רשע—דעם צדיק מאַכט זיך דורך אַ מקרה אַן עב׳רה און דעם רשע מאַכט זיך דורך אַ מקרה אַ מצוה.

# אחדות

יומא, ג׳.

„אבא חנן אמר משום ר׳ אלעזר, כתוב אחד אומר ועשית לך ארון עץ (דברים, יו״ד) וכתוב אחד אומר ועשו ארון עצי שטים (שמות, כ״ה) הא כיצד? כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום (אַז ועשו) כאן בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום (אַז ועשית לך)“.

אין דער אַלטער היים אונזערער, ווען מיר זיינען געשטאַנען אויף אַ גוטען מצב אין יהדות, ווען די תורה איז ביי אונז טהייער געווען און די מצות זיינען געהיט געוואָרען, דאַן אין אַ גרויסע רעכטע שטאָט פון טויזענד פאַמיליעס און מעהר און מעהר, איז ביי אַלע אידען פון שטאָדט געווע אחדות און אַלע צוזאַמען האָבען גענומען אַ רב, איינעם, אַ גדול בישראל, אָבער איינעם, און אַלע זיינען געווען פאַר־פליכטעט אויסצוהאַלטען דעם רב מיט כבוד, און זיי האָבען איהם ניט גע׳משפט יעדען יאָהר, אויב ער זאָל זיין ווייטער ביי זיי אָדער ניט. דאָס איז געווען אויף אייביג, קיין צווייטען האָט מען ניט גע־נומען און עס איז געווען שלום על ישראל.

דער רב ווערט גערופען אָרון קודש, וואָרים טאַקע פאַר וואָס רופט מען די קאַסטען, וואו עס שטעהען די ספרי תורה, אָרון קודש, איז דען

דער קאסטען ניט געמאכט פון האלץ ווי אלע קאסטענס, וואס מען רופט עס ארון, א שאפקע אדער קאסטען, נאר ווייל עס געפינט זיך אין דער שאפקע די ספר תורה, קריגט די שאפקע א קדושה און מען רופט עס ארון קודש. יעצט לאמיר זעהן, אז אין דער שאפקע געפינט זיך נאר די ספר תורה, די „תורה שבכתב" אליין, רופט מען עס ארון הקודש; אז אין דעם קערפער פון דעם רב, דאס איז דאך מעהר ניט ווי א שאפקעלע, וואס דארט געפינט זיך גאנץ תורה שבכתב, און נביאים ראשונים ואחרונים, און משנה און גמרא, ספרא, ספרי ומכילתא, מדרשים, פוסקים ראשונים ואחרונים, און ספרי דרוש, און נאך און נאך, איז דאך געוויס זיין קערפער אן ארון קודש.

און דאן אין יוראפ, אז די גאנצע שטאדט האט אויסגעהאלטען איין רב, אלע צוזאמען זיינען געווען עושים רצונו של מקום, אלע אחדות, האט מען ניט געדארפט האבען צוויי אדער דריי רבנים אין שטאדט כדי צו מעהרען מחלוקות ביי אידען, דאן איז געווען „ועשו ארון עצי שטים", א גרויסען תלמיד חכם און אלע צוזאמען...

היינט דא אין אמעריקא, אז קיין עושין רצונו של מקום איז מען ניט, איז אין א קליינע שטאדט פון איינינע הונדערט אידען זיינען דא איינינע שוהלען און איינינע חברות און יעדער איינער נעהמט א רב, און עס טהוט זיך מעשים, מחלוקת א. ז. וו. „בשעה שאין עושין רצונו של מקום, איז „ועשית" — יעדער באזונדערט, א יחיד נעהמט א רב, כידוע... ודו"ק.

# הגאולה הבאה

**יומא, ט׳.**

**„ראשונים שנתגלה עונם נתגלה קצם, אחרונים שלא נתגלה עונם לא נתגלה קצם".**

דער מענש, וואס זינדיגט קעגען דעם בורא עולם, אויב די זינד ווערט געשאצט אויף דעם מענשען, דער וואס זינדיגט, הייסט עס אז ווער האט געטאן דעם פארברעכען, דער מענש, וואס איז די נידעריגע, ניט דויערהאפטע באשעפעניש, וואס דער מענש איז מיט א גבול, באגרענעצט זיין קורצער לעבען אויף דער וועלט, איז דארום זיין עונש אויך א קורצער, ניט קיין לאנגער. ווארים וואס זאל מען שטראפען אזא שוואכע בריאה? דארום, אויב די זינד ווערט געשאצט קעגען דעם וואס טהוט די זינד, איז דער עונש קורץ.

אַבער, אויב מען שאַצט די זינד קעגען ווען ער האָט געזינדיגט, און געזינדיגט האָט ער אַנטקעגען גאָט ב"ה, וואָס ער איז בלתי גבול און בלתי תכלית, אויף אַזאַ אָרט קען לאַנג, זעהר לאַנג זיין די שטראָף פון דעם מענשען.

ביי דעם מקדש ראשון האָבען מיר אַ באַווייז, אַז די זינד איז דאָן גערעכענט געוואָרען קעגען דעם מענשען, ניט קעגען גאָט האָט מען גערעכענט די זינד, ווי דער פּסוק זאָגט „לכן „בגללכם" ציון שדה תחרש", דאַרום איז דער עונש געווען אַ קורצער, נאָר זיבציג יאָהר, ווי דאָס גאַנצע לעבען פון מענשען. הייסט עס „ראשונים שנתגלה עונם", די ערשטע, ביי דעם „מקדש ראשון", וואָס עס איז געווען אַנטפּלעקט די זינד, דאָס הייסט, אַז עס איז געוואָרען גערעכענט נאָך דעם מענשען נאָך, אַז די זינד ווערט געשאַצט אויף דעם מענשען, איז „נתגלה קצם", אַז עס ווערט זיין זעהר קורץ די שטראָף; אַבער אחרונים, די לעצטע, דער לעצטער חורבן, דער חורבן פון בית שני, האָבען מיר ניט קיין וואונק, אַז דאָן זיינען געשאַצט געוואָרען די עבירות „לפי ערך האדם", קען דאָך זיין, אַז דאָן זיינען געשאַצט געוואָרען די זינד „כנגד הקב"ה", קען זיין לענגער און לענגער ביז דער גאולה וועט קומען, אַז „לא נתגלה עונם" אַנטקעגען ווען עס איז געשאַצט, „לא נתגלה קצם", אַבער אַז די זינד פון יענע, פון בית שני, זאָל האָבען ח"ו געשאַצט געוואָרען אַנטקעגען ווען זיי האָבען גע־זינדיגט, איז אַבער אַז מיר טהוען תשובה, ווערען אויך געשאַצט די גוטע מעשים אונזערע, אַז דער שכר זאָל זיין אַ בלתי גבול ובלתי תכלית, און עס מעקט אָפּ די עבירה און מיר קענען גלייך אויסגע־לייזט ווערען. ובא לציון גואל ולשבי פשע ביעקב נאום ד'.

# רוים און ישראל

יומא, כ'.

„אלמלא קול גלגל חמה נשמע קול המונה של רומא, ואלמלא קול המונה של רומא נשמע קול גלגל חמה".

דער גלגל חמה מיט אַלע פּלאַנעטען, זיי דערצעהלען, אַז עס איז דאָ אַ בורא עולם. „השמים מספרים כבוד אל, ומעשי ידיו", אַז דאָס זיינען מעשי ידיו „מגיד הרקיע", דערצעהלט דער הימעל, אָדער ווי דער

משורר זאגט: „כי אראה שמיך“, מוז איך זאגען, אז דאס אלעס זיינען „מעשי אצבעותיך“, „ירח וכוכבים“ מוז איך זאגען „אשר כוננת“, אבער רוים די אפיקורסטע, אדער גאר די פארגרעבטע געצענדינערקע, זי האט קיין מאל ניט געלאזט דערצעהלען פאר דער וועלט, אז עס איז דא א יחיד בורא עולם.

נאר דאך איז דאס היילינע פאלק ישראל אימער געגאנגען קעגען רוים און אנטפלעקט די וואונדער פון גאט ב"ה און דערצעהלט די גרויסקייט פון גאט, און די אידען האבען אימער אפגעשוואכט די שטימע פון רוים, וואס זיי לייקענען אפ אין דעם בורא עולם, „אלמלא קול גלגל חמה“, ווען ניט די שטימע פון דעם גלגל חמה, פון דעם וואס עס באווייזט זיך, אז עס איז דא א גאט, א באשעפער, ווען ניט די דרשות פון דעם עם ישראל, „אלמלא קול גלגל חמה“, ווען ניט די שטימע פון דעם גלגל חמה, וואלט געווען די גאנצע וועלט פול מיט אפיקורסות אדער געצענדינעריי, „הי' נשמע קול המונה של רומי“, וואלט מען נאר דערהערט די שטימע פון רוים...

# יהודי באהלך

יומא, ע"א.

„אתהלך לפני ד' בארצות החיים“, „אמר רב יהודה, זה מקום שווקים“.

אידישקייט און מענשליכקייט הויבט זיך ניט אן אין הויז און ענדיגט זיך ניט אין שוהל. ניט דער איז נאך אינגאנצען דער איד, דער וואס זיצט אין בית המדרש און לערענט. אויף איהם ווערט געזאגט „כי קרוב אליך הדבר“, א קונץ אז דער בית המדרש'ניק לערענט און האלט אלע מצות, א קונץ אז ער גיט ניט קיין רבית און נעהמט ניט קיין נשך, אז ער האט גאר ניט צו טהאן דערמיט, ווייל איהם איז גאנץ גרינג צו זיין א איד „בכל פרטיה ודקדוקיה“, נאר שווער צו זיין א איד איז דעם, וואס דארף זיין לעבען מאכען פון ביזנעס, און אז ער איז אפגעהיט אין נשך, אז ער היט .שבת, אז ער דאווענט און איז אפטמאל „קובע עתים לתורה“, דאס איז א קונץ, דאס איז א וואונדער איבער וואונדער, ביי היינטיגער שווערער צייט, איבערהויפט צו האנדלען מיט גוים און זיין א איד, צאהלען גרויסע רענט, און זיין פארמאכט שבת די סטאר און האנדלען באמונה, דאס איז

אַ קונץ, אויף איהם קען מען ניט זאָגען „כי קרוב אליך הדבר“. נײן! פון איהם איז ווייט די תורה און מצות, אויף איהם ווערט געזאָגט, אַז ער איז אַ קינסטלער, אַ ירא שמים, אָט ער איז דער ריכטיגער איד.

דאָרום האָט דוד מלך ישראל אימער מתפלל געווען „אתהלך לפני ד׳“ אפילו „בארצות החיים“, אין די לענדער, וואו דער רוב מוז מאַכען אַ לעבען. ניט מען גיט זיי פאַר׳ן לערנען, גיט ער אַזוי גרינדליך צו פאַרשטעהן, אַז דאָס האָט דוד געמיינט, „זה מקום שווקים“, אין אַ פּלאַץ פון גרויסע ביזנעס, אין מאַרקעטס, אין אַ שטאָדט וואו דאָס לעבען און רענט איז טהייער, די אויסגאַבען זיינען גרויס, און ער האַלט פאַרמאַכט שבת די ביזנעס, און ער דאַוועט און לערענט אפילו איין מאָל אַ וואָך ווען די ביזנעס איז געשלאָסען, און ער האַנדעלט באמונה.

ער איז אָלרייט. אויף איהם קען מען זאָגען, אַז ער איז אַ איד מיט מלחמת היצר, און ער קומט איהם ביי, „אַז אתהלך בארצות החיים זה מקום שווקים“, און דאָס האָט דוד מלך ישראל געבעטען ביי גאָט.

# מספר בני ישראל

יומא, כ״ב.

„רבי יונתן רמי, כתיב והי׳ מספר בני ישראל וכתיב אשר לא ימד ולא יספר? (ומשני) כאן בזמן שישראל עושין רצונו של מקום, כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום“.

די מבארים האָבען אַזוי ערקלעהרט דעם מאמר: דאָס וואָס ער זאָגט „אשר לא ימד ולא יספר“ געהט אויף דער צייט „בשעה שעושין רצונו של מקום“, און דאָס וואָס דער נביא זאָגט „והי׳ מספר“ אַז אידען וועלען זיין מיט אַ צאָהל, איז דאָס „בזמן שאין עושין רצונו של מקום“, אויף אַזאַ אָרט איז עפּעס ניט לאָגיש. אויב אַזוי איז דאָך רבי יונתנ׳ס תירוץ ניט כסדר פון פּסוק, נאָר ער האָט געדאַרפט אַזוי פאַרענטפערען, דאָס וואָס דער נביא זאָגט „והי׳ מספר“, „כאן בזמן שאין עושין רצונו של מקום“ און נאָכדעם דאָס וואָס דער נביא זאָגט „אשר לא ימד ולא יספר“, „בזמן שעושין רצונו של מקום“.

אין איינעם וועל איך שוין ברענגען איניגע פסוקים פון אנפאנג במדבר: „שאו את ראש כל עדת בני ישראל" (זאגט רש"י הקדוש: „מתוך חבתן לפניו מונה אותם כל שעה) און נאכדעם אויף דעם פסוק „אך את מטה לוי לא תפקוד" (זאגט רש"י הקדוש: „כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבד").

נאר באמת קענען מיר זאגען פונקט פארקעהרט, ווי די מבארים זאגען, און ר' יונתן פארענטפערט כסדר הכתוב. דאס איז באוואוסט, אז יעדע זאך וואס ווערט פארקויפט אויף דער וואג און אויף דעם צאהל. די זאך איז חשוב'ער ווי די זאכען וואס ווערען פארקויפט אהן א מאס און אהן א צאהל, דעריבער איז דער דין, כל דבר שבמדה ושבמנין אפילו באלף לא בטל. פארוואס איז באלף לא בטל?... צוליעב די חשיבות פון דער זאך.

אבער אויך דאס דארפען מיר וויסען, אז אפילו אין די זאכען וואס ווערט פארקויפט אויף דעם מספר אדער משקל, אז אין זיי איז אויך דא אנדערע זעהר פיעל טהייערע זאכען, ווי די וואס איך גלייך זיי צו, איינע איז טייער, די אנדער זאך איז ביליגער, כאטש זיי זיינען ביידע במספר אדער במנין, דאך איז איינע טהייער און די אנדער זאך איז טהייערער. למשל, עפעל איז א זאך וואס איז במספר אדער במשקל. דאס זעלבע אתרוגים. איז במנין אמאל הונדערט עפעל ביליגער פאר איין אתרוג, ווייל די עפעל זיינען בנמצא אין אונזער לאנד און די אתרוגים ניט. דאס איז וואס רש"י הקדוש מיינט אין זייערע טהייערע הייליגע פערעלדיגע ווערטער: „מתוך חבתן לפניו מונה אותם כל שעה", ווייל זיי זיינען באליעבט ביי גאט ב"ה, דארום צעהלט ער זיי אלע וויילע, זיי זאלען ח"ו ניט בטל ווערען. „כל דבר שבמנין אפילו באלף לא בטיל", דארום זאגט דער נביא, „ההרים ימושו והגבעות תמוטנה וחסדו מאתם לא ימוש", דאס מיינט, אז זיי וועלען זיך קיינמאל ניט אויסמישען מיט די אומות העולם.

דארום איז דער שבט לוי, ווייל ער איז גאר א יקר המציאות (ווי דער משל פון עפעל מיט אתרוגים), ווייל ער איז דער לגיון של מלך, איז ער העכער פון אלעמען, דארף זיין צאהל ניט זיין מיט אלעמען צוגלייך... „כדאי הוא לגיון של מלך להיות נמנה לבדו"...

„ר' יונתן רמי, כתיב והי' מספר בני ישראל כחול אשר על שפת הים וכתיב אשר לא ימד ולא יספר מרוב, לא קשיא, כאן בשעה שעושין רצונו של מקום", און דאן זיינען זיי א דבר חשוב, איז והי'

מספר... „כאן", דאָס וואָס ער זאָגט „אשר לא ימד ולא יספר", „בזמן שאין עושין רצונו של מקום", זיינען זיי דאָך ניט קיין דבר חשוב, איז „אשר לא ימד ולא יספר"... ודו"ק כי נחמד הוא.

# הייַנטיגע און פאַרצייטיגע

יומא, ט'.

„ראשונים שנתגלה עונם נתגלה קצם, אחרונים שלא נתגלה עונם לא נתגלת קצם"...

על דרך הדרוש. אָבער וואָס מיר זעהען מיט אונזערע אויגען, מיר הערען מיט אונזערע אויערען, יעצטיגען דור, אַלע זיינע טהאַטען, זעהען מיר און מיר הערען זייערע געשפּרעכען, און די פריהערדיגע דורות זעהען מיר מיט אונזערע אויגען, פאַרשריבען די היסטאָריע זייערע, זינדיגע זיינען געווען, זינדיגע זיינען הייַנטיגע מענשען, נאָר אַ גרויסער, גאָר אַ גרויסער איז דאָ פון זיי ביז אונז... זיי האָבען געזינדיגט, זיי האָבען געוואוסט אַז זיי זינדיגען, אַלע האָבען גע־וואוסט, אַז יענער און יענער איז אַ זינדיגער, דאָרום האָט יענער דור זינדיגע זיך אַמאָל באַרעכענט, אַז ער האָט דאָך ניט גוט געטהאָן און ער איז געקומען צו תשובה טהאָן, דאָס הייסט, ראשונים שנתגלה עונם", אַנטפּלעקט זייערע עבירות, ניט פאַרשטעלט, נאָר באַוואוסט, אַז דאָס איז אַן עבירה, דאָרום „נתגלה קצם", אַז זיי זיינען געקומען תשובה צו טהאָן, האָבען זיי געהאַט אַ ריכטיגע תשובה: „צום", „קול", „ממון" מעבירין את רוע הגזירה, און דאָס איז די באַדייטונג פון „קצם", וואָס דאָס מאַכט „קול, צום ממון". זיי האָבען די דריי זאַכען אויף אַן אמת מקיים געווען

דייטליכער, די ראשונים נתגלה עונם — זיי האָבען געוואוסט, אַז זיי זינדיגען, זיי האָבען ניט געזאָגט, אַז זיי טהוען גוט מיט דעם וואָס זיי טהוען די עבירה. נאָך דייטליכער, זיי האָבען ניט פאַר־בלענדעט די אויגען זייערע אָדער אַנדערע מענשען זייערע אויגען אויפצוצייגען אַז דאָס איז גאָר ניט קיין עבירה, אָדער נאָך דייטליכער: הייַנטיגע זאָגען, אַז זיי טהוען גאָר אַ מצוה, און דאָס הייסט „לא נתגלה עונם" — אַז זיי טהוען דאָך גאָר ניט קיין עבירה, ווי אַזוי דאַרפען זיי תשובה טהאָן אויף דעם.

„ראשונים שנתגלה עונם“, זייער זינד איז געווען אויפגעדעקט, פאר זיי איז דאס א זינד, אלזא, איז אויך נתגלה „קצם“ דער „צום, קול ממון“, און זיי האבען תשובה געטאן; אחרונים, די היינטיגע חברה, אז אלעם וואס ער טהוט אפ איז דאס גאר קיין עבירה ניט, איז דאך :נתגלה עונם“, איז אויך „לא נתגלה קצם“, טהוען זיי קיין תשובה ניט אויף די עבירות, אז עס זיינען דאך גאר מצות. ודו"ק.

# דער מענש און זיין יצר

„אמר רשב"ל יצרו של אדם תגבר עליו בכל יום וכו'“.

דער בעל ההפלאה שרייבט אין זיין הקדמה אויף דעם פסוק „לא אוסיף עוד לקלל את האדמה בעבור האדם, כי יצר לב האדם רע מנעוריו, דען דער אמת איז, אז דעם מענשען ציהט צו זינדיגען אין זיין יוגענד, ווייל ער איז באשאפען פון דער ערד, און אזוי ווי מען שילט די מוטער, וואס האט דעם שלעכטען מענשען געבראכט אויף דער וועלט, אזוי זאגט רש"י הקדוש, „שנתקללה האדמה בעבור האדם שחטא“, אבער נאך דעם פירוש האט געדארפט זיין אזוי, אז וואס דער מענש ווערט עלטער, אלץ ווייטער פון דער ערד־באשאפונג, האט ער זיך געדארפט בעסערען, ניט ערגער ווערען, ווייל וואס גרעסער ער ווערט, עלטער הייסט עס, ווערט ער אלץ מעהר אויסגעלייטערט ווייטער פון זיין באשאפונג ,און ער דארף זיך באהעפטען אין זיין נשמה הקדושה, אבער אז מיר זעהען פונקט פארקעהרט, אז וואס עלטער ער ווערט אלץ מעהר זינדיגט ער, איז דאס ניט די שולד וואס ער איז באשאפען געוואָרען פון דער ערד· „לא אוסיף עוד לקלל את האדמה בעבור האדם“, איך וועל מעהר ניט שילטען די ערד צוליעב דעם מענשען, אז די ערד איז גאר ניט שולדיג, „כי יצר לב האדם“ דען זיין יצר פון דעם מענשען, איז „רע“, ערגער פון טאג צו טאג, פון יאהר צו יאהר, „מנעוריו“, מעהר פון זיין יוגענט, דארום דארף מען ניט באשולדיגען די ערד, עס איז ניט דער יצר הרע פון באשאפונג, פון דער ערד, נאר זיין אייגענער „יצר הרע“, דאס זאגט רשב"ל: „יצרו של אדם“, דער יצר הרע איז דעם מענשענס, ער ברענגט אויף זיך דעם יצר הרע. ניט זיין באשאפונג איז שולדיג — ניין, ניין! נאר דאס איז „יצרו של אדם“, זיין אייגענער יצר הרע, פון וואנען

איז דאָס דער באַווייז, ווייל „מתגבר עליו בכל יום", ווייל ער שטאַרקט זיך אויף איהם אַלץ ווייטער און ווייטער. פון דעם איז דער באַווייז, אַז עס איז זיין „יצר הרע", ניט זיין באַשאַפונג, איז שולדיג, און דער מענש קען אַלע מאָל פּטור ווערען פון איהם.

---

# צוואה פון עלטערן

כתובות, ק"ג.

„ת"ר בשעת פטירתו של רבי אָמר לבני אני צריך נר יהא דליק במקומו, שלחן יהא ערוך במקומו, מטה תהא מוצעת במקומה, כל בי שמשי הוה אתא רבי בביתו.

דעם מאמר האָב איך אַרומגעשריבען באַריכות מיט אַ מוסר השכל אין מיין ספר, דער ליעבלינג פון דער וועלט, איבערהויפּט פון אַלע רבנים, „דברי יהודה", דאַרום וועל איך דאָ מקצר זיין. „רבנו הקדוש" האָט ניט געדאַרפט אָנקומען ביי זיין לעבען צו די קינדער זיינע, ווייל ער איז געווען זעהר רייך, ווי עס ווערט געשילדערט אין „בבא מציעא", פּרק „השוכר את הפועלים", אָבער יעצט, אַז רבינו הקדוש ווערט נפטר פון דער וועלט רופט ער אויס „לבני אני צריך", יעצט דאַרף איך האָבען מיינע קינדער, יעצט מוז איך אָנקומען צו זיי, ווייל דאַרט געה איך אַוועק מיט דעם, וואָס איך האָב זיך אָנגעגרייט דאָ, אָבער אויפטהאָן דאָרט קען איך גאָרניט פאַר זיך. וועלען זיי זיך פיהרען גוט, אין דעם דרך ווי איך האָב זיי געלערענט, וועט מיר זיין גוט, אויב ניט ח"ו — בין איך אומגליקליך.

איך זאָג זיי אַן: „נר יהא דולק במקומו", דער נר ד' איז „כי נר מצוה ותורה אור" זאָל ברענען אויף זיין פּלאַץ, „שלחן יהא ערוך במקומו", דער טיש מיינער, וואָס איז אימער געווען פאַר אורחים און תלמידי חכמים, זאָל אימער זיין אויף דעם זעלבען פּלאַץ, ד. ה., אימער זאָלען זיי זיך פיהרען מיט דעם טיש, ווי איך האָב איהם געהאַלטען פאַר הייליג, „מטה תהא מוצעת במקומה", די בעט פאַר אורחים זאָל אימער זיין אויף דעם זעלבען אָרט, ווי עס איז געוועזען ביי מיר, אָדער די אידישע טהרת המשפחה זאָל זיין אָפּגעהיט פּינקטליך

רבינו הקדוש איז געשטאָרבען גליקליך, אַזוי ווי ער האָט זיך גע־פיהרט, אַזוי איז עס אימער געפיהרט געוואָרען אין זיין הייליגער הויז.

אז מען איז אריינגעגאנגען אין זיין הויז האט מען געטראפען די זעלבע היילינקייט, ווי עס איז געווען ביי זיין לעבען, ניט אנדערש האבען זיך געפיהרט זיינע קינדער.

איבערהויפט, אז מען איז אריינגעגאנגען ביי „רבינו הקדוש" אין הויז פרייטאג אבענדס, אדער דעם גאנצען טאג שבת, האט מען גע־מיינט, אז רבינו הקדוש איז אין הויז: די זעלבע קדושה איז דארט געווען. „כל בית שמשא הוה אתי לביתיה", אלע שבת פלעגט רבינו הקדוש קומען אין הויז, דאס הייסט, אזוי ווי ער וואלט געווען אין הויז. גליקליך איז געווען רבינו הקדוש ביי זיין לעבען, און נאך גליקליכער איז ער געווען ביי זיין טויט.

מיר האבען א מוסר השכל, מיינע טהייערע, פון די צוואה פון רבינו הקדוש. גליקליך דארפען זיין די עלטערען און זיך פרעהען ווען זיי זעהען פאר זייער טויט ,אז זיי שטארבען גאר ניט אפ, אז אלעס בלייבט ווי געווען ביי זייערע קינדער. דאס יודענטהום בלייבט אפגעהיט, אזוי ווי עס איז ביי איהם געווען...

# גלות הגוף

חגיגה, ה׳.

במסתרים תבכה נפשי וכו׳ מקום יש לו להקב"ה ומסתרים שמו, ובוכה בו".

דער איד קען ניט פארטראגען קיין גוטע עסען, ווייל ער האט זעהר א שוואכען מאגען. „וישמן ישורון ויבעט", ווי באלד ער עסט נאר א פעטען עסען. אין כלל הייסט עס, אז דעם אידען איז גוט, ער האט פרייהייט אטהעמען די אטמאספערע, דאן „ויבעט", ער בריקעט אויס די גוטעס, ער ווערט ווילד. „כפרה סוררת ישראל", דאן מוז הקב"ה כביכול איהם אריינגעבען אין די הענט פון אן „אומה שפלה" און דער איד ווערט הפקר, און דער רבוש"ע, אונזער גוטער פאטער, מוז פארבארגען זיין פנים פון אונז, און דאן, ווען עס איז שוין הסתרת פנים ח"ו, קענען זיי מיט אונז טהאן וואס זייער הארץ גלוסט, אבער צוליעב דעם הסתרת פנים וויינט דער רבוש"ע, אונזער פאטער, אויף די ביטערקייט פון אונזער גלות וויינט ער. „במסתרים", אין די פאר־בארגעניש, „תבכה נפשי", וויינט מיין זעלע. פרעגט די גמרא: „מאי במסתרים"? וואס הייסט ביי גאט „מסתרים" — זיך באהאלטען?

וואו קען ער זיך באַהאַלטען, אז ער איז דאָך „מלא כל הארץ כבודו“? אז „השמים ושמי השמים לא יכלכלוך“ — וואָס הייסט אז גאָט פאַרבאָרגט זיך, באַהאַלט זיך, וואָס הייסט עס? וואָס איז דאָס דער מיין דערפון?

ענטפערט די גמרא: „מקום יש לו להקב"ה“ ,אַ פּלאַץ איז פאַראַן פאַר גאָט, וואו ער גיט איין דעם אידען אין גלות, אז מען זאָל זיי אויסמענשלען, און אַז מען גיט איבער דעם אידען אין אַזאַ פּלאַץ, צווישען די חיות, פאַרשטעהט מען, וואָס עס וועט דאָרט געטהאָן מיט זיי: „ובוכה בו“ — אין דעם פּלאַץ וואו גאָט גיט זיי אַריין צו טרינקען דעם „כוס התרעלה“ וויינט ער דאָרט, ווייל מען פּלאָגט זיין אויסגעוועהלטע פאָלק מיט אַלע יסורים. וואָס קען ער טהאָן ,אַז מען קען בעסער מיט זיי ניט מאַכען, מוז ער זיך מאַכען, כביכול, ניט קוקענדיג, און דאָס הייסט „מסתרים“, „הסתר פנים“, און צוליעב דעם הסתרת פנים וויינט ער.

# גלות הנפש

חגיגה, ה׳.

„ואם לא תשמעוה במסתרים תבכה נפשי מפני גוה. מאי במסתרים תבכה נפשי? מקום יש לו להקב"ה ומסתרים שמו ובוכה בו. מאי מפני גוה? מפני גאותן של ישראל שנטלה מהם ונתנוה לעובדי כוכבים ומזלות“.

דאָס מאָל וועל איך בעזהי"ת אַרומרעדען אַביסעל מעהר באריכות. דער געדאַנק ווערט שוין אַרומגערעדט אין מיין ספר „דברי יהודה“, אָבער איך וויל דאָ ניט פאַרפעהלען קיינע מאמרים, די וואָס איך וויים, אַז עס קומט אַרויס פון זיי אַ מוסר השכל.

ביי דער היינטיגער צייט איז דאָס ווי אַנגעמאָסטען; פיעלע וועלען באַמערקען, אַז עס איז פונקט אַנגעקליידעט אויף זיי. אַז איך האָב דעם מאמר פון דער בימה גערעדט, דאָס וואָס איך וועל דאָ שרייבען, האָבען זיי מיר געפרעגט, פון וואַנען וויים איך דאָס, פונקט ווי איך וואָלט געוועזען ביי זיי אין הויז און געזעהן וואָס דאָרטען טהוט זיך, ווי אַזוי זיי באַגעהען זיך מיט דאָס שטיקעלע אידישקייט, וואָס עס געפינט זיך נאָך ביי זיי.

מיינע טהייערע, איהר ווייסט אַליין, אָדער איהר האָט עס געזעהן, אַזוי ווי עס איז געוועזען די אידישקייט ביי אונז אין דער היים, אַז

דער גאנצער שטאָלץ, די ביסעלע גאוה, די פיעל באַריהמעריי, איז נאָר געוועזען מיט די תורה און מצות. יעדער האָט זיך באַריהמט און זיך גרוים געהאַלטען אויב ער האָט געהאַט אַ קינד אין דער ישיבה און האָט גוט געלערענט; אַז צוויי פרויען פלעגען זיך אַנטרעפען, אַ שטייגער אין שוהל, און לאָמיר זיי רופען מיט נעמען: איינע ציפע און די צווייטע וויכנע. זאָגט ציפע צו וויכנע'ן איהר ווייסט, איך האָב געקראָגען אַ בריעף פון מיין יאַנקעלען, לעבען זאָל ער נאָך מיין קאָפּ, זאָל ער זיך אָפּשטעלען, שרייבט דער ראש הישיבה, אַז ער לע־רענט אַזוי גוט, אַז ער וועט קלאָהר זיין היינטיגען זומער אין דריי גמרות. איך קען ניט נאָכרעדען ווי די נעמען וואָס ער שרייבט פון די דריי גמרות. איך דענק איינע הייסט באָבע קעמע, און, וואַרט, וואַרט אַביסעל וועל איך זיך דערמאָנען. יאָ, באָבע מעטיהע און באָבע באַשרעי. נו, וואָס זאָגט איהר אויף מיין שמחה? דער גביר פון שטאָדט דאַרטען גיט איהם דריי טעג און איך האָב געהערט, דאָס ער וויל איהם צוכאַפּען פאַר זיך. נו, וואָס זאָגט איהר צו מיין שמחה?

דער מאַן איהרער געהט מיט'ן טלית און תפילין אין שוהל אריין, ער שעהמט זיך ח"ו ניט, פאַרקעהרט, ער שטאָלצירט מיט זיין אידיש־קייט, ער פרעהט זיך, ער קוועלט און מיט דעם. איך בין פויל צו שילדערען אין ספר. שילדערען קען מען אויף דעם בימה, אָבער ניט צום דרוקען.

היינט איז גראָדע פאַרקעהרט. עס קימערט ווינציג פאַר אידיש־קייט. יעדער איינער דענקט נאָר שטענדיג ווי אַזוי צו מאַכען אַ לעבען, און אַז עס געהט איהם גוט איז ער מלא שמחה. מיט אי־דישקייט פאַרבאַהאַלט מען זיך.

יאָ, אונזער אידישקייט געפינט זיך איצט בשפל המדרגה, און דאָס מיינט פילייכט דער אויבענדערמאָנטער מאמר „במסתרים תבכה נפשי". „מאי במסתרים?" „מקום יש לו להקב"ה, דער איד האָט איין אָרט, ער לאָזט איבער אַ קליינעם אָרט, „מקום" „יש לו", ער האָט אַ שטיקעל אָרט, דער פרומער איד, „להקב"ה" — צו גאָטהייט. מיינט איהר פי־לייכט אַז דער אָרט איז „בגלוי", ער שעהמט זיך ניט דערמיט? ניין! ניין! נאָר „ומסתרים שמו", דער אָרט הייסט „מסתרים", ער באַהאַלט זיך דערמיט, מיט דאָס ברעקעלע אדישקייט פאַרשטעקט ער זיך אין באַהעלטעניש, מען זאָל איהם ח"ו ניט זעהן, „ובוכה בו" און דאָרט, אין דעם „במסתרים", וואו דער איד באַהאַלט זיך, ווען ער באַהאַלט זיך דערמיט, מיט דאָס ברעקעלע אידישקייט פאַרשטעקט ער זיך אין און וואו ער באַהאַלט זיך, אין דעם פלאַץ קלאָגט די גאָטהייט, וואָס

עס איז געוואָרען פון דעם אידען מיט זיין תורה, וואָס אַמאָל האָט ער עס געהאַלטען מיט שטאָלץ, ער האָט געשריען מיט קולות „עברי אנכי"; אין דער גרעסטער געפאַהר האָט ער שטאָלצירט מיט זיין נאָמען איד, מיט זיין תורה און מיט זיינע תרי"ג מצות, און יעצט באַגראָבט ער זיך מיט זיין תורה און מיט זיינע תרי"ג מצות.

„מאי מפני גוה?" „מפני גאותן של ישראל שנטלה מהם ונתנוה לעובדי כוכבים ומזלות". די גמרא פרעגט ווייטער, וואָס הייסט גאָט וויינט „מפני גוה", צוליעב די גרויסקייט? ענטפערט די גמרא: „מפני גאותן של ישראל", די גאָטהייט וויינט צוליעב דעם, וואָס די אידישע גרויסקייט, דער אידישער שטאָלץ, דער אידישער לעבעדיגער גייסט, די אידישע אייביגע גדלות, די אידישע באַריהמעריי, זייער גאוה, וואָס איז געבליבען אויף דעם פּלאַץ פון זייער גרויסקייט, זעהט מען איצטער ארוים זייער נידעריגקייט, זייער שעהמען זיך מיט אידישקייט, „מפני גאותו של ישראל שנטלה מהם ונתנוה לעובדי כוכבים ומזלות", צוליעב דער גרויסקייט פון די אידען וואָס איז פון זיי צוגענומען געוואָרען פון די אידען, וואָס האָבען זיך באַריהמט מיט זייער אידישקייט און געשטאָלצירט מיט דעם, איז יעצט שטאָלצירען זיי מיט די אומות העולם, מיט זייערע מנהגים. זעהען מיר דען ניט ביי די גוים, זונטאג, נעבען זייער טשוירט, קומען יונגע בחורים, יונגע מיידלאך מיט זייערע געבעט־ביכער אין די הענט, אפילו ניט איינ־געוויקעלט מיט אַ שטיקעל פּייפּער. ווער געהט ביי אונז דאַוונען? ווער, ווער? און די וואָס קומען יאָ, איז מעהר ניט ווי נאָכגעקרימט. השי"ת זאָל שוין רחמנות האָבען און אונז אויסלייזען פון אונזער „גלות הנפש" איבערהויפּט, און אונז אויך אויסלייזען פון דעם „גלות הגוף", אמן.

# גלות הגוף וגלות הנפש

(ברכות דף ד׳).

„מה לו לאב שהגלה את בניו, ואוי להם לבנים שגלו מעל שלחן אביהם".

אין די לענדער וואו מיר ליידען גלות הגוף, דער איד האָט צרות פון אַלעמען, פון יעדען פּאַסטוך, פון יעדען כוליגאַן, און אפילו פון די גרעסערע, רייכערע, פון דעם געבילדעטען קלאַס, ליידעט ער פון

זייער „אנטיסעמיטיזם“, אבער דארטען, אין יענע לענדער, איז ישראל רייך אין גייסט, זיין נשמה לעבט דאך גליקליך, דארט איז די תורה און מצות אפגעהיט, די קינדער זיצען אין די בתי מדרשים און עס הערט זיך זייער זינגען, דעם זיסען ניגון פון „תנו רבנן“.

דארט, אין יענע לענדער, וואו זיי איז ביטער, שלעכט, דארט האט כביכול צער פון אונז, ווייל אונז איז קערפערליך שלעכט, אונזער בית המקדש איז חרוב, אונז איז ניט גוט, דארט קלאגט השי״ת אויף אונז, ער ליובט אונז, אבער ער מוז אונז געבען ביטערע מעדיצין, ער מוז אונז האלטען אין דער פרעמד, און ער קען אונז נאך ניט אריינגעהמען ביי זיין טיש, ווייל מיר פארטראגען ניט קיין גוטעס. וואס קלאגט ער, פאר וואס וויינט ער? ער זאגט „מה לו לאב“ — ווי קען זיין גוט זיין טאטען „שהגלה את בניו“, וואס ער האט גע־מוזט פארטרייבען זיינע קינדער...

אין די לענדער וואו מיר האבען אלע פרייהייט און עס איז אונז גוט, דאן איז נאר פאר אונזער קערפער גוט, אבער דארטען איז דער גייסט א געשטארבענער... ווייל אונזער נאטור איז אזעלכע, דאס מיר קענען קיין פעטען ביסען ניט פארטראגען. באלד ווי מיר נעהמען א פעטען ביסען, כאפט ער זיך אריין אין מאגען און מען מוז אונז אן אפפיהרונגס־מיטעל געבען.

אין די לענדער, קלאגט השי״ת, און זאגט אזוי: איך גיב זיי אלעס גוטעס, אזוי ווי זיי וואלטען געווען ביי מיין טיש, אבער זיי אליין אנטלויפען פון דעם טיש, פון זייער פאטער... דאן קלאגט השי״ת „ואוי להם לבנים“ און וועה און ווינד איז צו די קינדער מיינע „שגלו“, זיי האבען זיך אליין פארטריבען „מעל שלחן אביהם“, פון זייער פאטערס טיש. דאס קלאגט כביכול אויף ביידע צייטען...

# דער רבש״ע און די שוהל

חגיגה, ה.

„מאי במסתרים וכו׳, מאי מפני גוה וכו׳? הא בבתי גואי והא בבתי בראי“ וכו׳.

דער געדאנקען וואס איך שרייב יעצט פאר אייך, האב איך געזעהן אין אייניגע ספרים. איך שרייב דאס דערפאר, ווייל פיעלע האבען ניט די ספרים און מיינער א ספר ווערט גענוצט איבעראל און פון יעדען.

די גמרא פרעגט, ווי אזוי קען מען זאגען, אז דער רבוש"ע וויינט, עס איז דאָך גאָר "עוז וחדוה במקומו"? ענטפערט די גמרא, במסתרים, אינוועניג, אזוי ווי פריהער איז געזאָגט, במסתרים — אין פאַרבאָר־געניש, וואו קיין מלאך זעהט ניט און הערט ניט, אינוועניג וויינט ער, אבער כלפי חוץ איז ער פרעהליך.

אין גרונד ,אז מיר ווֶעלען באטראַכטען, איז גאָר ניטאָ וואָס זיך צו באַקלאָגען אויף די אידישקייט. מיר זעהען וואו נאָר מיר געהען, אז עס זיינען דאָ אַ סך שוהלען אין ניו יאָרק און אין ברוקלין, מען צעהלט אין ניו יאָרק און אין ברוקלין איבער צוויי טויזענד בתי מדרשים. ימים נוראים — איבער אַכט טויזענד, און עס קומען צו אַלע ווייִלע נייע שעהנע בתי מדרשים, און אונזערע אידעלאַך גיבען אוים אוצרות געלט צו בויען און זיי אויסצוהאַלטען, אזוי אויך ישיבות, תלמוד תורה׳ס — אַלע טאָג קומען צו נייע און מען האלט גוטע לעהרער און פּרינציפּאַלס און מען האַלט עס אַלעס אוים. און עס זיינען דאָ אַ סך שוהלען, וואו מען לעהרענט אַ פּרק משניות און אַ מאָל אַ בלעַטעל גמרא. יעדע שוהל האָט אַ לײַדיס עקזילערי, אַלערליי אנשטאַלטען, אפילו אַ תומכי שבת געפינט זיך. די פראַגע איז: וואָס וויל מען? וואָס שרייעט מען? וואָס טומעלט מען און וואָס לאַרעמט מען, אז עס פעהלט אין אמעריקא אידישקייט?

אָבער פרעהט זיך ניט מיט אונזער אידישקייט!

קומט מיט מיר און איך וועל אייך ווייזען, וואָס אינוועניג איז. אין די שוהלען איז ניטאָ קיין מנין, סיידען אז אַ מעמבער האָט יאָהרצייט. און אויב עס געפינט זיך אַלע טאָג אַ מנין אָדער צוויי, איז דאָס אין אַ געגענט וואו עס געפינען זיך פיעלע אַלטע לייט, וואָס זיצען שוין און וואַרטען אויף "יום פקודתם", אָדער אַ פּאָר אבלים צו זיי. שבת זיינען אייניגע מנינים פאַראַן, איז נײַנציג פּראָצענט געהען נאָך "ישמח משה" אין ביזנעס אַוועק. איז אַז דער רבוש"ע גיט אַ קוק אין דרויסען פרעהט ער זיך: אַ שעהנע שוהל מיט אַ שעהנעם נאָמען: "אוהבי תורה". געהט ער אָבער אַריין אינוועַניג — אַ קלאָג, אַ חורבן, ודו"ק — "הא בבתי בראי, הא בבתי גואי", ודו"ק.

איך וויל ניט שילדערען, עס איז מיר אונמעגליך צו שילדערען, ווייל דער דרוקען, וואָס מען קען דערפון קריגען הדרוקן — לאָזט ניט. אַז דער רבוש"ע זעהט אין יעדען בלאָק אַ תלמוד תורה קוועלט ער אַז, אָבער אינסייד איז אַ חורבן... "הא בבתי בראי הא בבתי גואי": אויטסייד קוועלט ער, אינסייד וויינט ער. ער זעהט מודעות פון

טשאריטי, א גוטען נאמען האט עס — ער קוועלט. ער געהט אריין אינוועניג — מען טאנצט אויף טשאריטי... „הא בבתי גואי, הא בבתי בראי". ודו"ק.

# דאס דעמאקראטישע פאלק

חגיגה, ג׳.

„ת"ר מעשה ברי יוחנן בן ברוקא ור׳ אלעזר (בן) חסמא שהלכו להקביל את פני רבי יהושע בפקיעין. אמר להם מה חדוש הית היום בבית המדרש? אמרו ליה תלמידיך אנו ומימיך אנו שותין, אמר להם אעפ"כ א"א לביהמ"ד בלי חדוש, שבת של מי היתה? שבת של רבי אלעזר בן עזריה היתה. ובמה היתה הגדה היום? אמרו לו בפרשת הקהל. ומה דרש בה? הקהל את העם האנשים והנשים והטף, אם אנשים באים ללמוד נשים באות לשמוע, טף למה באין? כדי ליתן שכר למביאיהם. אמר להם מרגליות טובה היתה בידכם ובקשתם לאבדת ממני. ועוד דרש את ד׳ האמרת היום וכתי׳ וד׳ האמירך היום, אמר להם ד׳ לישראל אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם וכו׳, ובלשון הזה אמר להם אשרי הדור שר׳ אלעזר בן עזריה שרוי בתוכו" וכו׳.

אז מיר באקלעהרען זיך און זוכען צו פארשטעהן אין דעם ענין פון דער מחלוקת צווישען ר"ג און ר"י, און מיט דעם גאנצען שטראף, ווארום מען האט מעביר געווען ר"ג פון זיין נשיאות ביד רמה, ווי נאכדעם אויפגענומען ראב"ע, און נאכ דעם דאס איבערבעטען זיך צווישען ר"ג און ר"י, אז מיר באטראכטען דאס איז צו זעהן, אז די מחלוקת איז געווען צוליעב פרינציפען.

רבן גמליאל איז געווען דער גרויסער אריסטאקראט און דער גרויסער האר, וואס האט געוואלט פיהרען די נשיאות זיינע ביד רמה, ווי „זרוק מרה בתלמידים" — און זיינע געגנער זיינען געווען דעמאקראטען. רבן גמליאל האט פארשלאסען די טירען פון בית המדרש פאר די תלמידים „אין תוכם כברם" און ער האט ניט ערלויבט אריינצוקומען, נאר די גדולים און די חשובים.

אבער זיינע געגנער האבען ניט געוואלט מיט דעם איינשטימען. נאך זייערע געדאנקען, נאך די ריכטיגע דעמאקראטישע געדאנקען, האבען זיי געזאגט, אז די תורה ליגט בקרן זוית און ווער עס וויל

קען איהר לערנען, ווער עס וויל קען קומען און נעהמען די תורה. די תורה איז ניט פאַר יחידים, ניט ווי, להבדיל אלף אלפי הבדלות, ווי די דעספּאָטישע קעניגרייכען, ווי די היסטאָריע ווייסט, דאָס זיי האָבען געוואָלט אז דער המון זאָל זיין אומוויסענד אין גאַנצען, דער המון טאָר ניט לערנען, כידוע ליודעי חן.

ניט אַזוי האָבען אונזערע חכמי המשנה והתלמוד געזאָגט. זיי האָבען געזאָגט: „והעמידו תלמידים הרבה", די תורה איז דאָס אייגענטום פון אַלעמען, פון יעדען איינציגען: פון רב ביז דעם וואַסער־טרעגער, אַלע קענען לערנען די תורה. ניט נאָר זיי מעגען, נאָר עס ליגט אַ פליכט אויף יעדען איינעם פון זיי צו לערנען, קיין אונ־טערשייד אָרעם צי רייך, רב אָדער שוסטער, גאון אָדער שניידער — די תורה איז פאַר אַלעמען.

און אַזוי האָט געטהאָן ראב"ע. ווי נאָר ער איז נשיא געוואָרען האָט ער די ערשטע זאַך באַפוילען אויפצועפענען די טיהרען פון בית המדרש, און אין דעם טאָג זיינען צוגעקומען פיער הונדערט בענק אין בית המדרש, און ער האָט באַלד גע׳דרש׳ענט „הקהל את העם, האנשים והנשים והטף" — אַלע זאָלען קומען און לערנען תורה, אפילו די וואָס קענען גאָר ניט זאָלען קומען הערען, אפילו די פרויען וואָס טאָרען ניט לערנען קיין תלמוד זאָלען אָבער קומען הערען, און אַזוי פיעל פריי געמאַכט דעם בית המדרש און אָנגעוויזען, אַז עס איז גרויס דער שכר פון דער תורה, אַז אפילו קליינע בייבים, וואָס פאַר־שטעהען נאָך ניט די שפּראַך, און פאַרשטעהען נאָך ניט וואָס מען רעדט צו זיי, איז אָבער באַשטימט געוואָרען אַ שכר פאַר דער מוטער אָדער פאַר׳ן פאָטער, פאַר ברענגען זיי...

און ווי נאָר רבי יהושע האָט געהערט די רייד, האָט ער זיך זעהר געפרעהט, ווייל ער האָט פאַרדרוס געהאַט דערפון וואָס ר"ג האָט ניט צוגעלאָזען אַלעמען צו דער תורה, און ער האָט אויסגע־רופען: גליקליך איז דער דור, אין וועלכען ראב"ע געפינט זיך אין איהם! וויפיעל עלטערען וועלען יעצט האָבען נחת פון זייערע קינדער! וויפיעל װעניגער עמי הארצים וועלען זיין אין דער יעצטיגער צייט!

און רבי יהושע האָט אין זיין שמחה אויך אַביסעל מיט פאַרדרוס זיי געזאָגט: מיינע טהייערע! אין דעם פסוק וואָס ער האָט גע־דרש׳ענט, ווי איהר האָט מיר יעצט געזאָגט דעם דרוש, איז דאָך אַ ריכטיגע ערקלעהרונג פון דער תורה, אַ באַוויז צו אונזער דעמאָקראַ־טישער מיינונג, ניט ווי ר"ג האָט זיך געפיהרט. „מרגליות טובה היתה בידכם ובקשתם לאבדה ממני" — אַ טהייערער דימענט איז געווען

איז אייערע הענט און איהר האט איהם געוואלט פארלירען פון מיר, מיר ניט איבערגעבען דעם דימענט, כדי איך און איהר זאלען געניסען פון דעם זעלבען דימענט.

און נאך האט ער גע׳דרש׳ענט: „את ד׳ האמרת היום, וד׳ האמירך היום. אתם עשיתוני חטיבה אחת בעולם ואני אעשה אתכם חטיבה אחת בעולם. אלע אידען זיינען א חטיבה אחת, ניט ווי ביי אנדערע אומות העולם, וואו דער גלח דארף קענען (וואס ער קען!...) און דער המון טאר גאר ניט קענען... ביי אונז זיינען אלע א חטיבה אחת!

# טבע און נס

ראש השנה, ג׳.

„מלכי ישראל מניסן מונין וכו׳. כורש מלך כשר היה“ וכו׳.

דער בורא עולם האט איינגעארדענט די וועלטעלע אונזערע, אז זי זאל עקזיסטירען. די טבע, וואס ער האט באשאפען, אז אזוי זאל זיך די וועלט פיהרען, און האט דערצו צוגעגעבען אויף „נס“, אז ווען עס קומט די צייט, וואס א כלל און אויך א יחיד, קען ניט מעהר עקזיסטירען מיט דער טבע, דאן ווערט עס געפיהרט מיט׳ן כלל, אדער מיט דעם יחיד, למעלה מדרך הטבע, אבער מיט די ביידע הנהגות פיהרט זיך די וועלט — טבע און נס.

די טבע איז פאר אונז אלעמען גלייך, פאר דעם פרומען ווי פאר דעם ניט פרומען. אבער די הנהגה הנסיית ווערט נאר געפיהרט פאר דעם פרומען, פאר דעם כלל, אויב זיי קענען ניט עקזיסטירען מיט טבע. דאס זעלבע איז מיט׳ן יחיד.

דער חודש ניסן איז דער חודש, אין וועלכען עס איז געטהאן גע־ווארען נסים פאר דעם עם ישראל ארויסגעהענדיג פון מצרים. דאן איז נתגלה געווארען די הנהגה הנסיית, דארום צעהלען די מלכי ישראל פון ניסן, ווייל דאס איז א באוויז, אז מיט אונז אידען ווערט גע־פיהרט די הנהגה הנסיית. אויך די מלכי עכו״ם וואס זיינען צדיקים, אויך מיט זיי ווערט אפט געטראפען נסים, דארום צעהלען זיי אויך זייער צייט פון ניסן, וואס אין דעם חודש איז די הנהגה הנסיית אנטפלעקט געווארען.

# דרוש פּאַר שלום

יומא, נ"ג.

„צריך להפסיע שלש פסיעות לאחוריו, ואח"כ יתן שלום".

שלום אין הויז און שלום אין חברה, שלום איז לאַדוש און שלום אין סאָסייעטי, און בכלל איז ביי אידען דער שלום די בעסטע ברכה. אין דער תורה געפינען מיר אין פרשת בחוקותי „ונתתי שלום בארץ", זאגט רש"י „אם אין שלום אין כלום", און די חז"ל האָבען זעהר פיעל גערעדט וועגען שלום. איך וועל ברענגען אייניגע מאמרים פון ש"ס, וואו עס רעדט זיך וועגען שלום: „עד זיבולא בתרייתא שלמא" (ברכות, ח׳); „מי כהקב"ה יודע לעשות פשרה" (שם, יו"ד); קעגען חזקיהו המלך און ישעיה הנביא, ווי גאָט ב"ה האָט געמאַכט שלום צווישען זיי (עיי"ש); „ותן לנו חיים ארוכים, חיים של שלום" (ברכות, ט"ז); „יהי רצון שתשים שלום בפמליא ובין התלמידים" (ברכות, י"ז); „ת"ח מרבים שלום בעולם" (שם, ס"ד); „אלו דברים שאדם אוכל וכו׳ והבאת שלום בין אדם לחבירו" (פאה, פ"א); „בקש שלום במקומו, ירדפהו מקום אחר" (ירושלמי, פאה); „משה אין שלום בעירך" (שבת, פ"ט); „בזמן שיש שלום יהיה לששון ולשמחה" (ר"ה, י"ח); „כי חזינן תרי דאית להו תיגרא עבדינן שלמא" (תענית, כ"ב); „אשה אחת שברה על ראש בבא בן בוטא ב׳ מנורות וסבל לשלום אשה עם בעלה" (נדרים, ס"ו); „אליהו בא לעשות שלום" (עדיות, פ"ח); לא מצא הקב"ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום" (עוקצים, פ"ג); „על ג׳ דברים העולם עומד וכו׳ ועל השלום" (אבות, פ"א).

דאָ האָט איהר, מיינע טהייערע, פון אונזער ש"ס, ווי גרויס, ווי טהייער, ווי ליעב עס איז דער שלום צווישען אונז, אז מיר דאַרפען נאָר זעהן, עס זאָל צווישען אונז זיין שלום, בין איש לאשתו נאָר שלום, רוהט דאָן די שכינה אין הויז; ווער רעדט פון קינד און על־טערען, אויך שכנים, און אזוי ווייטער. דער וואָס איז אַ מענש וואָס מאַכט שלום און ער איז אַ רודף שלום, דער איז פון די תלמידי אהרן. וואויל איז צו איהם!.... קיינער זאָל ניט זאָגען, שטייטש, ווי פּאַסט עס פּאַר מיר, איך בין דאָך אַ אדם חשוב, אַז איך זאָל געהן מאַכען שלום צווישען שלומיאל און זיין פרוי שלומיאל דער רעגס־פּיקער, און זיין ווייבעל די הויזקיפּערקע, די שלומפּערקע, וועל איך געהן מאַכען שלום ביי זיי? ווער בין איך און ווער זיינען זיי. אויך מיין דאגה!

זאָג דאָס ניט, טהו דאָס ניט, נאָר געה און מאַך שלום אפילו עס זאָל דיר קאָסטען געלט און געזונד. דאָ קוק ניט אויף דעם וואָס דו ביזט אַ תלמיד חכם, אויב דו ביזט אַ גביר אדיר. קעהר זיך אום אהינטער ג׳ פסיעות, אפילו אויב דו ביזט אַ תלמיד חכם, איז איינס. אפילו אז דו ביזט אַ גביר אדיר, איז צוויי. אפילו דו ביזט אויך די דריטע מעלה, דאָס דו פאַרמאָגס גרויס יחוס המשפחה — וואַרף אוועק אויף דער ווײַלע דיין לומדות, דיין רייכקייט, דיין יחוס. „צריך להפסיע ג׳ פסיעות לאחוריו״, קוק אויף דעם ניט, געה צוריק די דריי טריט, די דריי מעלות, לאָז דאָס איבער אין די פראַנט און דו קוק זיך ארום אהינטער ג׳ פסיעות, קוק זיך ניט איין וואָס דו מאַכסט זיך נידעריג, לאָז אַלעם איבער, אַלע דריי מעלות. צריך להפסיע ג׳ פסיעות ואח״כ יתן שלום. ודו״ק.

# דרוש לתשובה

(ברכות ג׳, ע״א).

„שלש משמורות וכו׳, משמורה ראשונה חמור נוער, שניה כלבים צועקים, שלישית תינוק יונק משדי אמו, ואשה מספרת עם בעלה. למאי נפקא מינה, למאן דגני בבית אופל למיקרי ק״ש לידע וכו׳״.

אין דרוש ספרים האָב איך געזעהן וואָס זיי זאָגען על דרך המוסר אויף דעם מאמר זעהר באריכות, און איך האָב געמאַכט דערפון אַ קיצור, אַזוי ווי איך גיב דאָ איבער קורץ.

דער מענש אין זיין לעבען האָט דריי צייטען. נעמליך, די וועלכע עס רופען זיך: ימי עליה, ימי עמידה, ימי ירידה. פון געבורט ביז צוואַנציג יאָהר הייסען „ימי עליה״. די יאָהרען וואָס דער מענש וואַקסט קערפּערליך און גייסטיג — פון צוואַנציג ביז פערציג, הייסען „ימי עמידה״. די יאָהרען פון פערציג ביז זעכציג ווערען אָנגערופען „ימי ירידה״ — ווען דער מענש געהט שוין אַראָפּ און אַראָפּ דעם באַרג.

ביז צוואַנציג, די „ימי עליה״, דאַן געוועלטיגט אויף איהם דער „יצר הרע״ מיט דער טענה: „דו לעב יעצט אַ טאָג. נאָכדעם, פון צוואַנציג און העכער וועסטו הייראַטען, דאַן וועסטו שוין ניט קענען לעבען אַ טאָג, ווייל דו וועסט זיין פאַרנומען מפרנס צו זיין אַ פרוי

און קינדער. יעצט לעב!" און ער פאָלגט איהם, און ער לעבט דאַן פונקט ווי דער „חמור". ער ווייסט נאָר „אבוס בעליו" — פרעסען, זויפען, הוליענען; אַרבייטען און עסען — דאָס אַלעס. אויף דעם קלאָגט כביכול אויף איהם, וואָס ער פאַרברענגט זיין בעסטע צייט אויף גאָר ניט. „משמורה ראשונה" — דעם ערשטען משמור" פון זיין לעבען איז „חמור נוער", ער לעבט און לאַכט, פרעסט און זויפט, אַרבייט און עסט, פונקט ווי דער חמור. אַלזאָ: „משמורה ראשונה חמור נוער".

ווי ער ווערט אַלט צוואַנציג יאָהר, דאַן הויבט איהם אָן איינרעדען דער יצר הרע, אַז ער דאַרף הייראַטען, ווייל די גמרא זאָגט אין קדושין „כיון שבא לכ' שנה ולא נשא אומר הקב"ה תיפח עצמותיו של אותו רשע" און דאַן גענט ער חתונה האָבען... און אַז ער האָט שוין חתונה געהאַט, זאָגט איהם דאַן דער יצר הרע: „איז דען יעצט די צייט פרום צו ווערען? יעצט דאַרפסטו זעהן דיין פרוי מפרנס צו זיין!"

אין אַ יאָהר אַרום האָט איהם זיין פרוי אַ קינד געבאָרען, און אַ מאָל, אַז דער רבוש"ע העלפט, האָט זי אַ צווילינג. און יעצט, ווען ער זאָל שוין אפילו וועלען גוטעס טהאָן, קען ער ערשט ניט. דאָס ווייבעל שרייט און די קינדער דאָס זעלבע: „הב הב!" — גיב און גיב. און וואָס עלטער די קינדער ווערען הערט זיך שטאַרקער זייער „הב"קען: „הב, הב, הב!" — „משמורה שניה כלבים צועקים" — די קינדער שרייען „הב, הב" אַזוי ווי כלבים: הוי, הוי, הוי!

ער איז שוין אַריבער פערציג, ער ווערט שוין פופציג יאָהר, ער טראַכט זיך, ער וועט פאַרהייראַטען אַלע זיינע קינדער, וועט ער שוין גוט און פרום ווערען. ער איז שוין זעכציג, ער וויל שוין ווערען פרום, קומט צו איהם דער יצר הרע און טענה'ט: „ברודער לעבען, דיין לעבען האָסטו אָפּגעגעבען פאַר מיר, דו שמעקסט שוין אין דיין עסען דעם טעם פון ערד, דו געהסט שוין איינגעבויגען. אַט יעצט באַרעכען זיך וואָס דו האָסט אָפּגעטהאָן אין דיין לעבען, אַלע שלעכטעס, אפילו דו זאָלסט לעבען נאָך הונדערט יאָהר און דו זאָלסט אַלע טאָג פאַסטען און תהלים זאָגען, וועט דיר שוין תשובה ניט העלפען. לעב זשע שוין אַ גוטען טאָג אויף די עלטערע יאָהרען דיינע און האָב כאָטש „עולם הזה". קיין עולם הבא וועסטו דאָך שוין ממילא ניט האָבען...

צדיק מיינער, אַז די נשמה רעדט שוין מיט דעם רבש"ע, דער בעל הבית איהרער, אַז זי האָט שוין ביים געזעגענען זיך מיט דיר, אַט יעצט ווילסטו ווערען אַ צדיק? דו ביזט דאָך שוין צוריק ווי אַ

קינד, ביזט איינגעבויגען און קליין ווי א קינד, כחות ווי ביי א קינד. ניין, עס קען דיר שוין ניט העלפען!

קוקט אריין אין מלבי"ם'ס „ארץ חמדה". אין פיער פלעצער איז ער מכנה די נשמה צו א אשה. ער ברענגט ראיות, און איך דארף עס דא ניט ברענגען! ווען ווילסטו פרום ווערען... ווען עס איז שוין צו ענדע פון דיין דריטען משמור, „שלישית"... וואס דו ווערסט שוין גערופען „תינוק יונק משדי אמו", דו זויגסט שוין פון דיין „כלל-מוטער" די ערד, אלע טאג ווערסטו מעהר איינגעבויגען, אויף דיין פנים איז שוין צו זעהן די „בית-עולם בלעטלאך", „ואשה"—דיין נשמה, „מספרת", רעדט שוין, „עם בעלה", מיט דעם בעל-הבית איהרען, כביכול, איצטער ווילסטו פרום ווערען? פע, ניט שעהן פון דיר, אז דו זאלסט אזא נאר זיין און ניט פארשטעהן, אז עס קען דיר שוין ניט העלפען קיין תשובה.

פרעגט די גמרא „למאי נפקא מינה?" איך זעה דאך טאג טעגליך אזעלכע פאסירונגען, ווי די יונגע טהוען ווי דער „חמור", די מיטעל-יעהריגע „ככלבים" און איהר אלטע שוין, וואס פיפקען א פיפקע אום שבת... ווייל זיי דענקען, אז עס קען זיי שוין ניט העלפען, טא צו וואס לאזט אונז דאס וויסען רבי אליעזר? ענטפערט די גמרא, ער לאזט אונז וויסען, אז די אלטע זאלען ניט לאזען זיך איינרעדען, כאטש די איין זאך, אז עס איז פארפאלען, עס קען שוין איהם קיין תשובה ניט העלפען. ער זאל וויסען, אז דאס רעדט איהם איין דער יצר הרע, אזוי ווי ער האט איהם בעפאר געלאזט איינריידען, אז די גרעסטע עבירה איז גאר ניט, עס איז גאר ניט אזוא עבירה ווי ער דענקט, עס איז א גאנץ קליינע עבירה, אט דער זעלבער חברהמאן רעדט איהם יעצט איין אויף די קלענסטע עבירה, אז דאס איז די גרעסטע, כדי ער זאל מיינען אז עס העלפט איהם קיין תשובה ניט. זיי וויסען, אלטיטשקער, אז תשובה העלפט אלע מאל, אפילו צו די וואס האבען זייער לעבען אפגעשלאפען אין א פינסטערער הויז, „למאן דגני בבית אופל"—„ליקרי ק"ש לידע", זאל ער וויסען, אז ער קען פון יעצט אן און ווייטער אויפשטעהן און לייענען ק"ש און אנהויבען גלויבען אין גאט און אין זיין תורה...

# די פליכט פון מענשען אויף דער וועלט

(ברכות דף ה׳).

„כל האומר תהלה לדוד ג׳ פעמים בכל יום מובטח לו שהוא בן עולם הבא וכו׳".

אויב דאָס וואָלט געווען טאַקע אזוי, אז ווען א מענש וועט זאָגען א קאַפּיטעל תהלים דריי מאָל א טאָג, איז ער שוין פאַרזיכערט מיט עולם הבא; ער קען שוין טאַקע אַפּטהאָן אַלעס וואָס זיין הארץ וועט געלוסטען, אבי נאָר זאָגען „תהלה לדוד" איז ער שוין פאַר אַלץ יוצא? איז דאָס מעגליך? און ווידער, וואָס עפּעס דאָס קאַפּיטעל „תהלה לדוד", ווי די גמרא פרעגט: „אלימא משום דאתי באלף בית לימא אשרי תמימי דרך", „דאתיא בתמניא", „ואי משום דאית ביה מזונות לימא הלל הגדול!" „אלא משום דאית ביה תרתיה", און טאַקע קענען מיר פרעגען, וואָס איז יעצט בעסער אז עס איז פאַראַן אין אשרי איין אלף בית און בקשת מזונות, דארום קענען מיר מיט דעם זאָגען אַליין האָבען עולם הבא? און מיר ווילען טאַקע נאָך א מאָל פרעגען, וואָס עפּעס תהלה לדוד און ניט קיין אנדער קאַפּיטעל? ווידער, וואָס פאַנגט ער אָן דעם קאַפּיטעל צו רופען „תהלה לדוד", אז דער אָנפאַנג איז „ארוממך" וואו עס פאַנגט זיך אָן דער „אלף־בית"? —

ווען א מענשען געהט אביסעל גוט, מיטעלמעסיג, הייסט עס: אז עס פאַנגט אָן איהם שיינען דער פריהמאָרגען, דאָס הייסט „בוקר" — און ווען עס געהט איהם גאָר גוט, הייסט עס: אין מיטען טאָג, און ווען עס געהט איהם ניט גוט, הייסט עס: נאַכט... דאָן דאַווענט ער מעריב, לעגט תפלין אין דער פריה און דאַווענט, און מנחה און שבת ויום טוב, און אַלעס וואָס געהערט צו א אידען... אי־בערהויפּט היט ער אָפּ די דריי תפלות, ווי עס ווערט איהם דער בוקר און די זון הויבט אָן צו שיינען ביי איהם, כאָטש איהם איז נאָך ניט אזוי שטאַרק גוט, נאָר ער מאַכט א שעהנעם לעבען, — דאַווענט ער שוין ניט דריי תפלות א טאָג. מנחה איז שוין אין גאַנצען אַוועק פון איהם, נאָר ער כאַפּט אריין א מאָל, א שחרית, א ביסעלע בעסער, שוין צעהן איז דער פריה, הייסט עס, שוין אָפּגעשטאָרבען אַלע דריי תפילות, ער פרעסט שוין אָפּטמאָל א ניט־כשרין דינער.

אבער ווען ישראל ווערט שוין גוט־אָפּ, עס הייסט שוין ביי איהם „צהרים", דאָן געהט ער שוין אוועק פון אַלעס, ער בעט שוין ניט

ביי גאָט, ער איז דער קנאַקער אַליין — דאַן ווערט ער שוין אויס איד.

די חכמים האָבען אונז דארום אָפּגעשטעלט דריי תפלות: שחרית, מיין קינד, זאָלסטו דאַווגען, דאָס איז דיין „בוקר“, זאָלסטו גאָט דאַנקען, אַז אַהן איהם קענסטו ניט אויסקומען — ער גיט דיר דעם „בוקר“, ער מאַכט עס אַז דיר זאָל זיין „בוקר“, עס זאָל דיר אָנהויבען צו געהן בעסער, נאָר ער, דער רבוש״ע, ניט קיין אַנדערער...

מנחה פון נאָך צוועלף. מיין טהייערער אידעלע, אַז ביי דיר איז שוין דער „צהרים“, זיי וויסען מיין קינד, אַז דו דאַרפסט מנחה דאַווגען, גיב אויך אַ שבח והודיה צו דעם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, נאָר ער גיט דיר דיין לעבען און צו דיין לעבען, דיינע „מותרות“ אפילו, דיין לוקסוס. מנחה דאַווען, אַז ניט וועט מען מוזען דיר געבען אַ מעריב... אַז ניט קענסטו נאָך חרטה האָבען, און אַז מען ברענגט שוין אויף דיר דעם מעריב, דאָס נאַכטעלע, הייסט עס, דאַן וועסטו דאַווגען און בעטען ביי גאָט ב״ה מזונות...

אָט אַזוי, מיין טייערער, דאַרפסטו בעטען, ווען דיר איז „בוקר“ און „צהרים“, אַז ער זאָל דיר געבען מזונות. אימער, אימער — ווען דיר איז פינסטער, בעט ביי גאָט; ווען דיר הויבט אָן שיינען די זון און דער פריהמאָרגען... ווען דיר איז גאָר גוט. „כל האומר“, יעדער וואָס זאָגט „תהלה לדוד“ אַ לויב צו „דוד“, איך דאַנק דוד מלך ישראל וואָס ער האָט געמאַכט דעם תהלים, ער האָט געלויבט גאָט ווען ער איז געווען אַ פּאַסטוכעל, ווען ער איז געוואָרען קעניג און ווען איהם איז געוועזען גאָר גוט, און ווען איהם איז געוועזען שלעכט, און דער יעניגער וואָס האַלט דערפון, פון די שירות ותשבחות וואָס דוד האָט געזאָגט, דאָס הייסט, ער זאָגט אויך דעם „תהלה לדוד“, אָבער „ג׳ פּעמים בכל יום“ — דריי מאָל אַ טאָג, אין אָנפאַנג פון׳ם זונענשיין, און בייטאָג, ווען איהם איז גאָר גוט, און ביינאַכט, ווען איהם איז שלעכט, „מובטח לו שהוא בן עולם הבא“, איז ער באַשטימט פאַרזיכערט אַז ער האָט עולם הבא.

# מוסר השכל

(ברכות דף ה׳).

„נאמר ברית במלח ונאמר ברית ביסורין מה מלח ממתקת את הבשר, אף יסורין ממרקין עונותיו של אדם...״

„וואַרף אַריין אַ מזל׳דיגען אין ים, וועט ער אַרויסשווימען טרו־קען, מיט אַ פיש אין מויל... וואַרף אַריין אַ שלומיאל אין אַן אוצר פון דימענטען, וועט ער דאָרט פאַרלירען זיין לעצטען דאָלאַר און אַרויס הויל״.

עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט אייניגע סאָרטען מענשען. די ערשטע און די בעסטע זיינען די וואָס האָבען מיטעלע מזלות. זיי לעבען אַ רוהיגען לעבען, עס פעהלט זיי גאָרנישט. זיי האָבען אויך נחת פון קינדער, דרעהען זיך ניט צופיעל אַ קאָפּ און לעבען גליקליך. דאָס איז אַזאַ סאָרט מזל...

אַ צווייטער סאָרט איז דאָ, גאָר די רייכע. זייער הצלחה צו ביזנעס איז גאָר למעלה מדרך הטבע. ווער עס פאַרשטעהט גוט די וועלט, דאַרף זיך בעסער וועלען אויסקלייבען די ערשטע, צוליעב פיעלע אורזאַכען, וואָס דאָס איז אפילו שווער אַרויסצוגעבען יענעם וואָס פאַרשטעהט ניט, אָבער עטוואָס קען איך אייך ערקלעהרען: זייער פאַמיליען־לעבען איז קיין לעבען ניט... מעהרערע פון זיי קרענ־קען אימער און שטאַרבען פאַר דער צייט. ניט וואָס אונז דוכט זיך, אַז וואו די זון שיינט דאָרטען איז ליכטיג. עס קען זיין אַז דער גביר, דער בעל־הבית פון דער רייכער הויז איז בלינד און קען גאָר אויף די ליכטיגקייט ניט קוקען; און זעהר פיעל פון זיי, זעהען מיר, נעהמען זיך דאָס לעבען, און זעהר פיעל פון די רייכע יוגענד געהען אַוועק פון די פּאַלאַצען, לעבען אַן אַרבייטער לעבען מיט זייערע געליעבטע פון נידעריגערן קלאַס, מיט דעם און דעם אָרימאַנס טאָכ־טער, און דאָס גלייכען.

דער דריטער סאָרט, די שלומיאל׳ס, וואָס מיר רופען זיי, זייער לעבען איז אַ פינסטערער. צו וואָס זיי נעהמען זיך געהט מיט די פּוטער אַראָפּ; אין הויז פעהלט אימער ברויט, אין גאַס זיינען זיי ניט געאַכטעט פון קיינעם, און דערצו זיינען זיי נאָך „בעלי יסורים״, אָפּט פאַר זייער גאַנצען לעבען. האָבען די חכמים זיי געגעבען צו ערקלעהרען אין קורצע ווערטער פאַר זיי אַ טרייסט, אַן אמת׳ען. זייט וויסען, איהר בעלי יסורים: ערשטענס ווייסט איהר ניט און

קיינער ווייסט ניט, דעם וועמען עס איז גוט וואס אונז דוכט זיך אזוי איז דאס; עס קען מעגליך זיין, אז אויף דעם יענינגען וואס אונז דוכט זיך איהם איז וואויל ווי די וועלט, און אז אונז איז שלעכט אז ערגער קען שוין ניט זיין, איז אפטמאל גאנץ מעגליך, אז יענער וואלט זיך נערן מיט אונז געביטען.

אויך דארפען מיר וויסען, אז די שלעכטעס, די צרות, די יסורים וואס מיר האבען, זיינען די בעסטע מעדיצינען פאר אונז, אונז גליקליך צו מאכען אויף דער אייביגער וועלט, וואס דאן וועלען מיר פארדרוס האבען, וואס מיר האבען ניט מעהר געליטען דא, אויף דער וועלטעלע, ווי מיר געפינען אין תלמוד, אז פיעלע תנאים און אמוראים האבען אויף זיך ארויפגערופען יסורים „קבלה דיסורין שתיקותא" (ברכות, כ"ב) שווייג מיין קינד, אז דו האסט יסורים רעד ניט, ווייל דו ווייסט ניט, אז דאס איז פאר דיר א גליק, זיי מקבל באהבה, ווי עס ווערט גע־בראכט אין פארשידענע פלעצער „השמח ביסורין מביא ישועה" (תענית ח׳); „גשמים יורדין בזכות יסורין" (ירושלמי, תענית); הקב"ה מביא יסורין בעוה"ז כדי שירשו עוה"ב (קדושין מ׳); ר"א בר"ש קבל עליו יסורין" (ב"מ פ"ג); „כולהו שני יסורי דר"א לא שכיב אינש בלא זימניה" (שם, פ"ה).

איך דענק אז עס איז גענוג צו ברענגען מאמרים. ווער עס וויל פארשטעהן, דער קען פארשטעהן; ווער עס וויל ניט פארשטעהן, ווייל ער גלויבט ניט אין א צווייטע וועלט, ער וויל נאר די וועלט, נאכגעהן דעם „הלעיטני נא", און דאס אלעס, דער יעניגער וועט ניט וועלען פארשטעהן.

און דאס איז וואס די חכמים האבען אונז דא ערקלעהרט פאר דעם נעפלאגטען, געפאלענעם מענשען. זיי וויסען, ברודער׳ל, אז וואס השי"ת מאכט מיט דיר איז עס גוט. דער פאטער אין הימעל טהוט אונז קיין שלעכטעס ניט. אמת, עס איז שווער צו ליידען, אבער זיי וויסען, אז עס איז מיט דיר און מיט דיינע צרות, פונקט ווי מיט דער נאטור פון די זאלץ. זאלץ אליין איז א געפעהרליכער ארטיקעל, ווען א מענש זאל דאס נוצען אהן א מאס. נעהמען א פונט זאלץ אויף עסען איז געפעהרליך, עס איז ניט גוט, מען קען עס ניט פארטראגען. דאך, ווען א מענש נעהמט עס מיט א מאס איז עס גאר אנדערש. די זאלץ אליין מאכט גוט דאס פלייש. אהן דעם טויג דער עסען ניט. „מה מלח" — אזוי ווי זאלץ איז ניט גוט צו נעהמען א סך, אבער דאך „ממתק את הבשר", מאכט נעשמאק דאס פלייש, דאס מיינט מען יעדען עסען. איז דער „אמת"־זאלץ א גוטע זאך, עס פארבעסערט

אַלעס עס זאָל אַ קיום האָבען. אַהן זאַלץ קען קיין זאַך זיך ניט האַלטען... „אף יסורין ממרקין עונותיו של אדם", אַזוי איז אויך מיט יסורים, זיי לעדיגען אויס אַלע זיינע זינד, ער ווערט גליקליך דער־מיט.

מיינע טייערע, דער מאמר איז ריכטיג פאַרטייטשט אין אמת'ן פּשט אפילו. אַבער לאַכט ניט פון מיר. אַ מאָדנער מענש איז דער מחבר. עס איז גוט צו זאָגען יענעם אַזא זאַך, אַזוי ווי דאָס ווערטעל זאָגט: „עס איז גוט צו האָבען אַ מכה ביי יענעם אונטערן אָרעם"... מיינע טהייערע, איך ווינש אייך ניט קיין יסורים ח"ו. ניין, טויזענד מאָל ניין. נאָר איך ווינש אייך אַז איהר זאָלט פאַרשטעהן ניט נאָכ־צולויפען די היינטיגע וואוילגעהער און צוליעב דעם טהאָן עבירות, ווי מחלל שבת זיין און דאָס גלייכען. מיינט ניט אַז זיי איז גוט און אייך איז שלעכט. עס קען זיין אַז אייך איז בעסער פאַר זיי, ווייל אייך קומט אַלעס אָן מיט יסורים איז דאָס ממרק עונותיו של אדם. דער סוף פון מענשען איז פאַר אַלעמען גלייך, „סוף אָדם למות„. אַבער דאָרטען, דאָרטען וועט אייך זיין בעסער. פאַרשטעהט אַליין...

# מוסר השכל

(ברכות, ט׳).

„כל מי שיש לו ביהכנ"ס בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן רע".

אין מיין ספר „דגל יהודה" האָב איך געשריבען, נעמליך, ווען איינער וועט זאָגען: „וואָס איז דען אַז איך ווער גערופען שכן רע?" מיין טייערער! האַלט עס ניט פאַר גרינג! מיין ניט, אַז עס איז גאָרניט, עס איז קיין עבירה ניט, אַז מען געהט ניט אין שוהל דאַווענען, צוליעב וועלכען מען ווערט גערופען „שכן רע"; אַט טאָקע צוליעב דעם, מיין טייערער, צוליעב דער שטראָף קען מען שוין פאַרשטעהן, ווי גרויס די עבירה איז.

זיי וויסען, אַז אַ לענדלאָרד, ווען ער האָט אַ שלעכטען שכן און ער וויל פון איהם פּטור ווערען, האַלט ער איהם מעהר ניט, ווען עס ענדיגט זיך די צייט וואָס ער דאַרף ביי איהם וואוינען, אָדער ער

מאכט איהם נאך פריהער מופען, אדער ער מאכט איהם ענג, אז ער מופט אליין.

דאס זעלבע איז מיט אונז. מיר זיינען שכנים אויף דער וועלט. „לגור בארץ באנו"—שכנים זיינען מיר אויף די עטליכע יאהר, וואס מיר דארפען דא וואוינען. אז מיר צאהלען ריכטיג רענט און מיר פאלגען אוים די געבאטען פון אונזער לענדלארד, דער באשעפער פון דער וועלט, און וועלכער האט אונז אויך געבעטען, אז מיר זאלען ברענגען דעם רענט (דאס דאוונען, מיינט עס) אין זיין הויז, אין שוהל, מיינט עס, צו דער צייט, ניט ער זאל דארפען שיקען אונז רופען, אז מיר זאלען קומען צאהלען אין זיין הויז, אין שוהל (אין אן עת צרה, הייסט עס, לויפט מען אין שוהל שרייען און וויינען) און מיר טהוען ווי דער לענדלארד וויל, הייסען מיר גוטע שכנים און ער וויל אונז האלטען אין זיינע רומס (אויף דער וועלט, הייסט עס).

אויב אבער ח"ו פארקעהרט, לא עלינו, דאן ווערט ער גערופען מיט דעם נאמען „שלעכטער שכן". ביטער, ביטער! עס איז גאר ניט גוט. אז עס פאנגט זיך אן דער נייער יאהר (ר"ה הייסט עס), קען ער מאכען מופען—א מין מופען!... אמאל מאכט ער נאך פריהער מופען... אדער ח"ו ער מאכט איהם ענג (ער שיקט אן יסורים אויף איהם, הייסט עס) און ער וויל אליין וואס שנעלער מופען... ניט גוט אז מען ווערט גערופען שלעכטער שכן... פון דעם שטראף קענען מיר פארשטעהן ווי גרוים די עבירה איז. הלואי זאלען מיר גערופען ווערען גוטע שכנים.

# מוסר השכל

(ברכות, דף י"א).

„כדי להזכיר מדת יום בלילה ומדת לילה ביום, בשלמא מדת לילה ביום כדאמרי יוצר אור ובורא חושך, אלא מדת יום בלילה היכי משכחת לה? אמר אביי גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור..."

ווען איינעם איז שלעכט, דאן הייסט עס „נאכט". עס איז איהם פינסטער, חושך. דארף דער מענש וויסען, ער זאל ניט אנווערען זיין האפנונג, און ער דארף זיך האלטען פעסט אן זיין תורה און מצות, און צו דאנקען השי"ת פאר אלעס, ווייל דאס וואס איהם איז ניט גוט, איז לטובה. ער קען ניט וויסען, אז ווען איהם זאל זיין גוט,

אפשר וואָלט איהם דאָס גוטעס גאָרניט איינגעגאַנגען. עס איז געווים אַזוי. פיעלע רייכע לייט בעטען זיך ביים השי"ת. זיי זאָלען אפילו אָרים ווערען, אבי געזונד צו זיין, אָדער וועגען קינדער, פון וועמען זיי האָבען צער. מיר ווייסען ניט, וועמען עס איז גוט, יענער זאָל זיין מעהר צופרידען פאַר איהם, ווייל איהם דוכט זיך ,אַז איהם איז שלעכט.

דאָס הייסט „כדי להזכיר מדת יום", כדי צו דערמאָנען זיך אַז איהם איז טאָג, כאָטש „בלילה", אין אַזאַ פינסטערניש, וואָס איהם דוכט זיך אַז עס איז פינסטער.

אויך דאַרף דער מענש זיך דערמאָנען, ווען איהם איז גוט, אַז ער זאָל זיך האַלטען פעסט אָן די גאָטהייט, ווי ער איז געלערענט געוואָרען פון זיינע עלטערן. דו ווייסט ניט, מיין גביר, וואָס מיט דיר וועט די ענדע זיין. אמת, עס איז דער טאָג, אָבער מיין טהייערער, עס קומט נאַכט נאָך טאָג... אַזוי ווי ביי דעם וואָס איז נאַכט דאַרף וויסען, אַז נאָך די פינסטערע נאַכט קומט דער שעהנער פריהמאָרגען, מיט די זונען־שטראַהלען, מיין טייערער און ליבער גביר — „ומדת לילה" דאַרפסטו זיך דערמאָנען „ביום", ווען עס איז ליכטיג.

פרעגט די גמרא „בשלמא מדת לילה ביום", מילא, אַז אַ גביר ווען איהם איז ליכטיג דאַרף זיך דערמאָנען פון נאַכט, זעהען מיר אַ סך, און דאָס טרעפט געוועהנליך, אַז גבירים ווערען אָרימע לייט, כדאמרי „יוצר אור — ובורא חושך", אָבער „מדת יום בלילה", אַז אַן אָרימער שלעפּער זאָל רייך ווערען, האַצקעל לאַטוטניק זאָל ווערען אַ מיליאָנער, אָט דער שלומיאל, „היכא משכחת לה?" — וואו און ווען געפינט מען עס? זעלטען, זעלטען אַז דאָס טרעפט.

„אמר אביי: גולל אור מפני חושך וחושך מפני אור". וואָס פרעגסטו, ווען טרעפט עס! מיר האָבען אַ פּסוק, אַז דער רבוש"ע מאַכט אָפט צו איינעם, וואָס ווייסט ניט ווי צו האַלטען זיך מיט זיין רייכקייט, איז ער גולל אור מפני חושך, פאַר דעם חושך וואָס דאַרף אויף איהם קומען, גיט ער איהם „אור", און אַזוי דעם שלעפּער, וואָס איהם איז פינסטער, שלעכט, ביטער, און ער איז זיך ניט מתרעם אויף גאָט'ס דרכים, און פיהרט זיך אויף פיין, וועט איהם גאָט העלפען, אַז וחושך, זיין חושך, איז נאָר מיט אור, בעפאַר עס קומט אויף איהר דער „אור הבוקר", זיי ווייסען, אַז גאָט ב"ה טהוט ניט קיין שלעכטעס, דאָס איז דיין מעדיצין, דיין גליק. וואָס קענסטו, מענש, פאַרשטעהן? אַלעס וואָס גאָט ב"ה טהוט, איז לטובה...

# לתלמוד תורה

(ברכות, דף ה׳).

„כל הבוטל מדברי תורה הקב״ה מביא עליו יסורין מכוערין״.

איך וויל דא אייך מעהר ניט ווי פארטייטשען דעם מאמר, דאס אלעס, איבערהויפט דאסווארט „מכוערין״. וואלט דען ניט גענוג געווען ווען ער זאגט „הקב״ה מביא עליו יסורין״, און ניט דאס ווארט „מכוערין״, מיאוס׳ע יסורין. וואס איז דאס?

די גרעסטע זאך און אויך די בעסטע וואס גאט ב״ה האט אונז געגעבען איז די תורה. אהן דער תורה וואלט ניט געווען מעגליך צו היטען קיין זאך. די תורה האט אונז געלערנט ווי צו לעבען אויף דער וועלט, וואס מען טאר און וואס מען טאר ניט, און דער היינטיגער דור, וואס איז אפגעריסען געווארען פון דער תורה, איז אויך אפגעריסען פון אלעס, פון מצות מעשיות און פון לא תעשה׳ס, און דעריבער זיינען זיי עובר אויף כל התורה. אפילו די פרומע אבער פראסטע אידען קענען ניט מקיים זיין די מצות התורה — „ולא עם הארץ חסיד״.

דער רבוש״ע, אונזער באשעפער, שטראפט „מדה כנגד מדה״ — ער צאהלט מיט דער זעלבער מאס, ווי מיר האבען איהם געמאסטען. דער וואס קען לערנען און איז עובר אויף דער תורה, און אז גאט ב״ה שיקט אויף איהם ארויף יסורים, און ער באדענקט זיך, אז ער האט געזינדיגט, קען ער באלד אויסגעפינען, וואס ער האט אזוינס געטהאן שלעכטעס, ווייל גאט צאהלט דאך „מדה כנגד מדה״. אבער דער וואס ווייסט גאר ניט פון דער תורה, אז ער וויל אפילו בעסער ווערען, און געפינען די זינד קען ער ניט, ווייל ער ווייסט ניט וואס צו געפינען...

אין קלאהרען וואסער ווען דו קוקסט, זעהסטו באלד די זאמד און די פלעבע אונטען. אבער אין שמוציגע וואסער קענסטו גאר ניט זעהן. „כל הבוטל מדברי תורה״, דער וואס איז בוטל פון תורה, ער לערענט ניט, „הקב״ה מביא עליו יסורין״, אבער וואס פאר א סארט „יסורים״ איז דאס? „מכוערין״ — שמוציגע... ער קען ניט דורכקוקען און פארשטעהן וואו איז די מדה כנגד מדה — דאס הייסט „מכוערין״, שמוציגע יסורים.

גליקליך איז דער יעניגער, דער וואָס לערענט די תורה, וועלכע איז די „סם חיים" פון דער גאַנצער וועלט, ניט בלויז פאַר אונז אידען אליין, נאָר פאַר אַלע אומות העולם, וועלכע שעפּען פון אונזער תורה. הייליג איז די תורה מן השמים, וואָס זי גיט אונז לעבען אוןביידע וועלטען...

## די ליעבע טייערע וועלט

(ברכות, דף ה׳).

„ר"א חלש, עאל לגביה רבי יוחנן חזא דהוה קא גני בבית אופל, גלייא לדרעיה ונפל נהורא, חזייה דהוה בכי ר"א, א"ל אמאי קא בכית, אי משום תורה דלא אפשת שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים וכו׳. א"ל על האי שופרא דקא בלע בעפרא קא בכינא. א"ל על דא ודאי קא בכית ובכי תרווייהו..."

מיינע טייערע! דער גאַנצער מאמר איז וואונדערליך, אָבער דאָך וועל איך מיר איינהאַלטען און ניט פרעגען קיינע פראַגען, נאָר אַזאַ קלייניגקייט וואָס יעדער וועט און מוז פאַרשטעהן. אמת! רבי יוחנן ווערט געשילדערט אַז ער איז געוועזן אַ שעהנער (בבא מציעא פ"ה), אָבער דאָך, מיינע טהייערע, קעננן מיר ניט זאָגען, אַז ווען רבי יוחנן האָט אויפגעדעקט זיין אָרעם איז ליכטיג געוואָרען אין הויז. מיר דענקען, אַז וויבאַלד אַזוי, האָט דאָך רבי יוחנן׳ס פּנים געווים גע־דאַרפט שיינען. די שעהנקייט פון דעם מענשען איז דאָך מעהרטענס אויף זיין פּנים.

רבי אליעזר איז קראַנק געוואָרען, איז רבי יוחנן אַריינגעקומען איהם מבקר חולה זיין, האָט ער דערזעהן אַז ער ליגט זעהר אומעטיג, פאַרטרויערט, האָט ר׳ יוחנן פאַרשטאַנען, אַז ער איז פאַרטרויערט, ווייל ער קען יעצט ניט לערנען און מצות טהאָן... אויף קיין אַנדער זאַך טרויערט געווים ניט רבי אליעזר. ער האָט קיין מורא ניט פאַר׳ן טויט. אויף אַזאַ גרויסער און הייליגער מאַן ווי רבי אליעזר קען מען זאָגען „ותשחק ליום אחרון", ווי עס זאָגט דער חכם מכל אדם. זיין עולם הבא איז גענוג גרויס, און אַז ער האָט דערזעהן „דהוה קא גני בבית אופל", דאָס איז די מליצה אַז ער איז אומעטיג, האָט ער באַלד פאַר־שטאַנען, אַז ער איז אומעטיג צוליעב דעם, וואָס ער קען ניט לערנען און מצות טהאָן, אין דער צייט וואָס ער ליגט אַזוי קראַנק.

„גלייה לדרעיה ונפל נהורא"—רבי! ווארום זייט איהר אזוי אומעטיג? האט איהר דען וועניג אויפטהאן אויף דער וועלט? תורה געלערענט, מצות מעשיות מקיים געווען. וואס דער מענש קען נאר אויפטהאן מיט זיינע הענט, מיט זיין ארעם, האט איהר דען מיט אייערע הענט ניט געטאן? האט איהר נאך וועניג מצות געטהאן? איז דען מעגליך פאר א מענשען צו טהאן מעהר ווי איהר האט גע־טהאן?... אלע מצות, וועלכע ווערען געטהאן דורך די הענט האט איהר דאך מקיים געווען... אט דאס הייסט רבי יוחנן האט אויפגע־דעקט זיין ארעם, רבי אליעזר'ס ארעם, זיין אויפטהאן אויף דער וועלט, און ווי ער האט ענטדעקט זיין ארבייט „ונפל נהורא" איז טאקע אנגעפאלען א ליכטיגקייט אין הויז, דאס הייסט, ער איז פרעהליך געווארען, ער האט מיט וואס צו קומען אויף דעם עולם האמת... איז ער טאקע דערפאר פרעהליך געווארען, זיין פנים איז ליכטיג גע־ווארען. אט דאס הייסט „גלייה לכרעיה ונפל נהורא"..

„חזייה דהוה בכי ר' אליעזר", און באלד האט ער דערזעהן אז ר"א וויינט, דאס הייסט, גראדע צוליעב דעם וואס ער האט איהם אויפגעוויזען, וויפיעל ער האט זיך גליקליך געמאכט מיט זיינע הענט, מיט זיין תורה... האט ער אבער גלייך זיך בארעכענט: א! ווי ביטער עס איז אוועקצוגעהן פון דער וועלט, פון אזא וועלט, וואו מען נעהמט מיט די הענט און מען לעגט תפילין און מיט אזא גרינגע זאך קויפט מען זיך איין עולם הבא—די אייביגע וועלט, די ריכטיגע אמת'ע וועלט. פאר פינף סענט ציצית מאכט מען זיך גליקליך און מען איז „זוכה ומקבל פני השכינה" און נאך אזוי אלע מצות, וואס דארט קען מען שוין מעהר ניט מקיים זיין, און יעצט דארף איך אוועק פון אזא טהייערע וועלט, אזא זיסע וועלט, וואס מיט קליינע מיה און קליינע ארבייט, און גאנץ וועניג געלט מאכט מען זיך גליקליך... אך, א שאד אזא וועלט! טרויעריג איז צו פארלאזען זי. דאס האט ר"א דערזעהן, אז פאר די ווילע ליכטיגקייט וואס ער האט ער האט גע־האט, האט ער יעצט גאר אנגעפאנגען וויינען. זאגט רבי יוחנן: רבי, איך פארשטעה וואס דו וויינסט און פאר וואס—וויל דו קענסט מעהר ניט לערנען, „אי משום תורה דלא אפשת", צוליעב דעם וואס דו קענסט מעהר ניט לערנען, דארפסטו אויף דעם ניט וויינען, וויל „שנינו, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים".

זאגט צו איהם ר"א: איך ווייז אויף דיין ערקלעהרונג, די ריכ־טיגע ערקלעהרונג, וואס דו האסט אפגעדעקט מיין ארעם און מיר אויפגעוויזען, עס הייסט, מיין ארבייט וואס איך האב אויפגעטהאן

אויף דער וועלט. אמת, אמת! דו ביזט גערעכט, און איך האָב זיך דערפרעהט אויף דער קליינער ווייל, אָבער באַלד האָב איך זיך באַזו־נען. גערעכט ביזטו, אָבער ערשט אויף דעם דאַרף מען וויינען, אויף דעם איז דער קלאַג גרויס, וויל אַזעלכע טייערע הענט, מיינע און דיינע און יעדען צדיק'ס הענט, אַז זיי דאַרפען פוילען אין דער ערד און זיי קענען זיך מעהר ניט צוריהרען צו אַ מצוה, די הענט קענען קיין תפילין ניט לעגען און אַזוי אַלע מצות און מעשים טובים, אַט אויף דעם וויין איך, „להאי שופרא דקא בלע בעפרא“, אויף די שיינקייט, אויף די טייערע הענט מיינע, דקא בלע בעפרא“.

„א“ל על דא ודאי קא בכית“, אויף דעם דאַרפסטו זיכער וויינען, און עס איז אַ ריכטיגער געוויין, „ובכי תרווייהו“, האָבען זיי ביידע געוויינט. און אויף דעם קענען אַלע וויינען, אַז מען דאַרף פאַרלאַזען אַזאַ טייערע וועלט, וואָס זי איז טייערער פון יענער וועלט, ווייל דאָרט קען מען גאָרניט אויפטהאָן... אַזאַ זיסע, ליכטיגע, טייערע וועלט איז די וועלט פאַר די וואָס טהוען גוטעס, כדי אַנצוגרייטען זיך פאַר עולם הבא.

# ווי אַזוי דאַרף מען דרש'ענען

(ברכות, דף ה').

„ר“א חלש עאל לגביה רבי יוחנן, חזא דהוה קא גני בבית אופל. גליה לדרעיה ונפל נהורא, חזייה דקא בכי ר“א. א“ל אמאי קא בכית, אי משום תורה דלא אפשת שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים וכו' א“ל על האי שופרא דקא בלע בעפרא קא בכינא. א“ל על דא ודאי קא בכית ובכי תרווייהו...“

עס זיינען פאַראַן צווייערליי דרשנים. דער ערשטער סאָרט איז זעהר פרום, און כסדר ער זוכט נאָר חסרונות אויף אידען. ווי גוט דאָס פאָלק זאָל ניט זיין, געפינט ער עפּעס אַן וואָס זיך צו טשעפּען. ער וויינט און שרייט, שרייט און וויינט און שטעלט פאַר דעם עונש מיט די שרעקליכסטע פאַרבען. ער האַלט אין איין זוכען עוונות. און אַז מען זוכט — געפינט מען. און אפילו אַז ער געפינט שוין גאָר ניט, איז ער דאַן ערשט מקיים דעם מאמר אין ברכות: „פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה“...

דער צווייטער דרשן איז אזא סארט מענש, וואס זוכט נאר מעלות אויפ'ן אידען. ער שרייט ניט, בייזערט זיך ניט; ער רעדט מיט טאקט. שילט ניט. אין געגענטהייל — ער שטעלט פאר די גרויסקייט פון דעם עם ישראל, ווי היילינ דאס אידישע פאלק איז. און דא וואו ער געפינט ניט קיין מעלה, קריגט ער די מעלה פון דעם כלל אידען, זייערע צדקות, וואוילטהעטיגקייט, חברות, תלמוד תורות און אלע אנשטאלטען, זייער גמילות חסדים איז גרויס און וואונדערליך. קורץ, ער זוכט מעלות — און דאס וואס ער זוכט געפינט ער.

יעצט, אז מיר האבען זייביידען, וועלען מיר זעהן ווער עס איז וויכטיגער, ווער עס איז פראקטישער, וועלכער פון זיי קען מעהר אויפ־טהאן פאר'ן פאלק. אויב איהר ווילט ניט זאגען — וועל איך אייך זאגען. איך בין מיט דער מיינונג, אז דער צווייטער איז פראקטישער. ער טהוט קליגער. ער, אז ער וויל עפעס מתקן זיין, קען ער גיכער ווי דער ערשטער. איך וויל ניט מאריך זיין אין דעם ענין. איך וויל נאר דעם מאמר ערקלעהרען.

רבי אליעזר איז פיליכט געווען פון דעם סארט גרויסע מענשען, פון די רבנים, פון די דרשנים, וואס ווייגען און קלאגען און זוכען די אידישע עוונות אויפצודעקען, כסדר מוסר זאגען. „ר"א חלש", ווען רבי אליעזר איז קראנק געווארען, איז אריינגעקומען איהם מבקר חולה זיין רבי יוחנן, „עאל לגביה רבי יוחנן — חזייה דהוה קא גני בבית אופל", האט ער געזעהן אז רבי אליעזר שלאפט אין א „בית אופל", כסדר איז זיין לעבען ביז זיין טויט איז ער אימער אין א טונ־קעלען לעבען, אומעטיג, שטענדיג אין עצבות, איז ער אימער געווען דער גרויסער צדיק, ער האט אימער געזוכט די טונקעלע זייט פון פאלק, כדי צו לערנען זיי, אז זיי זאלען אימער זיין בעסער. א"ל אמאי קא בכית — ווארום דארפסטו אימער וויינען, אימער זיך מתרעם זיין אויף דעם אידען — זיינען זיי דען ניט גענוג פרום? איז זייער פרומקייט ניט גאנץ גענוג?

פיליכט צוליעב די תורה. „אי משום תורה דלא אפשת, שנינו, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכוין לבו לשמים", וויינסטו וויל דו האסט פיעל תורה ניט געלערענט הארפסטו אויף דעם ניט זיין מתרעם. (ניט אלע קענען זיצען און לערנען, דאס קען ניט זיין אז אלע זאלען לערנען. די וועלט וואלט אויף אזא ארט קיין קיום ניט געהאט. זעה דאס אידישע פאלק. זייער צדקות, זייער גמילות חסדים, זעה זייערע אנשטאלטען, וויפיעל געלט זיי גיבען אויס. ווער וואלט געקענט לערנען, ווען זיי וואלטען ניט געשטיצט די לומדי

תורה. „גלייא לדרעיה ונפל נהורא", האָט ער אָפּגעדעקט פאַר איהם זיין אָרעם, ער האָט איהם געוויזען די אידישע האַנט, די צדקות, „גלייה לדרעיה ונפל נהורא", ענטדעקט דעם אידישען אָרעם, און עס איז איהם ליכטיג געוואָרען, ווייל ער האָט איהם אויפגעוויזען די אידישע מעלות...

„א"ל על האי שופרא דקא בלה בעפרא", אויף דעם וויין איך, וואָס דו, אזא טהייערער, אידישער מנהיג, מיט אזא הערליכע ליכט, ווי דו האָסט אימער געפיהרט דעם פאָלק, און דו וועסט אויך דאַרפען שטאַרבען. דאַן האָבען זיי זיך ביידע צעוויינט.

פריינדע! עס איז געווים „אלו ואלו דברי אלקים חיים", אָבער דאָך מוזט איהר מודה זיין, אַז דער צווייטער וועג איז אַ שעהנערער וועג, און פיליכט דער בעסערער וועג.

# למקבלים באהבה

„ר' יוחנן חלש עאל לגביה ר' חנינא א"ל חביבין עליך יסורים, א"ל לא הן ולא שכרן".

רבי יוחנן זאָל „מבעט" זיין אין יסורים, וואָס דער רבוש"ע שיקט אויף איהם אָרויף? איז דאָס מעגליך? קען דאָס זיין? דער מענש נעהמט זיך אַליין גאַרניט, נאָר הכל „בידי שמים".

נאָר ספרים דערקלעהרען עס גאַנץ גוט און זעהר ריכטיג. ער פרעגט איהם, אויב ער איז מקבל באהבה די יסורים? ענטפערט ער איהם זעהר לאַגיש: איך האָב אַליין ניט גענומען די יסורים. דער ליעבער גאָט האָט עס מיר געגעבען, טאָ מוז איך עס אָננעהמען באהבה, ווארים אויב ניט ח"ו, וועל איך דען ניט האָבען יסורים? נאָר די יסורים וועל איך האָבען און קיין „שכר" וועל איך אויך ניט האָבען, טאָ וואָס וועט דאָ מיר בעסער זיין? איך מוז דארום נעהמען די יסורים באהבה, ווארים אויב ניט „לא הן", אז איך וועל זאָגען איך וויל זיי ניט, איז די יסורים וועל איך זאָ ווי זאָ האָבען, נאָר „ולא שכרן", איך וועל דעם שכר ניט האָבען פון זיי, דאַן בין איך דאָך אומגליקליך. איך מוז אָננעהמען, אז „כל מה דעביד רחמנא לטב הוא דעביד"...

# דוד המלך און זיין כנור

(ברכות, דף ג׳).
„כנור היה תלוי למעלה ממטתו של דוד וכיון שהגיע חצות לילה בא רוח צפונית ונושבת בו ומנגן מאליו" וכו׳.

איז דאס מעגליך, אז איבער דער בעט, וואו דוד המלך איז גע־שלאפען, איז אריינגעקומען א ווינט, א שטורם, און אזא גרויסער ווינט, אז עס האט געקענט מאכען דעם פידעל שפילען פון זיך אליין?

דער מענש, וואס ער טראכט וואכענדיג, דאס חלומט זיך איהם, ווען ער איז אין זיין טיפען שלאף. דער וואס פארצאמט ניט זיינע געדאנקען און ער לאזט זיינע געדאנקען געהן אין פוסטע דרכים, און ח"ו אין הרהורים רעים, דעם מענשען חלומ׳ט זיך דאן דאס, וואס ער האט געטראכט.

דער צדיק, וואס טראכט אימער אין זיינע הייליגע געדאנקען, דאס חלומ׳ט זיך איהם ווען ער שלאפט. פון פיעלע גרויסע מענשען ווערט געבראכט אין ספרים, וואס זיי אליין האבען ארויסגעגעבען, אז פיעלע באורים אויף פסוקים, מאמרים, האבען זיי מחדש געווען אין חלום, וואס זיי איז געווען קשה אין דעם העלען טאג.

דער געדאנק, דער הייליגער רוח, האט זיי ניט אפגעלאזען אפילו אין שלאף. מיר ווייסען עס אלס א פאקט, אז מען לעגט זיך שלאפען און מען טראכט שטארק אויפצושטעהן אין דער און יענער שטונדע, דאן, ווי עס קומט די צייט, כאפט מען זיך אויף.

וואס מיר פארשטעהען פון דעם איז אזוי: דער מענש קען מיט זיינע געדאנקען אלעס אויפטהאן, סיי אין גוטען און סיי אין שלעכ־טען, מיט רוח הקדושה און ח"ו מיט טומאה... דוד המלך, דער היי־ליגער צדיק, „שריוה להקב"ה בשירות ותשבחות", זיין הייליגער גייסט, דאס הייסט דער רוח הקדושה וואס ער האט אימער ארויפגעצויגען אויף זיך ביי טאג, האט אויף איהם דערזעלבער רוח הקודש גערוהט ביי נאכט. אז דוד המלך האט געדארפט געהן שלאפען, האט ער גענומען דעם כנור און אפגעשפילט מיט „רוח הקודש" „שירות ותשבחות להקב"ה" און געטראכט, אז ער וויל אויפשטעהן האלבע נאכט צו דאנקען השי"ת, אום ער זאל זיך קענען מתעסק זיין בדברי קדושה. דארום, „כיון שהגיע חצות לילה", ווי עס איז געקומען האלבע נאכט, „רוח צפונית" דער באהאלטענער „רוח הקדושה" וואס איז געווען אין איהם „ונושבות בו", האט אין איהם, אין זיין קערפער,

אריינגעבלאָזען „ומנגן מאליו“, און עס האָט אָנגעפאַנגען באַלד שפּילען אין איהם, דאָס הייסט, די הייליגע נגונים פון זיין פידעלע וואָס ער האָט געשפּילט פאַר זיין שלאָף, ודו"ק.

# דער יעצטיגער עגל הזהב

(ברכות, דף ג׳).

„כנור הי׳ תלוי למעלה ממטתו של דוד וכיון שתגיע חצות לילה בא רוח צפונית ונושבת בו, ומנגן מאליו, מיד הי׳ קם וכו׳“.

מען רוהט ניט, מען עסט ניט, מען טרינקט ניט (אין דער צייט), מען לויפט, מען פּילדערט, מען שמאַיעט, מען האַבעוועט, מען יאָגט זיך אַרויס די נשמה, מען שרייעט, מען קוויטשעט, מען ברומט, אין כלל — עס רוישט, עס קאָכט טאָג און נאַכט, פאַר אַלעם צוליעב דעם עגל הזהב, מען דאַווענט ניט, מען לעגט קיין תפילין ניט, מען טראָגט קיין ציצית ניט, אַלס צוגאָב צו דעם עגל הזהב, מען האַלט קיין שבת ניט, ווייל מען וויל ניט זיין קיין איד, ווייל מען גלויבט אין דעם עגל־הזהב, אַזעלכער רוהט זונטאָג אויך ניט, אפשר כדי צו ווייזען, אַז ער איז יאָ אַ איד, כאָטש ער גלויבט אין דעם עגל הזהב, ווייל זונטאָג דינט ער אויך צו דעם עגל הזהב. פון שבת האַלט ער ניט, איז ער כמעט קיין איד ניט; זונטאָג באַווייזט ער דאָס ער איז ניט קיין גוי, וואָס זיי גלויבען אין דעם נוצרי. ער גלויבט בלויז אין עגל הזהב און אויך אין „יזכור“ מיט „יאָהרצייט“ און טראָגט אַ שוואַרצען פּאַס אויף זיין האַנט.

עס איז איהם ניט שווער אויפצושטעהן אין מיטען נאַכט צו פאַרדינען עטליכע דאָלאַר און גרעבער מאַכען דעם עגל הזהב — אין מיטען נאַכט, אין רעגען, אין שנעע, אין פראָסט און קעלט, אין היץ און אין שטורם, אין סכנות נפשות — אַלץ צוליעב דעם עגל הזהב, און ווען ער איז אפילו אַן אָרטאָדאָקסישער האַלבער איד און אַזוי ווייטער, ער געהט שבת אין שוהל, קען ער זיין קאָפּ פון בעט ניט אויפהויבען און קומט אַלע מאָל צו קריאת התורה, ווייל ער איז טאַקע פאַרמאַ־טערט צוליעב דער גאַנצער וואָך, וואָס ער האָט צופיעל מיט מסירת נפש געדיענט דעם עגל הזהב...

ער פיהרט קריגערייען מיט שנאת חנם צוליב דעם עגל הזהב. קיין ברודער, קיין פריינד, אפילו עלטערן זיינען גארניט אנטקעגען דעם עגל־הזהב. און ווער רעדט נאך דער וואס שטערט איהם צו דיענען צום עגל הזהב...

דוד מלך ישראל, דער גרויסער צדיק, דער געטליכער נביא, האט געוויזען זיינע תלמידים, ווי אזוי א מענש זאל זיך לערנען פון די שלעכטע גוטעס צו טהאן. פון אלע סארטען שלעכטע קען מען לערנען. אזוי ווי דער שלעכטער רוהט ניט, ביז ער טהוט אפ זיין שלעכטעס, אויף אזא אופן דארף מען טהאן גוטעס. איבערהויפט האט ער זיינע תלמידים געוויזען דעם ביישפיעל, ווי אזוי א מענש דארף טהאן גוטעס און אפטמאל ניט דערעסען און זיך אפלערנען פון די געלט־זוכער, וואס דיענען דעם עגל־הזהב, און זעהן אזוי ווי פאר זיי איז ניט שווער אפילו די שווערסטע ארבייט, פאר זיי איז קיין אפהאלט ניטא, כדי צו דיענען דעם עגל הזהב, ווארום אז מען זאל קומען זאגען דעם „דזשאנק דילער" אין מיטען דער נאכט: „שטעה אויף וואס שנעלער, עס איז פאראן א קאר דזשאנק„ מען קען פארדינען אייניגע הונדערט דאלאר!" וואלט ער דען ניט גאנץ שנעל זיך אויסגעטשוכעט און געמאכט שנעל די רייזע, צום עגל הזהב.

אט אזוי האט געוויזען דוד זיינע תלמידים, אז עס דארף הענגען א פידעלע איבער'ן בעט, און זיין קערפער דארף זיין אזוי אויסגעאר־בייט לעבודת הבורא, אז ווען מען דארף זיך אויפהויבען האלבע נאכט זאל מען זיך אויפהויבען. און פון וועמען דארף מען דאס אפלערנען, אז „כיון שהגיע חצות לילה" — זאל מען אויפשטעהן? — דאס קען מען זיך לייכט לערנען פון די וואס זוכען דעם דאלאר, וואס אין זיי איז דער „רוח הצפונית", וואס דאס ווערט אנגערופען „גאלד" — „מצפון זהב יאתה". „וכיון שהגיע חצות לילה", און ווי עס איז געקומען האלבע נאכט פלעגט ער אויפשטעהן זיך לערנענדיג פון די „צפונית"־מענשען, „בא רוח צפונית ונושבת בו", האט אין איהם אריינגעבלאזען דער „רוח צפונית", דאס הייסט, עס האט איהם דער־וועקט אויפצושטעהן, צוליעב דעם וואס אנדערע מענשען איז גאר ניט שווער אויפצושטעהן אויף צו פארדינען געלט, אט דער „רוח צפונית הי' מנשבות בו, ומנגן מאליו". ודו"ק.

# להכרת הבורא

(ברכות ו׳ — ז׳).

„הקובע מקום לתפלתו אלהי אברהם בעזרו״.

ביז אברהם אבינו האָבען אַלע געדינט צו אַ שטיין און אַ ביין, צו פייער און וואַסער, צו די זון און לבנה און אויך צו אַלע „צבא השמים״. איז געקומען אברהם און האָט ערקלעהרט און אויסגעפונען, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט איז אין הימעל און אומעטום. „מלא כל הארץ כבודו״ — ער איז געגאַנגען אין פייער און אין וואַסער און האָט זיך מוסר־נפש געווען פאַר זיין גלויבען, און גאָט האָט איהם אַרויסגעהאָלפען פון אַלע זיינע צרות, און ער האָט געזיעגט איבער אַלע זיינע שונאים, ביז אַזוי וויית, אַז די חכמים דערצעהלען, אַז „כל מלכי מזרח ומערב היו משכימין לפתחו״.

ווייל אברהם האָט אוועקגעוואָרפען אַלע נאַרישקייטען, וואָס אַלע האָבען זיך אויסגעקליבען פאַר געטער, און ער האָט נאָר אויפגעוויזען, אַז גאָט אין הימעל איז דער באַשעפער פון דער וועלט און אויף איהם מוז מען זיך פאַרלאָזען, און צו איהם מוז מען בעטען, ניט צו קיין אַנדערען, און אַז מען האָט דעם ריינעם בטחון צו גאָט ב״ה, העלפט ער, אַזוי ווי ער האָט געהאָלפען צו אברהם אָבינו.

„כל הקובע מקום לתפלתו״ — דער וואָס וואַרפט אַוועק אַלע זיינע נאַרישקייטען, אַלע זיינע איינרעדענישען, אַז ער וועט היטען שבת וועט ער ניט האָבען פון וואָס צו לעבען, ווייל זיין ביזנעס וועט ניט געהן; אַז אויב ער וועט ניט האַלטען די פערדישע פאַדקאָווע אויפ׳ן טיר, וועט ער קיין הצלחה ניט האָבען, און הונדערטער אַנדערע איינ־רעדענישען — פאָלג בעסער די חכמים, וואָס זיי האָבען געזאָגט, „כל הקובע״, דער וואָס שטעלט זיך אָפּ, „מקום״ — נאָר גאָט, „בתפלתו״ — אין זיין געבעט; ער פאַרלאָזט אַלע נאַרישקייטען אין וועלכע ער גלויבט און ער גלויבט נאָר אין „מקום״, אין דעם „מקומו של עולם״, „אלהי אברהם בעזרו״ — דאַן איז גאָט פון אַ ב ר ה ם, צו איהם קומט קרעדיט, אַז גאָט ב״ה זאָל גערופען ווערען „אלהי אברהם״, ווייל ער האָט אַראָפּגעבראַכט די גאָטהייט אויף דער וועלט, דער גאָט פון אברהם וועט זיין „בעזרו״ — אין זיין הילף.

# לכבוד בית הכנסת

(ברכות, דף ח׳).

„אמרו ליה לרבי יוחנן איכא סבי בבבל תמה ואמר למען ירבו ימיכם וימי בניכם על האדמה כתיב, כיון דאמרו ליה, דקדימו וחשיכו בבית כנשתא, אמר הני דאהני להו״.

איהר הערט, אז אין „בבל״, אין חוץ־לארץ, קען מען לאנג ניט לעבען, נאר אין ארץ־ישראל קען מען לאנג לעבען. מיר זעהען עס ניט אזוי. עס איז ניט קיין כלל. מען לעבט אין בבל אמאל מעהר ווי אין ארץ־ישראל. עס שטארבען אין ארץ־ישראל אפטמאל איינגערע ווי אין חוץ לארץ. עס זיינען דא אין בבל יונגע און אלטע און דאסזעלבע אין ארץ־ישראל. נאך מעהר וואונדער איז, ווייל עס שטעהט געשריבען א פסוק „למען ירבו ימיכם״ וגו׳ „על האדמה״ כתיב, דאס מיינט נאר די תורה אויפ׳ן כלל, אז זיי וועלען היטען די תורה און מצות, וועלען זיי לאנג זיין אין ארץ־ישראל, קיינער וועט פון זיי ניט צונעהמען דאס לאנד, אין כלל.

נאך מעהר וואונדער איז, אז מען דערצעהלט צו רבי יוחנן, אז די אידען פון בבל קומען פריה און אבענד אין שוהל, זאגט ער, אז דעריבער לעבען זיי לאנג, און מיר זעהען דאך, אז עס איז ניט אזוי, גאר ניט אזוי. ניט די שוהל־געהער לעבען לענגער פאר די אנדערע, ניט די אנדערע חברה־לייט שטארבען פריהער פאר די שוהל־געהער. די שוהל — ניט זי גיט לאנג לעבען און ניט זי פארקירצט דעם לעבען.

ווי אזוי האט דער איד, קרוב צו נייטצעהן הונדערט יאהר אין גלות, געקענט עקזיסטירען אויף דער וועלט; אין גאס האט ער קיין צורה ניט געהאט, קיין מאכט אויף דער וועלט האט ער אין ערגעץ ניט געהאט; פאגראמען, רויבערייען, געמארדעט האט מען איהם. בערך פיער און צוואנציג מיליאן זיינען אומגעקומען אויף „קידוש השם״, זיין בלוט איז אין אלע ימים געגאסען געווארען. אינקוויזיציעס גע־האט און אלע צרות; א געלע לאטע האט ער פאר א סימן געמוזט טראגען; זיינע קינדער האט מען געמארדעט ביי איהם אויפ׳ן האנט, ביי דער מוטער אויפ׳ן שויס; מען האט געברענט זיין תורה און איהם אליין.

און צום סוף — ישראל לעבט און איז גרויס, און האט א מאכט אין פיעלע לענדער, און פון זיין תורה איז ניט געמינערט געווארען.

אין געגנענטהייל: גרעסער און גרעסער, מיט מעהר סייגים איז יעצט די תורה. און דאָס איז דער וועלט'ס וואונדער. דאָס איז די פראגע וואס קען ניט פאַרענטפערט ווערען. וואו זיינען די אַלטע פעלקער? ווען זיי זיינען איינגענומען געוואָרען פון אנדערע פעלקער זיינען זיי מיט דער צייט אין גאַנצען אונטערגעגאַנגען. וואו איז עמון? וואו איז מואב? וואו זיינען די כסלוחים? וואו איז פּדלף? וואו איז ידלף? מיר טראַמפּלען אויף די קברים פון די אונטערדריקער אונזערע! ווי אַזוי איז דאָס? ווי האָט ישראל געלעבט? און ער לעבט, און אַלע מוזען צוגעבען, אַז ער איז יעצט צום לעבען אייביג. דאָס איז דער וועלט'ס וואונדער! ישראל שטעהט אימער און זאָגט „אתה בחרתנו מכל העמים"( „אהבת עולם אהבתנו", „אהבה רבה אהבתנו".

אמת, אין דער גאָס איז דער איד געווען „שפל ונבזה", אָבער דעם אידען האָט אויפגעהאַלטען די שוהל זיינע. אין גאַס האָט ער פיעל מאָל ניט געטאָרט זיך ווייזען, מען האָט איהם געמאַכט צו שאַנדע און צו שפּאָט, אָבער אין שוהל איז ער דער גאַנצער קנאַקער, אַ פעטע עליה! סטייטש, ווער בין איך דען? איך בין דאָך דער און דער. אין שוהל האָט ער געפיהרט די גרעסטע גדלות, דער פאַרדארטער, צושלאָגענער אידעלע, האָט אין שוהל געזאָגט: איך לאַך פון זייערע קעפּ, די אַנטיסעמיטען... עס וועט קומען אַ צייט, אַז ביי ניין הונדערט שטיק וועלען זיך שלעפּען נאָך מיינע ציצית, און ער האָט זיך אויסגעזונגען ברייטלאַך „אתה בחרתנו מכל העמים".

אַלזאָ, אַז מען איז געקומען צו רבי יוחנן און מען האָט איהם געזאָגט, „איכא סבי בבבל" — אין חוץ לארץ, אין אַזעלכענע גרויסע יסורים וואס דער איד ליידעט, זיינען נאָך דאָ אַלטע לייט, האָט ער זיך פאַרוואונדערט: ווי קען עס זיין? ווייל ווען קען אַ פאָלק לעבען לאַנג, ווען עס האָט אַ לאַנד, אַ מלוכה. אָבער אין אַזעלכע יסורים און צרות ווי קען דאָס זיין? „למען ירבו ימיכם על האדמה כתיב", וואו קען מען לאַנג עקזיסטירען, אין אַ לאַנד, מיט אַ לאַנד, מיט אַ מלוכה; ווי קען אָבער לעבען אַ פאָלק לאַנג אין אַזעלכע רדיפות, — איז אַז מען האָט איהם געזאָגט, אַז דער איד אין חוץ־לארץ געהט אין שוהל און ער קומט פריה און געהט אַוועק שפּעט, און דער עיקר איז ביי זיי די שוהל, זאָגט ער, דאָס קען זיין. „הני דאהני להו" — דאָס האָט זיי געהאָלפען. די שוהל גיט זיי די גרויסע האָפענונג; אין שוהל זיינען זיי „אתה בחרתנו־ניקעס"; אין שוהל הערען זיי די היילינע דרשות; די שוהל גיט זיי האָפענונג לעתיד, „אָמר הני דאהני

להו"—די שוהל איז זייער לעבען, אין שוהל האבען זיי געלערענט די הייליגע תורה, און דאס האט זיי געגעבען לעבענס־כח אריבער־צוטראגען אלע צרות, די האפענונג האבען זיי באקומען אין שוהל, דעם תענוג רוחני, וואס האט זיי געגעבען לעבען, און אלעס...

# לכבוד תלמידי חכמים

(ברכות, דף ח׳).

„אם שמוע תשמע, אם שמוע בישן, תשמע בחדש".

די גמרא זאגט אין שבת (דף קי"ט) „המבזה ת"ח אין לו רפואה למכתו". וואו איז דא די „מדה כנגד מדה", אז מען איז מבזה א תלמיד חכם איז קיין רפואה צו זיין חולאת אדער מכה ניטא?

נאר דאס איז אזוי: די גמרא זאגט (אין ב"ק) „ורפא ירפא, מכאן שניתן רשות לרופא לרפאות". פון וואנען נעהמען די חכמים אונזערע, אז עס איז א רשות צום דאקטאר צו היילען א קראנקען, כאטש דער רבוש"ע האט איהם קראנק געמאכט. עס איז מותר פאר דעם חולה צו רופען א דאקטאר, און פאר דעם דאקטאר צו קורירען דעם חולה, ווייל עס שטעהט דאפעלט „ורפא ירפא". עס איז פאראן א פלוגתא, אז וואו עס שטעהט אן איבעריגערווארט, זאגען אנדערע, אז עס איז צו ווייזען א דרש, און אנדערע זאגען: ניין! עס ווייזט אויף גאר ניט, נאר דאס וואס עס איז דא אן איבעריגער ווארט איז, ווייל „דברה תורה כלשון בני אדם", די תורה רעדט אפט מיט דער שפראך פון מענשען.

יעצט צום ענין. „אם שמוע תשמע" איז דאך דאפעלט, דארום זאגען זיי, „אם שמוע בישן תשמע בחדש", אז דער תלמיד חכם זאגט אן אלטע שטיקעלע תורה און מען וויל עס הערען, דאן וועט ער אויך הערען די נייע... אבער אז דער וואס וויל ניט הערען די אלטע, איז מן הסתם לערענט ער ווי דער וואס זאגט „דברה תורה כלשון בני אדם" איז פון שמוע תשמע קיין באוויז ניט, אז מען מוז הערען אלטע תורה. אויב אזוי, מיין טייערער, אז דו וועסט קראנק ווערען וועסטו ניט האבען קיין רפואה, ווייל עס איז ניט קיין באוויז פאר דיר פון „ורפא ירפא", „שניתן רשות לרופא לרפאות"—דו האלטסט דאך, אז „דברה תורה כלשון בני אדם", דארום, המבזה ת"ח—ווייל

ער וויל ניט הערען זיינע תורה, ווייל דער חכם זאגט אלטע... אין לו רפואה למכתו, טאר ער קיין דאקטאר ניט נוצען. אומגליקליך איז דער יעניגער, וואס איז מבזה א תלמיד חכם.

# תורה ודרך ארץ

(ברכות, דף יו"ד)

מאי דכתיב פיה פתחה בחכמה, וכו' וכו' יינק משדי אמו ואמר שירה — —

די דריטע פון די „ארבעה אבות נזיקין", איז — ביזנעס, מסחר, פרנסה זוכען, און דער „קול המון" איז, וואס טהוט מען ניט פאר „פרנסה" — און זיי טהוען טאקע אלעס אפ פאר פרנסה... מען דאווענט ניט צוליעב פרנסה, קיין תפילין צוליעב פרנסה, „חלול שבת" צוליעב „פרנסה", גבינה, גזילה, רציחה צוליעב פרנסה — שבועת שוא — שקרים, לה"ר, רכילות, „שנאת חנם" צוליעב פרנסה, אלזא אויף אלעס איז דער „תירוץ" — פרנסה...

יעצט קומט אהער מיינע טהייערע, איך זעה אלע טאג מענשען אין די הונדערטע, און זיי זיינען ביזנעס לייטע, און זיי דאווענען, זיי האלטען שבת כדת וכדין... און כאפען אריין אמאל א פרק משניות, אדער אייניגע קאפיטלאך „תהלים" — און דאך זעהען מיר אז זיי עקזיסטירען, נאך בעסער אמאל, ווי די יעניגע וואס זיי האלטען ניט פון שבת'דיגע אבות (מלאכות) און זיי האלטען פון מוטערם בעסער (אלעס איז מותר)

איך מוז אייך אליין דערצעהלען, טאקע פון מיר אליין: פינף און דרייסיג יאהר האב איך געהאלטען „רבנות" און געזאגט דרשות, און געשריבען „ספרים", און געמאכט א גוטען לעבען, מיר האט מיט השי"ת'ס הילף גאר ניט געפעהלט, און דאך האב איך גע־האסט דעם סארט לעבען, ביז גאט ב"ה האט מיר געהאלפען, איך בין אריין אין ביזנעס, און דוקא איז אזא ביזנעס וואס מען מוז האנדלען מיט ניינציג פראצענט ניט קיין אידען, און איך מיט מיין פרומען פארטנער, האלטען געשלאסען דריי גרויסע סטארס, מיט גרויסע עקספענסעס, גאר גרויסע, שבת יו"ט, אפילו פורים יום טוב, און נאך זמירות, אלע זמירות ח"ו ניט פארפעלען, עפענט מען שבת אבענדס

שפעט, און דערביי נעבען אונז, זיינען צוויי אזעלכע סטארס, וואס האלטען אימער אפען... אבער אימער... איינע איז שוין פארמאכט, די צווייטע וואקעלט זיך, און מיר מאכען גאט צו דאנקען זעהר גוט, און דווקא מיט גוים מעהר ווי מיט אידען ....

רעדט זיך ניט איין, אז מען מוז מחלל שבת זיין צוליעב מאכען א לעבען ... דאס איז נאר א תירוץ ... וואס זאל איך טאהן אז מען מוז מאכען א לעבען! די ביזנעס לייט, וואס היטען זייער רעליגיאן, ביי זיי איז תורה מיט דרך ארץ צוזאמען. זיי היטען די תורה ווייל זיי היטען די מצות התורה איז אזוי ווי זיי וואלטען טאג און נאכט לערנען.

„ינק משדי אמו", ער האט געדארפט זייגען פון דער כלל מוטער'ס בריסט. פון דער ערד, דאס הייסט מאכען א לעבען, „ואמר שירה", געדאווענט געלערענט מקיים געווען אלע מצות, און געדאנקט גאט וואס ער דארף ניט זייגען דאס הייסט מאכען א לעבען, ממקום הטנופת, פון אלע שמוציגע פלעצער, דאס הייסט פון אלעם וואס פאלט אריין אין האנד, חלול שבת, און אלעם טאהן וואס מען טאר ניט טאהן, דאס הייסט ממקום הטנופת ....

# צדיקים ורשעים

„צדיקים במיתתן נקראים חיים, רשעים בחייהם נקראין מתים".

דער יצה"ר אין זיין פאך, איז דער גרעסטער העלד. ער קען מאכען פון מאום שעהן, פון אונגליק — גליק, ער קען פארבלענדען די אויגען. אפילו דעם קלענסטען, דער וואס לאזט זיך נאר פארפיהרען פון איהם. די גרסטע קראפט האט ער איינצורעדען, אז „לית דין ולית דיין", דו מענשעלע לעב א טאג, וואס ווייסטו וואס מארגען וועט זיין? לעב היינט, פיליכט שטארבסטו מארגען! לאז זיך ניט איינרעדען פון די זא־גערופענע חכמים, וואס מען רופט זיי "תלמידי חכמים", וואס זיי דערצעהלען דיר, פון „שכר" און „עונש", יענע וועלט איז ניטא. און אז דו וועסט זיי פאלגען, וועסטו ניט האבען די וועלט אויך. לעב און דאס אלעס!

די וואס פאלגען און פארקריכען אין תאוות עולם הזה, די ווערען אבגעטויטעט פון „עולם הבא", מעהר ווי דאס וואס ער זעהט דא,

וואָס ער זאָגט מען הארף לעבען אַ טאָג און מעהר וויל איך ניט וויסען, זיי פערקריכען צוליעב זייער לעבען דעם טאָג, אַזוי ווייט, אַז זיי ווערען „רשעים גמורים", און אויף זיי זאָגען די חכמים „רשעים בחייהם" די רשעים מיט זייער וועלען לעבען אין די אַלע תאוות, דאָרום פאַר־לירען זיי יענע אייביגע וועלט, דאָרום „נקראים מתים" ווייל זיי טוהען קיין גוטעס גאָר ניט אויף דער וועלט, איז יעדער מינוט אָבגעשטאָרבען פאַר זיי.

„צדיקים" לאָזען זיך ניט פאַרפיהרען אין בלאָטע, און זיי געהען ניט נאָך קיינע תאוות, נאָר זיי פאַרברענגען אין גוטע טהאַטען יעדען טאָג, איז דער טאָג לעבעדיג פאַר זיי. „צדיקים במיתתן" די צדיקים מיט זייער אָפּטויטען די אַלע תאוות, און זיי לעבען טאַקע ניט אַזוי גליקליך אויף דעם עולם השפל, דאָדורך אָבער „נקראין חיים", ווייל זיי האָבען די עוויגע וועלט, און אפילו אויף דער וועלט, טוהענדיג די גוטעס „נקראין חיים", ווייל דער טאָג איז ניט אָבגעשטאָרבען, און זיי לעבען אָפּט צופרידענער ווי יענע...

# תפלותינו

ברכות, כ"ו.

„אַברהם תיקן תפלת שחרית, שנאמר וישכם אַברהם בבקר אל המקום אשר עמד שם ואין עמידה אלא תפילה. יצחק תיקן תפלת מנחה, שנא' ויצא יצחק לשוח בשדה, ואין שיחה אלא תפילה, שנא' תפילה לעני כי יעטוף ולפי ד' ישפוך שיחו. יעקב תיקן תפילת מעריב, שנאמר ויפגע במקום וילן שם, ואין פגיעה אלא תפילה", וכו.

אונזער פּאַטריאַרך, אברהם, דער וואָס האָט געגרינדעט דאָס יודענטום, דעם גאַנצען אָרדען „ברית אברהם", דער ערפינדער פון דער אמת׳ער גאָטהייט, דעם ריכטיגען באַשעפער פון דער וועלט, ווען ער האָט אויסגעפונען, איז ער אַלט געווען דריי יאָהר. ווען איינער געהט אַראָפּ פון וועג און ער וואַרפט אוועק זיין רעליגיאָן, זיין טראַ־דיציאָן, זיין גאַנצע הייליגקייט, רופט מען עס, דאָס ער שלאָפט, ווי דער נביא זאָגט אויף אַזעלכע חברה: „עורו ישנים משנתכם", שטעהט אויף, שלאָפענדיגע, פון אייער שלאָף, וואַכט אויף פון אייער פינסטע־רען שלאָף... און ווען ער ערוואַכט פון זיין שלאָף און ער ווערט גוט, דאָן הייסט עס, אַז ער איז אויפגעשטאַנען, ער האָט ערוואַכט.

יא, עס ווענדעט זיך, ווען ער שטעהט אויף: אין דער יוגענד אדער גאר אויף דער עלטער. אין דער יוגענד לעבען הייסט שחרית, אין דער פריה; מיטעל לעבען הייסט „צהרים“, מנחה צייט; אויף דער עלטער הייסט מעריב, אבענד צייט. אברהם אליין איז אויפגע־שטאנען פון דער יוגענד, גלייך אין פריהמארגען, זעהר פריה. „בן ג׳ שנים הכיר אברהם את בוראו“, ווען ער איז אלט געווען דריי יאהר, האט שוין אברהם ערוואכט פון זיין פאטערס געצענדינעריי און ער האט אנערקענט די גאטהייט אין דער פריה — „וישכם אברהם בבקר“, באלד אין דער פריה, און ער האט געוויזען די גאנצע מענשהייט, אז א מענש דארף ניטווארטען אויף שפעטער תשובה צו טהאן. אויפ־געשטאנען פון שלאף זעהר פריה, „וישכם אברהם בבקר אל המקום אשר עמד שם“, ואין עמידה אלא תפילה...

יצחק איז געקומען און ער האט באטראכט. אמת טאקע, מיין טאטע איז גערעכט, אז אזוי דארף עס זיין, באלד אין דער יוגענט דארף א מענש תשובה טהאן, ער דארף אויפשטעהן פריה, אבער וואס טהוט מען מיט די לייטע וואס זיינען פארשלאפען עטוואס מעהר ווי א העלפט יאהרען? וואס טהוט מען מיט זיי? מען טאר זיי ניט לאזען אזוי, אז זיי זאלען בלייבען אין א פינסטערען שלאף. ניין, מען מוז זוכען פאר זיי א תקנה. האט ער פאר זיי געפונען, און ער זאגט צו זיי: הערט, מיינע טייערע ברידער! איהר זייט פארשלאפען גע־ווען ביז העלפט יאהרען, מיינט ניט, אז איהר זייט פארפאלען. ניין, דענקט עס ניט. גאט וועט אייער תשובה אננעהמען. האט קיין מורא ניט, השי״ת זאל אייך אריינגעבען אין זינען, אז איהר זאלט נאר זיך שטארקען און אויפשטעהן, כאטש יעצט, וואס איהר האט אפגעשלאפען שוין מעהר ווי א האלבען לעבען. איך האב פאר אייך מתקן געווען א תפילת מנחה, כאטש עס האט זיך שוין באוויזען ביי אייך דער פארנאכט, איהר כאפט שוין גרוי ווערען, עס איז שוין „צהרים“, מיטאג־צייט, איהר זייט שוין ביי פערציג יאהר, טהוט תשובה און גאט וועט אננעהמען. „יצחק תיקן תפלת מנחה“, פאר זיי, פאר די פארשלאפענע, „שנאמר ויצא יצחק לשוח בשדה“, יצחק איז ארויס־געגאנגען רעדען מיט די, וועלכע זיינען אביסעלע צו שפעט, נאר ניט אויפגעשטאנען, און „ואין שיחה אלא תפילה“, ער איז מתקן פאר זיי אויך א תפילה „לפנות ערב“, עס קעהרט זיך שוין פאר זיי אפילו דער פארנאכט, שוין האלב־גרויע האר, „ואין שיחה אלא תפילה“, שנא׳ „תפלה לעני“, אן ארימערע תפלה, עס איז שוין ניט קיין שחרית תפילה, די תשובה פון אין דער פריה, „כי יעטוף“, א פארשפעטיגטע

תפלה", אָבער עס איז נאָך צייט, „ולפני ד' ישפוך שיחו" און פאַר גאָט זאָל ער מתפלל זיין, עס וועט איהם נאָך העלפען.

יעקב איז געקומען און האָט געזאָגט: מיין זיידע איז גערעכט, און מיין טאַטע אויך. אָבער וואָס טהוט מען מיט די שטאַרק-פאַרשלאָ־פענע אידעלאַך, וואָס זיי האָבען די מנחה צייט אויך פאַרשלאָפען, און זיי זיינען שוין איבער זעכציג יאָהר, און זיי האָבען נאָך געשלאָ־פען ביז יעצט, עס איז שוין מעריב... קען זיי דער יצר הרע איינרעדען, אַז זיי זיינען שוין פאַרפאַלען?... ניין, מיינע טייערע, איך האָב פאַר אייך אויך א תקנה: „יעקב תיקן תפילת ערבית", שנא' „ויפגע במקום וילן שם", ואין פגיעה אלא תפילה, וכו', פגיעה איז תפילה, פגיעה איז שלאָגען, איהם קומט אפילו קלעפּ פאַר'ן ניט אויפשטעהן ביז יעצט, אָבער פגיעה איז אויך תפילה, איהר קענט נאָך מתקן זיין מיט תשובה, און גאָט ב"ה, דער רחום וחנון, וועט אייער תשובה אָנ־נעהמען — יעקב תיקן תפלת ערבית, ודו"ק.

# מדה כנגד מדה

ברכות, כ', ע"ב.

„אָמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה, כתוב בתורה אשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד, והאיך אתה נותן פנים לישראל? אָמר הקב"ה לאיך לא אשא להם פנים? אני כתבתי בתורה ואכלת ושבעת וברכת והם מדקדקין על עצמן, עד כזית, עד כביצה".

די אפיקורסים וואָס גלויבען ניט פרעגען, וואָרום זעהט מען ניט היינטיגע צייטען קיינע נסים ונפלאות, ווי אין די אמאָליגע צייטען?

איך האָב שוין גענוג געשריבען אין מיינע ספרים און אויפגע־וויזען, ווי נאַריש זיי רעדען, און דאָ, אין דעם ספר, וואָס יעדער מאמר וועדט באַשריבען קורץ, וויל איך ניט זיי ענטפערען, נאָר פאַר אונז אליין, מיר זאָלען פאַרשטעהן, דורך אמונה, אַז עס וואָלט ניט גוט געוועזן צו האָבען אימער נסים.

וואָרום דער רבוש"ע ווייזט זיך ניט מיט זיין עהרע צו אונז מענשען, ווי ער האָט זיך באַוויזען אויף דעם ים, ווי די חכמים זאָגען: „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל על נהר כבר"... איז דאָס נאָר, אַז דער אייביגער וואָלט זיין עהרע באַוויזען, דאַן וואָלט טאַקע

ארויסגעקומען א טובה פאר אונז, ווארים ניט לייכט וואלט געווען פאר א מענשען צו זינדיגען, ווען ער וואלט גאט געזעהן.

אבער באמת איז דאס ניט קיין טובה, ווייל דאן וואלט גאר קיין יצר הרע אויף אונז ניט שולט געווען, וואלט גאר קיין מעלה ניט געוועזען, ווען מיר וואלטען געדיענט צו השי"ת, ווייל וואס פאר א מעלה איז עס, אז דער מענש האט ניט קיין מלחמה אין איהם צווישען יצר טוב און יצר הרע.... דארום פארבארגט השי"ת זיין פנים פון אונז, כדי מיר זאלען טהאן גוטעס דורך מלחמת הטוב והרע און דורך דעם זאלען מיר גליקליך זיין בעולם הבא.

ווען איינער הויבט אויף זיין פנים דאן זעהט מען איהם ריכ־טיג, און ווען ער לאזט אראפ נידעריג זיין פנים, דאן זעהט מען איהם ניט, ווייל עס ווערט פארדעקט זיין פנים. דאס איז וואס די מלאכים וועלען לעתיד לבוא זאגען צו השי"ת: „רבוש"ע, דו האסט דאך אין דער תורה געשריבען „אשר לא ישא פנים", דו ביזט ניט נושא פנים, דאס הייסט, אז דו הויבסט ניט אויף דיין פנים, אז מען זאל דיינע נסים זעהן, כדי דער מענש זאל זיך אליין ארויפארבייטען...

און לעתיד לבוא, אויף די האפענדע קינפיגע צייט, בענשען אונז די כהנים פון דיין תורה, וואס דו האסט זיי געהייסען אונז בענשען, אז לעתיד לבוא, „ישא ד' פניו אליך" און דאן וועט ניט זיין קיין מלחמת היצר, נאר „וישם לך שלום"...

ענטפערט זיי השי"ת: גערעכט זייט איהר. א פראגע איז דאס. אבער זייט וויסען, מיינע טייערע, אז איך צאהל „מדה כנגד מדה". איין מאל מוז איך דאך זיי באצאהלען. איך קען זיי ניט געבען בעולם הזה, אבער איך מוז זיי באצאהלען „לעתיד לבוא". וועט איהר פרעגען: „וואו איז די מדה כנגד מדה"? זייט וויסען, אז זיי טהוען פאר מיר אזעלכע זאכען, וואס דער יצר הרע רעדט זיי גאר ניט צו דאס ניט צו טהאן. אומגעפעהר: איך האב געשריבען אין דער תורה, „ואכלת ושבעת וברכת", אז דו וועסט עסען צו זאט, מוסטו בענשען, אלזא, אויף זאט זיך אנעסען האבען זיי אן אנזאג, און אויף וואס עס איז דא אן אנזאג איז דא א יצר הרע. אויף ניט צו בענשען ברכת המזון, אז זיי עסען א כזית אדער אזוי גרויס ווי א ביצה, דא רעדט זיי דער יצר הרע גארניט צו ניט צו בענשען, ווייל זיי זיינען דאך ניט מצווה... און דאך „והם מדקדקין עד כזית עד כביצה", אויף דעם האבען זיי ניט קיין מלחמת היצר און זיי טהוען עס, דארף איך

זיי באַצאָהלען מדה כנגד מדה, אז לעתיד לבוא, זאָל שוין זיין „וישם לך שלום" אין מלחמת היצר, ודו"ק.

# לשם שמים

(מגילה, י"ג).

„לקחה מרדכי לו לבת. א"ת לבת אלא לבית.

דאָס הייסט, ער האָט איהר גענומען פאַר א פרוי — ער האָט גע־הייראָט מיט איהר. אַזוי זאָגט מהרש"א, איז אָלץ קשה, וואָרום זאָגט ניט די מגילה „לבית", אָדער „ותהי לו לאשה"? דער געדאַנק דערפון איז אַזוי: אין שידוכים איז פאַרשידען ביי די מענשען, ווי אַזוי זיי זוכען א פּאַרטי פאַר זיך. פּאַרצייטען — דאָס מיינט מען ניט מיט הונדערטער יאָהרען בעפאָר. מיר געדענקען עס נאָך. אַזוי איז געווען דער שטייגער, אַז מען האָט גענומען זוכען א פּאַרטי פאַר זיך, איז די ערשטע זאַך נאָכגעקוקט געוואָרען פון וועמען זיי שטאַממען, פון וואָס פאַר א פאַמיליע און אַזוי ווייטער. געלט זאָכען זיינען ניט געווען דער עיקר. אַנדערע האָבען געזוכט שעהנקייט, אַנדערע געלט — דאָס געלט איז געווען דער עיקר. און אַזוי איז יעצט. נאָר א מקצת, א גאַנץ קליינע צאָהל, זוכט יעצט א יחוס שידוך, אַז זי אָדער ער זאָלען זיין פרום, זיי זאָלען האַלטען אידישקייט.

פּיעלע, איבערהויפּט יעצט, זוכען נאָר געלט, ווייטער אַרט זיי גאַנץ וועניג, אידיש אָדער ניט, דאָס קימערט זיי ווייניג. די גמרא זאָגט אין סוטה י"ב ע"א א"ר יוחנן כל הנושא אשה לשם שמים, מעלה עליו הכתוב כאלו ילדה, דער וואָס נעהמט א פרוי, אַזאַ פרוי ווי גאָט האָט געהייסען, אַז זי זאָל זיין, א פרומע עהרליכע טאָכטער, וועלכע זאָל פיהרען א כשר'ע אידישע הויז, אַזאַ פרוי הייסט ווי ער וואָלט איהר געבאָרען, ווי זי איז זיינע א טאָכטער...

דאָרום זאָגט די מגילה „ותהי לו לבת", זי איז געווען צו איהם א טאָכטער. קומט צוגעהן די גמרא און זאָגט: „אל תקרי לבת", דו קענסט אַזוי ניט לייענען, אַז זי איז זיינע א טאָכטער, ווייל זי איז דאָך דאָס ניט, ער האָט איהר ניט געבאָרען, „אלא לבית", ער האָט איהר גענומען פאַר א פרוי, איז דאָך די פראַגע, וואָרום זאָגט ניט אַזוי די מגילה, „לבית", ווייל מרדכי הצדיק האָט איהר געהייראָט, די יתומה, געווים ניט צוליעב געלט, נאָר צוליעב איהר הייליגקייט, צו־

ליעב איהר יחוס, צוליעב דעם ווייל זי איז אליין א צנועה, דארום האט מרדכי איהר געהייראט, און כל הנושא אשה לשם שמים, כאלו ילדה, ווי די גמרא זאגט אין סוטה י"ב. — דארום גיט די מגילה דאס אן־צו־הערען „ותהי לו לבת", אז מיר זאלען וויסעןביידע זאכען, ודו"ק.